STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08216

# LITERARISHE BIHNE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ליטעראַרישע ביהנע

א זאמלונג פון

## אריגינעלע אידישע
## טהעאַטער־שטיק.

ליטעראַרישער פערלאג
256 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק

# אינהאַלט :

מ א ר ק  א ר נ ש ט י י ן : דאָס אייביגע ליעד.
(א בילד פון ארבייטער לעבען אין איין אקט).

אָ ס י פּ  ד י מ אָ ו ו : שמע ישראל.
(דראמא אין דריי אקטען).

ג. ט ש ו ר נ י : נאָכ'ן שטרייק.
(קאָמעדיע אין דריי אקטען).

ד ו ד  פּ י נ ס ק י : אייזיק שעפּטעל.
(ארבייטער דראמא אין דריי אקטען).

י צ ח ק  ק אַ צ ע נ ע ל ז אָ ה ן : בחורים.
(קאָמעדיע אין איין אקט).

י צ ח ק  ק א צ ע נ ע ל ז אָ ה ן : דעקאדענט.
(קאָמעדיע אין איין אקט).

טעאטער-ביבליאטעק.

№ 3.

# דאס אייביגע ליעד

אַ בילד פון אַרבייטער-לעבען אין איין אַקט.

פון

מאַרק אַרנשטיין.

װאַרשא, תרס״ז.

## פערזאנען:

גרשון, אַ פאַבריק-אַרבייטער;

פעסע, זיין ווייב;

חנה, זייער טאָכטער;

דוד, אויך אַ פאַבריק-אַרבייטער, וואוינט מיט זיי צוזאַמען.

די זאַך קומט פאָר אין אַ גרויסע שטאָדט, צווישען די פערגאַנגענע-היינטיגע-און קומענדע צייט...

# דאס אייביגע ליעד

געשפּילט אויף פּויליש (איבערזעצט פון פערפאסער) דאס ערשטע מאל אין ווארשעווער דראמאטישען רעגירונגס טעאטר (Teatr Rozmaitości) דעם 25 סעפטעמטער 1901.

אויף יודיש געשפּיעלט דאס ערשטע מאל אין ריגא (יודישע טרופּע ספּעוואקאווסקי און אדלער) דעם 28 אווגוסט 1905.

---

געדרוקט פאר די פּוילישע ביהנען, אין ווארשא — „Gebetner i Wolf",
אין קראקוי — „Gebetner i S-ka",

געדרוקט ספּעציעל פאר יודיש-פּוילישע ביהנען, אין וואכענבלאט: „Wschód" 1901.

---

(אַ קלײנע שטיבעל אויפ׳ן דאָרף (אַ פּאָציאָטעק), אײן טיהר פֿון דער זײַט און די צווײטע — פֿון דער רעכטער זײַט. ס׳איז בײַ נאַכט, עטליכע קינדער שלאָפֿען אויסגעבעט אויף בעקליך, און עטליכע אויף אַ גאַל געצאָרבט צוב אָבען בעטיל. רעכטס זיצט חנה און נייט אַ קלייד בײַ אַ קליין לעמפּיל, לינקס אויף אַ שלאָפֿבאַנק ליעגט פּעסע — און וויעגט אַ ווײנענדיג קינד).

# 1-טע סצענע.

## פּעסע און חנה.

### פּעסע.

(זינגט פערשלאָפען):

שלאָף, מײַן פײגעלע,
מאַך־צו דאָס אײגעלע,
שלאָף, מײַן טײַער קינד;
דער מלאך, דער גיטער
וועט זײַן דײַן היטער...
שלאָף שוין, שלאָף געזונד.

(דאָס קינד האַפּט זיך אויף). וואָס איז ווײַטער פּאַר אַ קלאָג אויף דיר? וואָס האָסטו זיך צוהליפּעט?! אַ שיף איז דיר אונטערגעגאַנגען, אָדער וואָס, צו אַלדע גוטע יאָהר... האָסט געזעהן, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסעל צוריסען... דו הערסט אויף צו וויינען? איך מאַך דאָ פון דיר באַלד אַ באָרג אַש! (זי וויעגט געשווינד און זינגט):

דער מלאך, דער גוטער
וועט זיין דיין היטער...
שלאף שוין, שלאף געזונד.

הנה.

מאמע, דאס קינד איז הונגעריג, דערפאר וויינט ער.

פעסע.

נו, וואס קאן איך איהם טהון, נו? ער איז טאקי הונגעריג, ס'פערשטעהט זיך... בייטאג האט ער א ביסעל מילך געטרונקען, און מעהר האט ער שוין אין זיין מויל גישט געהאט. אומשטיינס געזאגט, זיין הולטייסקער טאטע ימח שמו האט זיך פערהוליעט אין גאס. א גיכער סוף זאל אויף איהם קומען, טאטע זיסער!.. ווי שפעט איז?

הנה.

ס'וועט איצט זיין עלף א זייגער.

פעסע.

שוין עלף! און איהם הערט מען נישט און מען זעהט נישט.
(ס'קומט אריין דוד, א געזונדטער 20-יעהריגער יונגער מאן).

## 2-טע סצענע.

### דיועלבע און דוד.

דוד.

(פרעהליך) א גוטען אבענד! רבי גרשון'ס ווייב איז ווייטער טרויעריג? א גוטען אבענד!

פעסע.

א גוט יאהר. איהר האט נישט געזעהן מיין אלטען?

דוד.

מיר זענען צוזאמען א גאנצען טאג געזעסען ביי דער ארבייט. זיבען א זייגער איז ער אוועקגעגאנגען אינאיינעם מיט עליע

אַרבייטער, נאָר מיר מיט נאָך זעקס האָט מען געהייסען אַרבייטען „פּיראַנט".

פּעסע.

איהר ווייסט נישט, וואוהין ער איז אַוועקגעגאַנגען פון פאַבריק?

דוד.

ווייס איך, אפשר האָבען איהם די חברים אַוועקגעשלעפּט אין באַוואַריע.

פּעסע.

(בּעז) אין באַוואַריע, זאָגט איהר! אַ, זאָל איהם שוין דער מלאך־המות אַמאָל פערשלעפּען, טאַטע זיסער!...

דוד.

(שלאָגט איהר איבער) ע, רבי גרשון'ס ווייב, לאָזט איהם; אַ מאַן איז אַנ'עבירה צו שעלטען. בענשט איהם בעסער, וועט איהם אפשר גאָט אויך בענשען, ווייל דערווייל שטראָפט איהם גאָט עפּעס טאַקי אָהן רחמנות, כ'ווייס נישט פאַרוואָס? וועניג זענען דאָ אַזעלכע, וואָס בערדיענען אויף גאָט'ס שמיץ, פונדעסטוועגען איז זיי גוט, און זיי זינדיגען אַלע מאָל מעהר; און דאָ, אַזאַ אָרענטליכען מענשען ווי רבי גרשון, טשעפּען זיך אַלע אומגליקען. הייסט, למשל... (ער ענדיגט נישט).

פּעסע.

(ערשראָקען) וואָס איז וויטער היינט אונס געשעהן? גאָט דער האַרציגער!

דוד.

עט, חלילה נישט קיין סכנת נפשות, פונדעסטוועגען...

פּעסע.

נו, זאָגט זשע שוין, וואָס איז דאָס אונס געשעהן...

דוד.

די מעשה איז אַזוי געווען: חיים איז געקומען און האָט געוואָלט צונעהמען אייער מאַן'ס אַרבייט, האָט ער זיך, געוועהנליך, נישט געלאָזען, האָבען זיי זיך, מסתמא, גענומען רייסען מיט

דעם קעסטעל, ביז דאס קעסטעל איז צובראכען געווארען און די סחורה האט זיך אויסגעשאטען אויף דער ערד. דער מייסטער איז אנגעקומען און האט פערשריבען רבי גרשונ'ען 2 רובל שטראף.

פעסע.

צוויי רובל שטראף! אזא איין אונגליק האט מיך געטראפען! צוויי רובל! אצונד וועלען מיר דארפען האטש א גאנצע וואך הונגערן!

דוד.

דאס האט זיך טאקי אייער מאן אזוי צום הארצען גענומען, אז ער האט זיך לייכט געלאזט פערפיהרען אין באווארע.

פעסע.

מיין גרשון מוז נעביך דערפון גרויס קרענקונג האבען?

דוד.

ס'פערשטעהט זיך...

חנה.

צי קאן מען דאס שוין נישט אבבעטען? דער טאטע וועט זיי געבען צו פערשטעהן, אז ס'איז נישט זיין שולד, וועלען זיי איהם דאס מאל שענקען...

דוד.

וואס זאגט איהר, חנה... איהר ווייסט זיי נישט, איהר קענט זיי נישט? ווי שטאל זענען זיי... דאס איז שוין פערפאלען!

פעסע.

פערפאלען... (זי זיפצט שווער און פערטראכט זיך, וויעגענדיג דאס קינד, באלד ווערט זי ענטשלאפען, מורמלענדיג): וואס פאר א מענשען דאס זענען... צוויי רובל... אוי, וואס פאר א מענשען... צוויי...

דוד.

(צו חנה'ן) חנה שלאפט נאך נישט?

חנה.

נאך א פאר שעה הויב איך צום ענדיגען דאס קלייד.

דוד.

אָ, ווערט איהר געוויס ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרבייטען. וואָס איז, מאָרגען וועט דען נישט זיין קיין צייט?

חנה.

ניין. דאָס קלייד מוז היינט געענדיגט ווערען. דוד ווייס דען נישט, וואָס ביי אונז טהוט זיך...

דוד.

איך ווייס, איך ווייס... אַ שרעק וואָס דערפון קאָן ווערען! אייער טאַטע בעקומט אין פאַבריק וואָס וויטער ערגערע אַרבייט, און ער אַרבייט טאַקי וואָס אַמאָל ערגער. אינגאַנצען אַ פּאַרטאַטש געוואָרען. וואָס קאָן ווייטער זיין?

חנה.

גאָט וועט נישט פערלאָזען...

דוד.

געוויס. אַז נישט, וואָלט גאָר שלעכט ...

חנה.

אפשר וועל איך מיך צו עפּעס צושלאָגען. כ'וועל זיך צו־נויפקלויבען עפּעס געלד, וועל איך קויפען אַ נעה־מאַשין און וועל בעקומען אַרבייט גלייך פון די קונדשאַפטען, נישט פון דער שניי־דערין, וועל איך מעהר פערדיענען

דוד.

ס'איז גרינג צו זאָגען. אייערע פערדיענסטען אינאיינעם מיט רבי גרשון'ס קלעקען קוים אויף ברויט. וואָס פערדיענט דער טאַ־טע? אינגאַנצען פינף רובל אַ וואָך.

חנה.

וועט ער שפּעטער אפשר מעהר פערדיענען.

דוד.

ע, וואָס אַמאָל ווענינגער פערדיענט ער; וואָס אַמאָל אַרבייט ייר פאַזיאָליער. וואָס אַנ'אַנדערער מאַכט צוויי טויזענד אַ טאָג, מאַכט ער קוים צוועלף הונדערט. איך מאַך צוויי טויזענד דריי הונדערט.

חנה.

(פערוואונדערט) צוויי טויזענד דריי הונדערט!...

דוד.

יאָ, יאָ!... און אַז איך וואָלט זיך מעהר געאיילט, וואָלט איך נאָך מעהר געקאָנט מאַכען. אַז איך וועל האָבען אַ ווייב, וועל איך געוויס אַלע אַרבייטער איבעריאָגען.

חנה.

(געשווינד) דוד האָט דען התונה?

דוד.

ניין, ס'הייסט, געוואָלט, וואָלט איך יאָ...

חנה.

נאָר וואָס?

דוד.

ווייס איך... מען שדכנ'ט מיר. נעכטען האָט מיך אַ שדכן אַוועק־געפיהרט זעהן אַ כלה. טויזענה גילדען האָט זי און אַ דיסטרי־בוציע אויף דער מארק־גאַס.

חנה.

(מיט אַ פערהאַפטען אָטהעם) און איהר זענט דאָרט געוועזען?

דוד.

יאָ, אויף דער גאַס בין איך געשטאַנען און האָב געזעהן, דער שדכן האָט געוואָלט, איך זאָל אַריינגעהן אַהין אויף אַנ'אויס־רעד, פאַפּיראָסען־קויפען... מיט געוואַלד האָט ער מיך אַהין געשטופּט... נאָר איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, איך האָב נישט געוואָלט, ווייל ס'איז געווען מאָנטאָג... איך פערשטעה גאָר נישט, ווי אַזוי מענשען קאָנען קומען צו אַנ'אונבעקאַנט מיידעל מיט אַ שדכן און זאָגען איהר — נישט דיר, נישט מיר: זיי מיין ווייב, און שוין... ווי אַזוי? וואָס... ווען?... אַז ס'וואָלט צו איך, אַ שטיינער, אַזוי איינער געזאָגט, וואָס וואָלט איהר דערויף געענט־פערט? האַ? וואָס?...

חנה.

איך בין אַ יודישע טאָכטער; איך וואָלט געמוזט טהון, ה!

מיין טאטע און מאמע וואלטען געוואלט... נאר איך וואלט זיך שטארק אונגליקליך געפיהלט.

דוד.

ס'פערשטעהט זיך!... וואס דען? ווערען א כלה פאר א מענשען, וואס מען קען איהם נישט, און שוין צו איהם געהערען איינגאנצען... געהן מיט איהם אונטער דער חופה און דערנאך זיצען מיט איהם אין א בעזונדערער שטוב ביי דער גילדענע יויך און שוין הייסען: „מאן און ווייב"... דאס איז שרעקליך! (ער פערטראכט זיך, דערנאך זאגט ער זעהר געריהרט): א גוטע נאכט!

חנה.

א גוטע נאכט! (דוד געהט אוועק צו זיך אין שטוב. חנה בלייבט פערטראכט, דערנאך לעגט זי דעם קאפ אויף דעם קלייד, וואס זי נעהט, און וויינט, פון אנפאנגס שטיל, דערנאך העכער).

## 3-טע סצענע.

### חנה און פעסע.

פעסע.

(האפט זיך אויף פון שלאף) הא?... וואס איז דארט?... חנה, חנה!...

חנה.

(הערט אויף צו וויינען און נעהט ווייטער) וואס איז, מאמע?

פעסע.

(זיך אויפהויבענדיג) א קינד האט דא געוויינט. חיים'קע אהער מלכה, דאכט זיך... ווייסט נישט?...

חנה.

ניין, מאמע. דאכט זיך, אז ס'האט קיינער נישט געוויינט.

פעסע.

(הארכט זיך איין צו די שלאפענדיגע קינדער) זיי זענען נע-

בּיך הונגעריג, מײַנע אָרעמע ווערם, וויינען זיי אין שלאָף. אַ גאָט'ס רחמנות אויף זיי... דו האָסט אָבער אויך טרעהרען אין די אויגען... וואָס איז, בּיזט אויך הונגעריג?

**חנה.**

ניין, מאַמע. פון נישט שלאָפען פערגיסען מיר זיך די אויגען מיט טרעהרען און זיי טהוען מיר וועה. די צווייטע נאַכט שלאָף איך שוין נישט.

**פעסע.**

(שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ) ניין, ניין... דו האָסט געוויינט, חנה....

**חנה.**

ניין...

**פעסע.**

וואָס זאָגסטו מיר, אַ מאַמע דערקענט בּאַלד... יאָ, יאָ. נישט די אויגען, נאָר דאָס האַרץ טהוט דיר געבּיך וועה, מיין קינד. אַ מאַמע דערקענט גוט... אַ בּיטער לעבּען דיינס!

**חנה.**

(וויינט שטיל).

**פעסע.**

נו, וויין שוין נישט, חנה, וויין נישט! זינג דיר בעסער עפּעס צו, זאָלסט נישט ענטשלאָפען ווערען. זעה, דאָס קלייד זאָל היינט פאַרטיג ווערען. (הייסער) מיין חנה! מיין ליעב, האַרציג קינד, מיין איינציגע טרייסט... ווען נישט דו, וואָלט איך זיך האָטש דאַרבּען טרענקען, אַזוי שלעכט איז אויף דער וועלט... (זי ווישט זיך די אויגען מיט דעם פאַרטוך) דער טויט איז גלייכער עהדער אַזאַ לעבּען!...

**חנה.**

(הערט אַליין אויף צו וויינען און טרייסט די מוטער): וויין שוין נישט, מאַמע, גאָט וועט נישט פערלאָזען... עס וועט נאָך אַלץ גוט זיין.

פּעסע.

הלואי, הלואי! ס'איז שוין גאר נישט אזוי אויסצוהאלטען!...

(זי געהט צו'ם וויעגעל און וויעגט זינגענדיג: א... א... א...

שלאף, מיין פייגעלע — —

מאך־צו — — דאס אייגעלע — —

זי ווערט באלד ענטשלאפען. דוד קומט אריין שטיל, פון קיינעם נישט בעמערקט).

## 4-טע סצענע.

### דיועלבע און דוד.

דוד.

(נישט דרייסט) חנה!...

חנה.

(דערפרייט מיט זיין צוריקקומען) וואס?

דוד.

איך האב געהערט, ווי חנה האט געוויינט, הינטער דער טהיר האב איך געהערט. חנה איז נישט בעז אויף מיר דערפאר?

חנה.

(שטיל) ניין

דוד.

(ווי צו זיך) חנה'ן טהוט דאס הארץ וועה... איך פיהל, וואס דאס איז הארץ־וועהטאג. אין פאבריק טרעפט זיך אפט, איך צו־בלוטיג מיר די האנד, אדער איך בעקום אזוי ערגעץ א שווערען קלאפ. איינמאל האט מיר א מאשין די פוס צוגעקוועטשט, און איך האב אזש א פאר וואכען געהוינקען, נאר דאס אלץ איז גאר נישט צו פערגלייכען צו דעם שרעקליכען וועהטאג פון הארץ... וועלכע יסורים קאנען גלייך זיין צו איהם?

חנה.

(האפט אינטער הערצליך, הייס):

דוד לייד'ט אויך? וואס פעהלט אייך דען, וואס?... איהר פערדיענט דאך, צו עסען פעהלט אייך נישט... וואס דען?

דוד.

איך בין דאָך אַ יתום (פּויזע). מיין טאַטען געדענק איך ניט, און די מאַמע איז מיר געשטאָרבען, אַז איך בין קוים פיר יאָהר אַלט געווען. אכט יאָהר איז מיר געווען, ווען מען האָט מיר שוין געהייסען אַליין אויף ברויט פערדינען. קיינעם האָט מיין לעבען נישט געקימערט, מיין האַרץ — נאָך ווייניגער... (זיי בלייבען אַ ווײַלע שטיל).

חנה.

(נישט דרייסט) אַז איהר וועט חתונה האָבען, וועט...

דוד.

(שלאָגט איבער ענערגיש) ניין! ניין! ניין!... נאָך וואָס? נאָך ווען?... חתונה האָבען?! (מיט פערדרוס) ע, חנה, וואָס רעדט איהר?...

חנה.

איהר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מאָרגען געהט איהר זעהן די כלה...

דוד.

דער שדכן רעדט מיך צו, אַ מענש — זאָגט ער — דאַרף זיך אָבען אַנאייגען ווינקעל, עמיצען, וואָס זאָל אַ לעפעל וואַרעמס אָבקאָכען... דער שדכן איז אפשר גערעכט, נאָר איך קאָן נישט אַזוי. איך קאָן נישט אַזוי, חנה!...

חנה.

(הייס) דוד!... (זי וויל עפּעס זאָגען און בלייבט שטיל, פערשעמט).

דוד.

זאָגט זשע, חנה, איך וואָלט טאַקי גערן וויסען, וואָס איהר זאָגט דערצו. איהר זענט דאָך אַזוי קלוג!... אַי האָב איך ליעב אַלע נעכט, נאָך דער אַרבייט, דאָ ביי אייך צו זיצען און שמועסען! אַ גאַנצע נאַכט וואָלט איך אַזוי געזעסען, פערגעסענדיג, אַז פינף אַ זייגער אין דערפריה דאַרף מען אויפשטעהן אין פאַבריק אַריין. אין גאָט'ס וועלט וואָלט איך פערגעסען! (נאָך אַ קורצען שטיל-שווייגען) און אַז איהר דערצעהלט אייערע שענע מעשיות פון די שענע פּרינצען און די פערכישופטע בת-מלכות, ווערט עפּעס

דעם מענשען אויפ'ן הארץ, אוש... אוש!.. (ער געפינט נישט קיין ווארט). אי, חנה! דערנאך קאן ריען גאר נישט ענטשלאפען ווערען און ס'וויל זיך גאר נישט שלאפען... ס'וויל זיך נישט אויפהערען טראכטען פון דער שענער וועלט, וואס לעבט דארט, ווייט פון דער פאבריק, ווייט פון דער שטאדט, „הינטער דעם זיעבענטען וואלד, הינטער דעם זיעבענטען בארג"... אי, חנה, דערצעהלט מיר די מעשה! (ער בלייבט זיצען ענטציקט).

חנה.

(דערצעהלט): הינטער דעם זיעבענטען וואלד, הינטער דעם זיעבענטען בארג האט א פישער געוואהנט — א יונגער און א שעגער. אין א וואונדער־שענע שעפערין, וואס האט שעפעלעך געפאשעט אין, ווי א שעפעלע, איז זי ארעם געוועזן, — האט זיך דער פישער פערליעבט, געליעבט האט אויך די שעפערין; מיט א הייסער ליעבע האבען זיי געליעבט ביידע...

אין די שעפערינס אויגען איז דער פישער א פרינץ געוועזען, און דער פישער האט די שעפערין ווי א פרינצעסין געשעצט, נאר ווייל ער האט אויסער ארעמקייט גאר נישט פערמאגט, האט ער גרויס קרענקונג געהאט, וואס ער קאן זיך מיט איהר נישט פערבינדען.

און אמאל איז דער פישער צו'ם טייך אין א פריה־מארגען געגאנגען, אין א פריה־מארגען — נאך א נישט־געשלאפענער נאכט, נאך א נאכט פון זארגען און קלערען און הערצליכע טרעהרען צו'ם גיטען גאטעניו, וואס זעהט אין די ליעבענדע קינדער זיין אייגענע עהנליכקייט...

— „גיב, ליעבער גאטעניו, היינט א גוטען געפאנג! גיב, ליעבער גאטעניו, היינט גאלדענע פישעלעך מיט בריליאנטענע אויגען, גינגאלדענע שיפען אין די ביינדעלעך — די ביינדעלעך זאלען זיין האטש פון פערל!..."

דוד.

(מיט אנ'אפען מויל און בליצענדע אויגען, הערט זיך איין) אי, אי! פון פערל!...

חנה.

און ער האט דאס נעץ אין טייך געווארפען.

נאכדעם האט ער זיך געלעגט אויף דער ערד, און דריי לאנ-

געֶ שעה האָט עֶר מיִט הײסעֶ טרעֶהרעֶן דאָס זאַמד נאַס געֶמאַכט. ווען עֶר איז ווידעֶר אויפגעֶשטאַנעֶן, און האָט דאָס שוועֶרעֶ נעֶץ קוים פון טײַך אַרויסגעֶשלעֶפּט — איז דאָס נעֶץ געֶוועֶן פול מיִט שטײנעֶר!...

דוד.

(מיִט אַ פעֶרדראָס) שטײנעֶר גאָר!... שטײנעֶר!...

חנה.

— „אַי, ליעֶבעֶר גאָטעֶניוּ, גיב האָטש אַ צונד אַ גוטעֶן געֶ־פאַנג! — האָט דעֶר אָרעֶמעֶר פישעֶר געֶבעֶטעֶן אויפס־נײַ — גיב ליעֶבעֶר גאָטעֶניוּ, הײַנט גאָלדעֶנעֶ פישעֶלעֶך מיט בריִלאַנטעֶנעֶ אוי־געֶן, גינגאָלדעֶנעֶ שיפעֶן, און די בײנדעֶלעֶך — די בײנדעֶלעֶך זאָ־לעֶן זײַן האָטש פון פעֶרל!..."

און עֶר האָט דאָס נעֶץ אין טײַך דאָס צווײטעֶ מאָל געֶ־וואָרפעֶן, און עֶר האָט זיך ווידעֶר געֶלעֶגט אויף דעֶר עֶרד, און דרײַ מאָל צוּ דרײַ שעה האָט עֶר מיט זײַנעֶ הײסעֶ טרעֶהרעֶן דאָס זאַמד נאַס געֶמאַכט. און ווען עֶר איז אויפגעֶשטאַנעֶן ווידעֶר און האָט דאָס שוועֶרעֶ נעֶץ קוים פון טײַך אַרויסגעֶשלעֶפּט, איז אין איהם געֶלעֶגעֶן אַ קלאָץ, אַ פעֶרפוילטעֶר!...

דעֶר טײַך און די פײגעֶל האָבעֶן שוין מנחה געֶדאַוועֶנט, די זון האָט שוין געֶזעֶגעֶנט די עֶרד — בײַ דעֶם שלאָפעֶנדיגעֶן טײַך, בײַ דעֶם [illegible]פעֶנעֶם נעֶץ איז נאָך אַלץ דעֶר פישעֶר געֶשטאַנעֶן.

און [illegible] האָט דאָס נעֶץ צום דריטעֶן מאָל אַרויסגעֶ־שלעֶפּט, איז עֶס ג[illegible] ווי אַ שפינוועֶבס וואונדעֶרבאַר לײַכט, נאָר בײַם שײַן פון דעֶר לבנה האָט דעֶר פישעֶר דעֶרזעֶהן, אַז דאָס נעֶץ איז אינגאַנצעֶן פון זילבעֶר, און דאָס נאַסעֶ גראָז, וואָס איז אין איהם געֶלעֶגעֶן, איז אינגאַנצעֶן געֶוועֶן גאָר פון גאָלד!...

דוד.

(עֶרפרײט) פון גאָלד!...

חנה.

אויף דעֶם גאָלדעֶנעֶם גראָז איז אַ קלײן מלאכ'ל געֶלעֶגעֶן, אַ מלאכ'ל מיט ווײַסעֶ, פעֶרלדיגעֶ פליִגעֶל, און דעֶר האָט צום פי־שעֶר זיך אַזוי אָנגעֶרופעֶן:

— „אויפ'ן גרונד פון דעֶם טײַך ליעֶג איך שוין טויזעֶנדעֶר יאָהר! טויזעֶנדעֶר יאָהר, צײַט די וועֶלט איז בעֶשאַפעֶן... ניִשט

פאר איינענע זינד האט מיך גאט דא געווארפען, נאר פאר די זינד פון אדם און חוה..."

„נישט מיך, נאר דעם שלאנג האבען זיי פאר זייער חבר גענומען אין דער ערשטער גן־עדן'דיגער ליעבע, און מיט'ן עסען פון עץ־הדעת האבען זיי מיך בעפלעקט! — דערפאר האט מיך גאט אהער פערווארפען, האטש איך בין בעשאפען געווארען צו זיין דער מלאך פון דער ליעבע...

„דערפאר ליעבען היינט מענשען מיט א ליעבע פון שלאנגען! מיט א ליעבע, וואס קרימט זיי, וואס פער'סמ'ט זיי דאס הארץ און די מענשליכע געפיהלען. די ערשטע, די היילינע, די געטליכע ליעבע איז דערטרונקען, פערווארפען, אין די מענשען איז נאר די שמוציגע תאוה געבליבען...

„מיין ליעבער פישער! וואדף מיך נישט צוריק אין דעם בלאטיגען טייך! נאר צו דיין ליעבער שעפערין טראג מיך אהין. און איך וועל אייך דערפאר מיט אזא גליק בעשענקען, וואס קיינער האט נאך דערפון נישט גענאסען"...

— ווילסטו זשע מיר געבען א קרישטאלענעם פאלאץ פאר מיין ליעבע, פאר מיין טייערע שעפערין? — האט דער פישער געפרעגט — ווילסטו מיר זילבער און גאלד אויך געבען, איך זאל איהר קאנען פערשאפען א גליקליך לעבען, א לעבען אהן הונגער, אהן נויט?

— „מיין ליעבע בעדארף נישט קיין פאלאץ צו איהר גליק און זי ווייס נישט פון הונגער און עסען... דער הונגער און די עבינע לוסט צו זילבער און גאלד — דאס איז גאט'ס שטראף דערפאר, וואס די ערשטע מענשען האבען די ליעבע בעפלעקט".

דער פישער האט דעם מלאך'ס רעד שוין פערשטאנען און האט איהם גענומען אויף דער האנד, געדריקט איהם צו'ם הארצען אויף עביג!... אין דאס זילבערנע נעץ, און דאס גאלדענע גראז האט ער צוריק אין טייך געווארפען...

דוד.

(ענטציקט) איך האב דיך, חנה, אויך אזוי ליעב, ווי יענער פישער!

חנה.

(איבערראשט) דו? דוד??

דוד.

יאָ. און דו? זאָג מיר, חנה, און דו?

חנה.

איך האָב דיך שוין ליעב פון לאַנג!

דוד.

און דו וועסט התונה האָבען פאַר מיר?

חנה.

(בערשעמט) יאָ... אַז דער טאַטע, אַז די מאַמע וועלען בע־שטעהן.

דוד.

און דו וועסט מיך עביג ליעב האָבען?

חנה.

(מיט פלאַם) עביג!

דוד.

(שטאַרק ענטציקט) אַי, חנה, חנה! איך וועל פאַר דיר טאָג און נאַכט נישט אויפהערען צו אַרבייטען, אַז ס'זאָל נאָר דיר גאָר נישט פעהלען, אַז דו זאָלסט אַליין נישט דאַרפען אַרבייטען. און אַז איך וועל נאָר האָבען אַ ביסעל לעדיגע צייט צום אָברוהען, וועל איך זיך ביי דיר זעצען, גאָר אַזוי נאָהענט... (ער זעצט זיך נעבען איהר) האַנד אין האַנד, האַרץ צו האַרץ... אַי, די נשמות איך אינאיינעם!... און ס'וועט אונז אַזוי גוט זיין!...

חנה.

נאַי, ווי גוט!...

דוד.

און אַז דער שלאָף וועט מיר צוקלעבען די אויגען, וועל איך לעגען דעם קאָפּ דאָ, אויף דיין שויס, און דו וועסט מיר ווייטער דערצעהלען פון ווייטען באַגדאַד — — פון די קריסטאַלענע פּאַלאַ־צען — — פון די שענע, גאָלדענע בלומען.... און אַזוי שוין אָהן אויפהער, עביג, עביג... גוט, חנה?

חנה.

אַי, ווי גוט!

דוד.

שטאַרק האָסט דו מיך ליעב, חנה?

חנה.

(מיט א פערהאַפטען אָטהעם) א שרעק ווי שטאַרק!...

דוד.

און דו וועסט מיך קיינמאָל נישט אויפהערען ליעב צו האָבען?

חנה.

קיינמאָל נישט! קיין מאָל אין מיין לעבען! קאָן מען דען אויפהערען ליעב האָבען? וואָס רעדסטו, דוד.

דוד.

מיין גאָלדענע חנה! (ער קושט איהר די הענד, זי וועהרט איהם נישט. מען הערט אָנקומען גרשון׳ן מיט א שפּורליך געזאַנג. שלאָגען זיי איבער פערשעמט... זי האַפּט זיך צוריק צו דער אַר־בייט און ער געהט ענטקעגען גרשון׳ן).

(קומט אַריין, בעמערקט קיינעם נישט, טהוט אויס די קאַ־פּאָטע און וואַרפט זי אין א ווינקעל, דערנאָך — דאָס וועסטעל און בלייבט אין א בלויער אַרבייט־בלוזע. דערביי הערט ער נישט אויף צו זינגען).

## 5-טע סצענע.

### דיזעלבע און גרשון.

גרשון.

אלה תולדות נח —
פון בראַנפען נעהמט מען כח.
בראַנפען איז דער עיקר,
ווייל פון בראַנפען ווערט מען ע

דוד.

(נעדט צו נישט דרייסט) ר׳ גרשון!

גרשון.

(פערשעמט. סטאַרעט זיך נישט געבען צו דערקענען, אַז עה איז א ביסעל שכור) א, דוד! דו שלאָפסט נאָך נישט? שוין האַלבע נאכט, דער פייפער פון פאבריק וועט שוין באַלד וועקען צו דער אַרבייט...

דוד.

איך וויל אייך עפּעס זאגען, ר׳ גרשון.

גרשון.

מארגען, מארגען ביי דער ארבייט זיצען מיר דאך אינאיינעם, געניג צייט האבען.

הנה.

(ציהט דודין ביים ארבעל) לאז אָב א צונה — מארגען, דוד, מארגען...

דוד.

פארוואס דען מארגען? בעסער באלד... באלד... זיין פאבריק שטערט דאס גערויש פון די מאשינען, און דאס, וואס איך וויל אייך זאגען, איז גאר נישט קיין קלייניגקייט!...

גרשון.

(פערוואונדערט) אהא, וואס איז דאס אזוינס?

דוד.

(שטאמעלט ערשראקען) איך... ר׳ גרשון... איהר קענט מיך, דאכט זיך, גוט... אלע מאל... האטש.. פונדעסטוועגען.. דאכט זיך.. דא... דאכט זיך...

גרשון.

(צילאכט זיך) וואס איז דיר, דוד? ס׳האט דיר ווער די צונג אבגעשניטען, אדער ביזט הלילה משוגע געווארען?.... וואס רעדסטו עפּעס, וואס?

דוד.

(זאגט אלץ מיט איין אטהעם) הערט, ר׳ גרשון! איך האב אייער הנהין שטארק ליעב! זייט נישט בעז אויף מיר, איך בין נישט שולדיג. איהר ווייסט, איך בין אנ׳ארענטליכער יונג. אייער טאכטער וועל איך אודאי שעצען און ליעב האבען זעהר! זעהר!...

גרשון.

(סטארעט זיך צו פערשטעהן) דו... דו... האסט ליעב מיין הנה, יא?... (ער רייבט דעם שטערען) האסט זי ליעב? און זי? (צו הנהין) און דו, הנה?

חנה.

(ביינט נוועק דעם קאפ) איך ... איך ...

דוד.

(ענטפערט פאר איהר) זי אויך! יא, יא... נאך זי שעמט

גרשון.

אזוי? נו, איז דאך גאר גוט... ווי־ וילסטו דען נאך?...

דוד.

בעשטעהט איהר. ר' גרשון?

גרשון.

א ודאי! פארוואס דען נישט... (דוד צוקושט זיך מיט איהם). נו, גאנץ גוט. די מאמע ווייס שוין דערפון, חנה?

חנה.

ניין.

גרשון.

זי ווייס נישט! א, וועט זי זיך דאס א ביסעל דערפרעהען. (שרייט) פעסע! פעסע! הער, פעסע!

פעסע.

(הויבט זיך אויף) פערשטוימט זאלסטו מיר ווערען! הולטיי איינער! ביזט שוין געקומען? צלע בעזע חלומות, וואס ס'האט זיך מיר געחלומ'ט די נאכט און יענע נאכט, זאלען מיר אויסגעהן צו דיין קאפ, צו דיין הענד און פיס און צו דיין לייב און לעבען! האסט געזעהן, ווי ער האט זיך דאס א ביסעל צושריען, דער פיאניצע איינער! אין ווייב און קינדער האט ער אינגאנצען פערגעסען, זאלען זיי פון הונגער אויסגעהן, אבי ער זיצט זיך דארט מיט זיינע קאמראדען, וואס פערשלעפען איהם, שווארץ יאהר ווייס וואוהין... א, זאל מען מיך שוין אמאל מיט דיר אינאיינעם בעגראבען, טאטע זיסער! ס'זאל שוין אמאל זיין א סוף פון מיין שווארץ מזל ביי אזא פיאניצע... (זי וויינט).

גרשון.

א פיאניצע, זאגסטו, פעסע? ניין, ס'איז א ליגען. א יוד — זאג איך דיר — איז נישט קיין שכור... אמת, שולדיג זענען די חברים, וואס ארבייטען מיט מיר, שולדיג איז זיינוויל, טרייהטען האט ער

מיך געוואלט, איך זאל זיך נישט צו'ם הארצען נעהמען די צוויי רובל שטראף, וואס דער מייסטער האט מיר פערשריבען, האט ער געהייסען געבען בראנפען. דערנאך האט געטרייסט היים — און האט געשטעלט ביער, נה — ווייטער ביער, משה — בראנפען... מעהר נאר נישט... א יודישער קאפ קאן אבער אזוי פיעל נישט פער־טראגען, האט ער גענומען, מיין יודישער קאפ, און האט זיך אנ־געהויבען צו דרעהען, ווי שמחת תורה מיט די הקפות, להבדיל... (ער זינגט):

„עוזר דלים הושיעה נא!...

פעסע.

שווייג שוין שטיל! דו וועקסט מיר אויף די קינדער!

גרשון.

(נאך העכער) נישט קשה, פעסע! אזעלכע ווייזעם וועלען מיר דער־פאר האבען זעהר א ניכטערען; קיין ביער און קיין בראנפען נעהמט אונזער הוד נישט אין מויל...

פעסע.

(ווארפט ענערגיש דאס וויעגעל, נישט קוקענדיג אויף איהם) וואס רעדסטו, שכור? פערמאך שוין דאס מויל! דוד וועט אין זיין הדר דערהערען, וועט זיין א חרפה און א בושה...

גרשון.

שכור ביזט דו, פעסע?... זעהסט נישט, אז ער זיצט דא?... מיט זיין כלה זיצט ער דאך, מיט אונזער הנה!...

פעסע.

גרשון! געוואלד, גרשון!...

גרשון.

(שטופט דוד'ן, ער זאל צוגעהן צו פעסע'ן) נו, זאג איהר דאס, וואס דו האסט מיר געזאגט. (ער שפעט איהם נאך): אלע מאל.. האטש.. פון קינדווייז.. דא.. דאכט זיך... דערנאך — דער־לאנג מיט אמאל אליין א שיט ארויס! און א סוף... שעם זיך נישט, זי איז דאך דיין מחותנת'טע. זאג, אז דו האסט הנה'ן ליעב ווי דאס לעבען... זעהט, ווי ער קאן דא קיין צוויי נישט צעה־לען... דערפאר אין פאבריק וועסטו נישט געפינען דעם צווייטען בהיר צו איהם...

פּעסע.

(צו דוד'ן) דוד! דאָס איז אַלץ אַנ'אֶמת?

דוד.

אֶמת, ר' גרשון'ס ווייב!... איך האָב אייער הנה'ן ליעב, אייער מאַן איז נישט דערווידער, און איהר וועט אונז אַ ודאי אויך נישט שטערען?...

גרשון.

וואָס פאַר אַ נאַרישקייט דו רעדסט! פאַרוואָס זאָל זי שטערען?... העֶ, העֶ!... (ער לאַכט גוטמוטיג, אַרויסשלעפּענדיג פון דער קעשענע אַ פּיערטעל ברויט, וועלכעס ער לעגט אַוועק אויפ'ן טיש. הנה שפּרייט אויס אויף דעם עק טיש אַ האַנדטוך, דערלאַנגט זאַלץ, מעסער, גאָפּעל, און הערינג אויף אַ טעלער. ער וואַשט זיך צו'ם ברויט און נעהמט עסען, שטיפּענדיג דערביי מיט דער פערשעמטער הנה... אין דער צייט רעדט פּעסע מיט דוד'ן).

פּעסע.

ניין, נישט דאָס... חלילה... נאָר איך מיין... (פאַרזיכטיג) דו ווילסט מיט איהר התונה האָבען? הא?...

דוד.

האָטש באַלד נאָך שבת, ר' גרשון'ס ווייב!...

פּעסע.

(דערלאַנגט אַוש פון פרייד אַ פּאַטש מיט די הענד) גאָט מיין איינציגער! הנה'לע! הנה'שי! (זי נעהמט זי קישען מיט פריידע-טרערען) נו, זאָל זשע אייך זיין מיט מזל! איהר זענט ביידע גאָר וואוילע קינדער, נישטאָ קיין סך אַזעלכע... (פליצלונג ווערט זי אומעטיג) דו ווייסט אָבער, דוד, אַז הנה האָט נישט קיין נדן? קיין אויסשטאַטונג אפילו. האָטש עפּעס וועט זיך מיט גאָט'ס הילף געפינען... מילא, ס'וועט דאָך מוזען זיין... נאָר גאָר קנאַפּ...

דוד.

דאָס אַרט מיך נישט. איך דאַרף חלילה נישט אייער נדן, אַבי געזונד און כח צו דער אַרבייט, וועלען מיר נאָך מיט גאָט'ס הילף אייך אַמאָל קאָנען מיט עפּעס אויסהעלפען. אַכט רובל אַ וואָך פערדיען איך! אַכט רובל! און אַז גאָט גיט — פערדיען איך נאָך מעהר...

גרשון.

יאָ, יאָ! אכט רובל! אַ גאָלדענער ארבייטער איז ער!... די ארבייט פליהט ביי איהם פראַסט פון די הענד!...

פעסע.

(מיט נחת) אַ גאָלדען הארץ האָט ער... נו, געלויבט איז גאָט, וואָס ער פערלאָזט אונז האָטש נישט... דאָס האָט זיך מיין מאַמע אין קבר געמיהט פאַר מיר... גאָט זאָל אייך געבען מזל מיט געזונד און ברכה... (דאָס הארץ איז איהר איבערגעפילט) קינדערלעך! אַי, קינדערלעך!... (זי ווישט אַ טרעהר) שבת אי"ה וועלען מיר שרייבען תנאים מיט מזל, און נאָך יום-טוב, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבען, וועלען מיר מאַכען אַ חתונה!

גרשון.

(שרייט אויס) נאָך יום-טוב! יאָ! באַלד נאָך יום-טוב אין אַ מזל'דיגער שעה!

פעסע.

נו, און איצונד, קינדער, געהט שוין שלאָפען, איהר זאָלט קאָנען פריה אויפשטעהן צו דער ארבייט...

דוד.

לאָזט מיך, איך בעט אייך, נאָך אַ ביסעל מיט חנה'ן זיצען, איך וועל סיי ווי סיי די היינטיגע נאַכט נישט קאָנען איינשלאָפען.

גרשון.

(צו פעסע'ן) לאָז איהם, פעסע, לאָז איהם... שלאָפען וועט ער שוין היינט סיי ווי נישט!... הע, הע, הע!...

פעסע.

אדרבה, אַז דו ווילסט, זיץ זיך מיט איהר ווי לאַנג דיין הארץ גלוסט... שמועסט זיך אויס. איהר זענט דאָך שוין איצונד חתן-כלה... אַ גוטע נאַכט, קינדער!

דוד.

אַ גוטע נאַכט.

פעסע.

(מיט אַ שמייכעלדיגען פאַרוואורף) חנה'לע, דו ווילסט גאָר נישט זאָגען דער מאַמען אַ גוטע נאַכט?

חנה.

(צוקושט זיך מיט דער מוטער) א גוטע נאכט, מאמע.

פעסע.

(דראהעט איהר מיט'ן פינגער) ע, דיר האט זיך שוין אינ־גאנצען דאס קעפעל פערדרעהט... הע, הע! איך קען זיך אויף דעם... נישט קשה... איך געדענק דאס גוט... (זי געהט צו איהר בעט און זעצט זיך אוועק פערטראכט. דוד מיט חנה'ן פערטיעפען זיך אין א שמועס).

גרשון.

(קומט צו פעסע'ן ווי א פערחלומ'טער און זעצט זיך אוועק נעבען איהר) דו געדענקסט דאס אויך, פעסע?... מיר שטעלט זיך דאס אל'ץ פאר די אויגען, גלייך ווי ס'וואלט ערשט געווען...

פעסע.

(פערטראכט) א יאהר ניינצעהן וועט שוין זיין. הא?...

גרשון.

(פערהעכט) צוואנציג ווערט חנוכה.

פעסע.

געדענקסט, וואס פאר א קנאקעדיגער פראסט ס'איז דעמאלט געווען?...

גרשון.

האסט נעבעך געפרארען אין דער פייכטער קעלער־שטוב אינ־איינעם מיט דיין אלטען טאטען... דיינע פערפרארענע פינגער האבען נישט געוואלט די נאדעל האלטען. געדענקסט, ווי איך האב דיר געווארעמט די פינגער אין מיינע הענד?... (ער נעהמט איהרע הענד און ווארעמט זיי).

פעסע.

(זיפצט אב שווער) איך געדענק!...

גרשון.

געדענקסט, ווי איך האב דיינע הענדלעך געריבען אין מיינע גרויסע אויסגעארבייטע הענד, אז די ביינדלעך האבען אזש גע־קנאקט?...

פעסע.

(ווי פון שלאף) איך געדענק!

גרשון.

און אז דאס האט נישט געהאלפען, האב איך מיט דער פארע פון מויל דיינע פינגער געווארעמט, אט אזוי (ער נעהמט איהרע הענד צו'ם מויל), דערנאך האב איך די הענד געקושט, דערנאך דאס פנים, דערנאך די אויגען... געדענקסט?... געדענקסט?!...

פעסע.

(ווי אויבען) איך געדענק... איך געדענק...

דוד.

(האט זיך דערווייל אוועקגעזעצט נעבען חנה'ן און דערצעהלט איהר עפעס שטיל. זי האט אראבגעלאזען די אויגען צו דער ארבייט, נאר צייטענווייז ווארפט זי אויף איהם א ווארעמען בליק. באלד נעהמט זי איינפעדעמען א נאדעל, די הענד ציטערן איהר אבער אזוי, אז זי איז דאס נישט אימשטאנד צו טהון.... נעהמט ער איהרע הענד און ווארעמט זיי אין זיינע. דערנאך קושט ער די הענד, זי לאזט נישט.... די נאדעל פאלט איהר ארויס פון האנד, ער געפינט זי און פעדעמט איין. חנה נעהמט ווייטער נעהען... די אלטע, פערנומען מיט זייער שמועס, בעמערקען דאס אלץ נישט).

גרשון.

אין א וואך ארום זענען מיר שוין חתן=כלה געווען... אין פיער חדשים ארום האבען מיר שוין געהייסען מאן און ווייב... דיין טאטע איז פון אנפאנג געוועזען ביי אונז... מיינע פערדיענסטען, אינאיינעם מיט דעם, וואס דו האסט פערדיענט, זענען אויף אלעם גענוג געוועזען... און מיר זענען געוועזען א לאנגע צייט גאר אינגאנצען גליקליך! ווי לאנג, פעסע'לע?...

פעסע.

א גאנץ יאהר... אז כ'האב נאר דאס ערשטע קינד געהאט, איז אונז באלד שלעכט געווארען. איך האב נישט געקאנט פערדיענען, און די הוצאות זענען גרעסער געווארען, דערנאך בין איך קראנק געווארען, געדענקסט?...

גרשון.

(טרויעריג) אוי, געדענק איך! מען האט שוין דעמאלט גאר נישט געמיינט, אז דו זאלסט נאך לעבען... דיין קרענק האט אלץ

פערצעהרט... א קישען אונטער דעם קאפ האבען מיר דערנאך נישט געהאט... דערנאך איז באלד געבוירען געווארען נאך א קינד, און אויך אינאיינעם — גרעסערע ארעמקייט... אין א יאהר ארום דאס דריטע קינד — דאכט זיך, טאקי חנה? הא?

פעסע.

יא.

גרשון.

דערנאך שוין אזוי כסדר: יעדעס יאהר — א קינד און ארעמקייט, ארעמקייט און א קינד... אך! אך!...

פעסע.

דערנאך איז דער טאטע געשטארבען, קיין נחת האט ער נישט דערלעבט, אין שפיטאל איז ער געשטארבען...

גרשון.

(ווי צו זיך) אצונד וועלען זיי דאס אייגענע ליעד זינגען...

פעסע.

(דערשראקען) ווער?!

גרשון.

(ווייזט אויף חנה'ן מיט דוד'ן) זיי, אונזערע קינדער!...

פעסע.

(שטאמעלט כמעט מיט טרערען) גרשון! וואס זאגסטו?! (זי קוקט א ווילע אויף איהם, א ווילע אויף די קינדער, דערשראקען, פערצווייפעלט... דערנאך וויל זי זיך טרייסטען): פונדעסטוועגען עהדער זיי וועלען דערפיהלען, וואס דאס איז נגרעמקייט און נויט, וועלען זיי דאך פריהער געניסען דאס אמת'ע גליק, דאס זיי'ע לעבען, אזוי ווי מיר... געדענקסט?

גרשון.

יא, יא! — איין יאהר!...

פעסע.

(זיפצט) איין יאהר!... (דאס קינד האט זיך אין וויעגעל צוּוויינט).

חנה.

(נעהמט אין דערצעהלט דערביי דוד'ן, וועלכער קוקט אויף איהר

מיט פלאַמענדע אויגען פון ליעבע): הינטער דעם זיעבענטען וואלד, הינטער דעם זיעבענטען בארג, אין אַ שטיינערנער העל, אין אַ גלעזערנעם קאַסטען איז געלעגען אַ פרינצעסין אין אַ פער׳כשופ־טען שלאָף...

פּעסע.

(וויעגט אין דער זעלבער צייט דאָס קינד און זינגט טרויעריג):

שלאָף, מיין פייגעלע,
מאַך־צו דאָס אייגעלע,
שלאָף, מיין טייער קינד!...

. . . . . . .

דער מלאך, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער...
שלאָף שוין, שלאָף געזונד!...

. . . . . . . .

(זעהר פּאַוואָליע):

דער מלאך, דער גוטער,
וועט זיין דיין היטער...

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)



א. דימאָוו.

# „שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

א דראַמא אין 3 אקטען.

# פּערזאָנען:

| | |
|---|---|
| אהרן שיפער | |
| שרה | זיין פרוי |
| חנה | זייער טאכטער |
| יעקב ענמאן | |
| ר׳ אליהו | יער רב |
| 1-טער יוד | |
| 2-טער יוד | |
| סילקין | אַ מיליטער-דאקטאר |
| א מענש | |

מענער און פרויען.

# ערשטער אקט.

(א צימער ביי שיפער'ן אין הויז, א פראווינציעלע בעל-הבתי'שע ידישע פאמיליע. אין צימער — א אונארדנונג. א צובראכענער לאמפ, שטעהט נישט אנגעצונדערהייד. א ליכט. — ביינאכט.)

## 1

(ביי'ן טיש זיצט אהרן שיפער מיט א בוך, לייענט און שעפטשעט שטילערהייד ווי ער וואלט דאווענען. זיין קאפ פארבאנדאזשירט מיט א ווייסען רייניגען באנדאזש. חנה קומט אריין, שטעלט זיך אב נעבען טהיר.)

**אהרן:** וויפיעל א זייגער?

**חנה:** (ווי זי וואלט נישט הערען, הויבט-אן אומגעהן איבער'ן צימער הין און צוריק; דערנאך — הויבט-אן צו רעדען שנעל מיט א טאן, ווי זי וואלט לאכען פון עמעס). שלעכט. שלעכט. איך ווייס וואס עס וועט פארקומען.

**אהרן:** קיינער קען קיין זאך נישט וויסען.

**חנה:** און איך ווייס. ער וועט שטארבען. אט וועסטו זעהן, אז ער וועט נישט בלייבען לעבען.

**אהרן:** ער האט דען עמעס געזאגט?

**חנה:** די דאקטוירים ווייסען נישט, און איך ווייס. פאר וואס? ווייל אזוי. אט אזוי בין איך שוין. און נאך דעם, ווי מען וועט לעאג'ען מקבר זיין, וועט ווידער עפעס פארקומען.

**אהרן:** ס'איז א גרויסע עבירה אזוי פאראויס צוזאגען.

**חנה:** איך קען בשום אופן נישט פערשטעהן, וואס טהוט זיך דאס מיט איהם? ער וויל פאהרען צוריק, ער בעט, אז מ'זאל איהם צוריק ... קפיהרען אין פעטערבורג.

אהרן: צודען קען מען אַ פֿערוואונדעטען פֿיהרען קיין פּעטער־בורג? אז ער וועט זיך עטוואס פֿערבעסערן, וועלען מיר איהם פֿיהרען קיין פּעטערבורג.

חנה: אין דער פֿריה האט ער מיך גענומען ביי'ן האנד און האט איהר נישט ארויסגעלאָזט, ער האט גאר נישט גערעדט, נאר איך האב אלץ פֿערשטאנען. איך האב איהם געפֿרעגט: דו ווילסט צוריק אין פּעטערבורג? ער האט זיך פֿונאנדערגעוויינט.

אהרן: עס קען זיין, אז ער האט עמיצען דארט. מסתמא, א שען יודיש מיידעל.

חנה: ער האט געקוקט אויף מיר און געוויינט. און פּלוצלונג האט ער א קוש געטהון מיין האנד (חאפּט זיך ביי'ן קאָפּ). איך האב איהם נישט ליעב געהאט. אט, זעהסטו, איך וויין אפילו נישט, און ער מו־שעט זיך דארט — א סימן, אז איך האב איהם נישט ליעב געהאט. און ער איז דאך מיין ברודער, מיין איינציגער ברודער, און ווען ער וועט שטארבען, וועל איך זיך אבשטעלען אליין, אין גאנצען אליין. און גאנץ גוט אזוי, גאנץ גוט. אזוי דארף צו זיין.

אהרן: שטילער, שטילער. דו טראַכסט אוים אויף זיך אליין פֿאלשע זאַכען. פֿון יענער צייט, וואס לעאָן איז ארייננעטראָטען אין „גאָרני אינסטיטוט", זענען שוין פֿאראיבער זיבען יאהר, ער איז די גאנצע צייט נישט געקומען צו אונז צופֿאָהרען, נאר צודען בעדייטעט דאס, אז מיר האבען איהם פֿערגעסען אדער ער אונז.

חנה: דאס אלץ וועט זיך שלעכט ענדיגען.

אהרן: ער האט אונז נישט פֿערגעסען. אט זעהסטו ווי נאר ער איז געוואָהר געוואָרען פֿון אונזער אלגעמיינעם אונגליק, האט ער אלץ אוועקגעוואָרפֿען און איז געקומען צו פֿליהען.

חנה: בעסער וואלט זיין, ווען ער וואלט נישט געקומען.

אהרן: ווער־זשע האט געקענט וויסען, אז עס וועט אזעלכעס פֿאָרקומען.

## 2.

שרה (קומט אריין אין טהיר. איהר געזיכט איז רוהיג. עס איז צו בעמערקען, אז זי סטארעט זיך איינצוהאלטען פֿאר'ן קראנקען. רעדט אין די קוליסען). באלד, באלד וועל איך ברענגען (מאַכט עטליכע טריט און ברעכט אוים אין א יאמערליכען געוויין, דעקט־צו דאס געזיכט מיט א טיכעל).

חנה: נו וואָס ?

שרה (סטאַרעט זיך אײַנצוהאַלטען). ניין, גאָר ניִשט, ניין גענעהמט עפּעס אַ זאַך, געהט צום טהיר, אויפ'ן שוועל). אָט האָב איך טאַקע געפונען (געהט אַרויס).

חנה (ווי זי וואָלט אין עפּעס וועלען איבערצײַגען). אָט זעהסטו, זעהסטו. בײַ אונז אין הויז איז שלעכט, זעהר שלעכט.

אהרן: דו האָסט טענות צו גאָט. מיר האָבען נאָך איבער אונז אַנ' אַלטען, אַלטען גאָט, אין וועלכען איהר, יונגוואַרג, גלויבט ניִשט. ניין, ניִשט דאָס וואָס איהר גלויבט ניִשט, נאָר איהר טראַכט לחלוטין ניִשט פון איהם. אָבער ער לעבט, ער נעהמט ניִשט אַראָב דעם אויג פון אײַך, אונגלויבער, און היִט אײַך אָב. נו יע, איהר, יונגע קעפּ, מײַנט, אַז דאָס איז אַלץ פלאַפּלערײַ פון אַלטע לײַט.

חנה: זײַ מתפלל צו איהם, בעט בײַ איהם רחמים, אַז ער זאָל וואָס גיכער אונז שיקען אַ ישועה. אַז ער זאָל רחמנות האָבען (מיט אַ שאַרפען אויסגעשרײַ), אַז ער זאָל רחמנות האָבען אויף אונז. זײַ מתפלל צו איהם, בעט!

אהרן: ער וועט זיך אָננעהמען פאַר אונז. אונזער אַלטער יודישער גאָט. ער זעהט אַלץ. ער ווייסט אַלץ און, ווען ס'וועט קומען די צײַט און די צרות וועלען זיך שוין אַריבערגיסען איבער'ן ברעג, וועט ער אויסשטרעקען זײַן האַנד און וועט זאָגען מיט זײַן אַלמעכטיגער שטימע: „גענוג".

חנה: פאַר וואָס אָבער זאָל ער דערלאָזען די צרות צוקומען ביז די סאַמע ברעגעס ?

אהרן: נו, דאָס... דאָס ווייס ער שוין בעסער פאַר אונז. ניין, עס קען ניִשט זײַן אַנדערש, אונזער לעאָן מוז געזונד ווערען, אַזוי וועט זײַן, אַזוי וועט זײַן!

חנה: ניין, מען לאַכט אונז אויס, מען מאַכט חוזק פון אונז.

אהרן: און דענסטמאָל וועט קומען דער אמת'ער נצחון. דענסטמאָל וועל איך, דער זקן, קומען צו אײַך, יונגוואַרג, און וועל זאָגען: נו וואָס ? ווער פון אונז איז געווען גערעכט ? ווער האָט בעסערע אויגען: איהר, וואָס איהר זעהט די גאַנצע וועלט — אי אוניווערזיטעטען אי אַ סך אַ זעלכע זאַכען, — אָדער איך, וואָס זעהט נאָר אָט די דאָזיגע פיער-קאַנטיגע אותיות פון דער אַלטער שפּראַך ? אַ ?

חנה: אָבער פאַר וואָס מאַכט ער חוזק פון אונז...

אהרן: יע, יע. בײנאַכט, װען ס׳דערהערט זיך פּלוציִם אַ שטאַרקע קלאַפּערײַ אין אונזערע פֿענסטער, חאַפּט איהר זיך, יונגװאַרג, צום געװעהר און שרײַט: „דער פּאָגראָם הױבּט זיך אָן פֿון ס׳נײַ״. און איך קלער בשעת מעשה: דאָס קלאַפּט זיך גאָט אין אונזערע פֿענסטער. דער גרױסער גאָט פֿון פֿאָלק ישראל־פֿרעגט, צי זענען מיר פֿעסט, צי גלױבּען מיר? בײנאַכט װען ס׳הערט זיך אַ שטאַרקע קלאַפּערײַ אין אונזערע פֿענסטער... (ס׳דערהערט זיך פּלוצלונג אַ שטאַרקער קלאַפּען אין פֿענסטער).

חנה: ס׳הױבּט זיך שױן װידער אָן!

אהרן: גאָט פֿון ישראל!

(דאָס קלאַפּען חזר׳ט זיך איבּער; ס׳הערט זיך אַ בערוהיגענדע שטימע).

אהרן (געהט צו). װער איז דאָס?

ענמאַנס שטימע. האָט, איך בעט אײַך, קײן מורא נישט, דאָס בין איך, איך זוך שיפּער׳ס װאָהנונג.

אהרן: װער־זשע זענט איהר?

ענמאַן: איך בין אַ יוד, איך בין נאָר װאָס געקומען. מײַן פֿאַמיליע־נאָמען איז ענמאַן.

אהרן: דו הערסט, װער ס׳איז געקומען צופֿאָהרען? יעקב ענמאַן, דײַן חתן.

חנה (טהוט אַ ציטער, בלײַבּט שטעהן װי פֿערגליװערט, זעהר אױפֿגערעגט).

אהרן (ענמאַנ׳ען). קומט אַרײַן, קומט אַרײַן. אָט באַלד (געהט צו צו חנה׳ן). נו, אָט זעהסטו שױן, יעקב ענמאַן איז געקומען צופֿאָהרען. און איהם האָט אױך נישט גאָט געשיקט? אָדער אפֿשר האָסטו איהם טעלעגראַפֿירט? װאָס, דו ביסט נישט צופֿרידען? (געהט אַװעק פֿון איהר).

חנה (הערט איהם נישט).

## 3.

(שרה קומט אַרײַן).

שרה: װאָס איז דאָ פֿאָרגעקומען?

חנה: ס׳איז געקומען צופֿאָהרען יעקב ענמאַן.

שרה: יעקב ענמאַן, נו, גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען (זעצט זיך).

חנה: (גיהט אַרוים).

שרה: וואוהין־זשע גיהסטו?

## 4.

(עס קומען אַריין אהרן און ענמאַן).

ענמאַן (פון גרויס אויפרעגונג קען נישט רעדען, עס פליסען פון זיינע אויגען טרעהרען. ער גיהט צו שנעל צו שרה׳ן; זי וויל זיך אויפהויבען צו איהם, נעהמט איהם אַרום, איינגעבויגען, גלעט איהם לאַנג, לאַנג, ווי אַ קינד).

שרה: איהר זענט מיין זוהנ׳ס אַ חבר (כליפעט).

אהרן (ביי׳ן טהיר; די הענד ציטערן ביי איהם).

שרה (גלעט איהם) אויסגעוואַכסען. אַ גרויסער בחור.

אהרן: אַ גליק, וואָס איהר זענט געוועזען ווייט פון דאַנען.

שרה: ער איז ענליך צו לעאָנ׳ען. וואָס? אַ ביסעל ענליך? אַ מאָדנע זאַך.

אהרן: ער איז העכער... יע, העכער...

ענמאַן: אַלע זענען ביי אייך געזונד? (פויזע).

אהרן: נו, איצט איז איהם שוין בעסער... פיעל בעסער.

ענמאַן: פון וועמען רעדט איהר דאָס?

שרה: פון אונזער לעאָנ׳ען. איך האָב איהם נישט געזעהן זיעבען יאָהר. ער איז אוועקגעפאָהרען פון אונז אַ געזונדער. איהר געדענקט, ווי שעהן ער איז געוועזען?

אהרן: נאָר איין טאָג האָבען מיר איהם געזעהן אַ געזונדען.

ענמאַן: וואָס איז דען פאָרגעקומען מיט לעאָנ׳ען?

שרה: וואָס איז פאָרגעקומען? זיי האָבען איהם דער׳הרג׳ט. זיי האָבען איהם דער׳הרג׳ט, דער׳הרג׳ט האָבען זיי איהם.

אהרן: שאַ... שטילער, שטילער... דאָרט הערט מען אַלץ.

שרה (מיט אַ שטילער, אונטערדריקטער שטימע). זיי האָבען איהם דער׳הרג׳ט, אַט וואָס עס האָט זיך געטראָפען, הערר ענמאַן.

אהרן: שוין דער דריטער טאָג, אַז ער איז ביי אונז, דאָ. (ווייזט אויפ׳ן צווייטען צימער).

שרה. פלוצלונג קומט ער אַריין. איך האָב געמיינט, אַז דאָס חלומ׳ט זיך מיר. דערנאָך איז ער באַלד אוועקגעגאַנגען זוכען חנה׳ן.

ענמאַן. חנה איז דען...

אהרן: קײן זאך, הערר ענמאַן, זײַט פֿאָלשטענדיג רוהיג. חנה לעבט און איז געזונד. זי וועט באַלד אַרויסגעהן צו אײַך.

ענמאַן: וואו־זשע איז זי דענסטמאָל געװען?

שרה: זי האָט גענעכטיגט בײַ איהרע א חברת׳ע, ס׳איז געװען זעהר געפֿעהרליך אומקעהרען זיך אהײם פֿאַרנאַכט. נאָר וואָס פֿאַר א נאַכט מיר האָבען איבערגעלעבט — איהר קענט זיך שוין פֿאָרשטעלען.

אהרן: ער איז אַרויסגעגאַנגען איהר זוכען, און ווי נאָר ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך אומגעקעהרט.

שרה: מ׳האָט איהם נישט געדאַרפֿט אָבלאָזען, מ׳האָט נישט געדאַרפֿט.

אהרן: פֿאַר נאַכט האָבען מיר איהם דערזעהן... (פּויזע).

ענמאַן: ער האָט זיך אומגעקעהרט נאָר פֿאַרנאַכט?

שרה: נײן, אַלײן איז ער שוין נישט געקומען, מ׳האָט איהם געבראַכט צו אונז.

ענמאַן: פֿערוואונדעט?

אהרן: אָט דאָרט ליעגט ער, בײַ חנה׳ן אין צימער, שוין דעם דריטען טאָג. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט...

ענמאַן: וואו איז ער פֿערוואונדעט?...

שרה: אין רוקען האָט מען איהם א קלאַפּ געגעבען. פֿאַר וואָס? ער און נאָך עטליכע פֿון אונזערע יונגע לײַט האָבען געפּרובט פֿערטײדיגען גאָלדבלאַט׳ס מאַגאַזין. אָבער פּלוצלונג איז ער אַנידער געפֿאַלען.

ענמאַן: מען קען איהם נישט זעהן?

שרה: אַצונד קען מען נישט. נאָך וואָס זאָל מען איהם בעאונרוהיגען, לאָמיר וואַרטען ביז מאָרגען. מאָרגען וועט איהם געװיס זײַן בעסער. אויסער דעם וועט ער באַלד אָנהויבען צו בעטען, אז מ׳זאָל איהם נעהמען צוריק אין פּעטערבורג. איך וועל אײַך אַרײַנשיקען חנה׳ן (געהט אַרויס).

אהרן: ער שלאָפֿט נאָר נישט (שטיל). זי ווײס נישט, אין װאָסער לאַגע געפֿינט זיך לעאָן. און נאָר דעריבער האָפֿט זי נאָך. און וואָס וועט זײַן, אז מאָרגען וועט איהם נישט ווערען בעסער...

ענמאַן: צו דען איז דאָס אַזוי געפֿעהרליך?

אהרן: פֿיעל געפֿעהרליכער, ווי זי מײנט, נאָר מען דאַרף איהר דאָס נישט זאָגען, אומישנע מאַך איך זיך אַזוי, כדי איהר נישט בעאונרוהיגען; נאָר ווען איהר זאָלט וויסען, ווי שווער...

ענמאַן: לאָמיר האָפֿען.

אהרן: איך בין אַן׳אַלטער מאַן, דאָס איז מײַן אײנציגער זוהן און, אויב גאָט׳ס צאָרן וועט נישט אײַנגעשטילט ווערען, וועל איך זיך אָבשטעלען ווי אַן׳אַלטער טרוקענער בוים, אָהן בלעטער.

ענמאַן: איהר פערגעסט אינגאַנצען אָן אײַער טאָכטער.

אהרן: יע, אָבער קײן „קדיש”, קײן „קדיש” וועל איך נישט האָבען.

ענמאַן. וואָס וועט איהר נישט האָבען?

אהרן: איהר האָט דען פערגעסען אײַער מוטער שפּראַך? „קדיש” — דאָס איז אַ תּפלה, וואָס דער זוהן זאָגט נאָך זײַנע עלטערען יעדען טאָג. מיר, יודען, רופען אונזער אײנציגען זוהן אויך „קדיש”. אונזערע זיהן — דאָס זענען אונזערע תּפלות. דאָרט אויף די גאַסען זענען געשטאָרבען אונזערע תּפלות, אונזערע תּפלות צו מזרח, פון וואַנען ס׳געהט אויף די זון, הערר ענמאַן. איהר זענט יונג, איהר ווייסט עס נישט. נאָר אַן׳אַלטער יוד, אַ וועלכער ווי איך, וואָס זיצט בײַ׳ן בעט פון זײַן „קדיש” און זעהט, ווי פון איהם פליהט אַוועק זײַן לעבען, ווי זײַנע אויגען לעשען זיך, ווי... (רײַסט איבער). איך זיץ בײַ נאַכט, קוק און טראַכט: אָט, אָט שטאַרבט מײַן תּפלה. ניין, עס שטאַרבט די תּפלה פון אַ לאַנגער רײהע פון מײַנע זײדעס און עלטער, עלטער-זײדעס. בײַ די געצענדינער פלעגט מען אָנצינדען אַ פײַער, וועלכער פלעגט ברענען אין זײערע טעמפלען און וועלכען מ׳פלעגט אונטערהאַלטען אַז ער זאָל נישט פערלאָשען ווערען. בײַ יודען איז אויך פאַראַן אַזאַ פײַער. דאָס איז די תּפלה „קדיש”. מײַן פאָטער האָט איהר איבערגענומען פון מײַן זײדען, איך האָב איהר געזאָגט אויף מײַן פאָטער׳ס קבר, און איבער מיר, אויף מײַן קבר, האָט דאָס בעדאַרפט זאָגען מײַן זוהן. „קדיש” — דאָס איז נישט קײן תּפלה פון טוידט, ניין, דאָס איז אַ תּפלה פון ווידער אויפלעבונג, זי איז געווענדעט צום מזרח, פון וואַנען די זון געהט אויף. און אָט דער אַמאָליגער, אײביגער פײַער לעשט זיך און האַלט בײַ׳ן פערלאָשען ווערען... ווי זאָל מען איהם פון ס׳נײַ אָנצינדען?...

ענמאַן: גאָט וועט געבען...

אהרן: יע, גאָט. איך בין אַ יוד אַ מאמין, אָבער איך זיץ דאָ און פרעג דאָך: ווי אַזוי קען מען דערלאָזען, אַז עס זאָלען שטאַרבען תּפלות?... די דאָזיגע תּפלות פלעגען דאָך זײַן געווענדעט צו איהם. פאַר וואָס האָט ער נישט אויסגעשטרעקט זײַן האַנד? פאַר וואָס האָט ער נישט פערלאָשען מיט זײַנעם אַ ווינד׳ל די שׂרפה? הערר ענמאַן, איך טראַכט אַ מאָהל, אַ מאָהל טראַכט איך, אַז ער איז אַ צו צאָרניגער גאָט און ס׳איז איהם שוין צײַט אויפצוהערען אונז אַלץ שטראָפען און שטראָפען, וואָס זאָגט איהר?

ענמאַן: וואָס זאָל מען זאָגען. וואָס פאַר אַ ווערטה קען דאָ האָבען ווערטער פון אַ מענשען?

אהרן: יע, יע. ער שטראָפט אונז, און מיר שווייגען. מיר שווייגען אַלץ, ריכטיג ווי אַזוי דאַרף צו זיין. נאָר איך רעכען, אַז אויף איין פראַגע דאַרף ער דאָך געבען אַנ׳ענטפער. איהר האָט געהערט, זי האָט געפרעגט: „פאַר וואָס? פאַר וואָס?” ווען ס׳הערט זיך אָט דער געשריי פון אַ מוטער — „פאַר וואָס?” קען מען נישט אויף איהם נישט ענטפערן. מען קען נישט! איך וואַרט אויף אַנ׳ענטפער. מיר געהט דער דריי און זעכציגסטער יאָהר. ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען עפעס פער־שטעהן, האָב איך אָנגעהויבען מתפלל זיין צו גאָט. און ער האָט קיין איין מאָהל, פערשטעהט איהר, קיין איין מאָהל נישט ערפילט מיינע אַ בקשה, נישט צוגעהערט צו מיינע תפלות. און איצט זאָג איך: זאָל ער מיך נישט הערען, זאָל ער אָבער ענטפערן מיין אַלטער: פאַר וואָס? ער דאַרף עס טהון.

ענמאַן: צודען טרעפט זיך דאָס מיט די יודען דאָס ערשטע מאָהל. און צודען צום לעצטען מאָהל?...

אהרן: איך וועל אין גיכען אויפהערען מתפלל זיין צו איהם. מיין שטימע וועט גאָר אַזוי שטאַרק נישט זיין איבערצושרייען די יסורים. איך פאָדער...

ענמאַן: איהר — פאָדערט?

אהרן: איך פאָדער פון איהם אַ נס! פאַר די פופציג יאָהר מיינע תפלות פאָדער איך, אַז ער זאָל חאָטש איינמאָהל אַ קוק טהון אויף מיך, אויף אונזער פאַמיליע. ווי אַזוי מיר לעבען! ווי אַזוי מיר ליידען אונענדליך! ער ווייס דאָס נישט? פאַר אַלעמען געהט אויף די זון, נאָר נישט פאַר אונז. די קברים פון אונזערע פעטער זענען ווייט... אונזערע קינדער געהען אַוועק פון אונז ווייט, מיר זעהען זיי נישט, זיי בלאָנדזען ארום איבער דער וועלט, בלאָנדזען, און מיר אַלטע לייט זיצען דאָ, וואַרטען אויף זיי, זענען מתפלל, און ווען זיי קעהרען זיך אום — שטאַרבען זיי. וואָס? ער ווייס דאָס נישט? ענטשולדיגט מיך. ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ לעבעדיגע בעשעפעניש, וואָס זאָל דאָס נישט וויסען... און ער ווייס נישט. נו קען דען דאָס זיין? ניין, ער וויל נישט וויסען. ער קעהרט זיך אָב. אָבער איך פאָדער פון איהם אַ נס. ס׳איז אַ שרעקליך גרויסע עבירה אַזוי צופאָדערן, איך ווייס עס, נאָר איך האָב קיין אַנדערע זועג נישט. ער אַליין האָט פאַרמאַכט פאַר מיר אַלע וועגען. איך פאָדער אַ נס: נעהם נישט צו ביי מיר מיין זוהן!

ענמאַן: אַזוי וועט זײַן.

אהרן: אַזוי דאַרף זײַן. (בײַטענדיג זײַן טאָן). אָט וועגען וואָס איך האָב געוואָלט מיט אײַך רעדען הערר ענמאַן: וואָס פֿאַר אַ וויכטיג־שנעליע זאַכען האָט דאָס לעאָן אין פּעטערבורג?

ענמאַן: פֿון וואַנען נעהמט איהר דאָס?

אהרן: ער רײַסט זיך אַלץ אין פּעטערבורג. נאָר ער איז געקומען צום זינען, האָט ער געזאָגט: שיקט מיך קיין פּעטערבורג. וואָס ערגער ס'ווערט איהם, אַלץ שטאַרקער רײַסט ער זיך אַהין.

ענמאַן. איך וועל איהם גערן בעגלייטען.

אהרן: אונמעגליך. ער וועט שטאַרבען אין וואַגאָן. נאָר וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

ענמאַן: איך ווייס נישט. אין פּעטערבורג פֿלעגען מיר זיך זעלטען בעגעגענען מיט לעאָנ'ען. ער האָט געהאַט זײַנס, איך — מײַנס.

אהרן: יע, מ'האָט מיר דערצעהלט, אַז וועגען אײַך האָט מען שוין אפילו געשריבען אין די צײַטונגען.

ענמאַן: מ'האָט געשריבען.

אהרן: אָט זעהט איהר אַ שאַד, וואָס אײַער פֿאָטער האָט דאָס נישט דערלעבט. ער איז געווען זעהר אַ אָרענטליכער מאַן און אויך אַ פֿעהיגער מענש.

ענמאַן: עס קען זײַן. אײַער טאָכטער האָט זיך שוין געלייגט שלאָפֿען?

אהרן: נײַן, כמעט קיינער פֿון אונז שלאָפֿט נישט די טעג. נאָר זי איך פֿערשטעה נישט, פֿאַר וואָס קומט זי נישט אַהער.

ענמאַן. עס קען זײַן, זי ווייס נישט, אַז איך בין געקומען צו־פֿאָהרען?

אהרן: זי ווייס. ענטשולדיגט איהר, מיר זענען אַלע אַזוי צומישט.

ענמאַן: איהר פֿערשטעהט דאָך מסתמא, צוליעב וואָס איך בין געקומען צופֿאָהרען.

אהרן: נו, איך פֿערשטעה, איהר האָט דאָך נישט דאָ אין שטאָדט קיין קרובים.

ענמאַן. קיינעם נישט אויסער אײַך — אויסער אײַער פֿאַמיליע, דאָס הייסט איך וויל אַזוי האָפֿען.

אהרן. נו, נו, גיבע גאָט. חאָטש איצט איז נישט קיין צײַט צו

רעדען דערפון, נאר אויב מיין טאכטער און איהר... אויב איהר וועט מיט מיין טאכטער עפּעס בעשליסען — וועל איך בעסערס נישט פערלאנגען. נו... נו...

## 5.

(שרה קומט אריין).

שרה (מיט א פרעהליך פּנים, שנעל און לעבערליך שאקעלט „בעיאהענד" מיט'ן קאפּ). פלוצלונג איז איהם בעסער געווארען. איך זיץ אזוי און טראכט זיך: ווי לאנג וועט ער נאך ליגען צום בעט? און פלוצלונג הער איך, ער רעדט: אין צוויי וואכען ארום וועל איך זיין געזונד. ריכטיג ווי ער וואלט טרעפען, וואס איך טראכט. און די אויגען אזעלכע קלארע, מונטערע. אומישנע בין איך געקומען דיר צוזאגען...

אהרן: (פרעהליך און חיטרע). אט זעהט איהר. ער הויבט זיך שוין דארט אן אונטערצוגעבען (געהט ארויס).

שרה: וועגען וועמען רעדט ער דאס? (קוקט זיך ארום). חנה איז דען דא נישטא?

ענמאן: אייער מאן איז געגאנגען נאך איהר.

שרה: איהר זענט געקומען אין א שרעקליכער צייט פאר אונז.

ענמאן: נו אט רוהיגט זיך שוין אלץ איין, און אין צוויי וואכען ארום וועט לעאן...

שרה: וואס אין צוויי וואכען ארום וועט זיין פון לעאנ'ען איז מיר שרעקליך אפילו א טראכט צוטהון.

ענמאן: איהר האט דאך אליין נאר וואס געזאגט...

שרה: דער דאזיגער ליגענד זאל מיר נישט זיין גערעכענט פאר קיין זינד. פריהער האב איך זיך נישט איינגעהאלטען, און איצט האב איך אומישנע אלץ אויסגעטראכט אבי איהם צוברוהיגען. ער איז אן אלטער מאן און וועט נישט איבערלעבען זיין זוהן. זאגט איהם נישט, לעאן איז פיעל געפעהרליכער, ווי ער מיינט. איך סטארע זיך מיט די לעצטע כחות, אז ער זאל זיך דערפון נישט דערוויסען.

ענמאן: הייסט עס, אז לעאן האט אייך איצט גארנישט געזאגט?

שרה: ער שווייגט. ליגט מיט פערמאכטע אויגען און ס'קען זיין, שלאפט, איך ווייס נישט, איך ווייס נישט.

ענמאן: און ער בעט נישט, אז מ'זאל איהם אוועקפיהרען אין פעטערבורג?

שרה: ער שווייגט. שטילער. זאָל איך אַליין וויסען. זיי וועלען נאָך האָבען גענוג צייט צו וויינען (געהט אַרויס).

## 6.

חנה (קומט אַריין; שמייכעלט צו מישא און שעמעווריג, קוקט אויף ענמאַ'נען שנעל און נאָר ווען ער קוקט נישט, סטאַרעט זיך נישט בעגעגענען זיך מיט איהם מיט די אויגען).

ענמאַן: וואָס מאַכט איהר, חנה, ליעבסטע, וואָס מאַכט איהר! (דריקט איהר האַנד, ציהט איהר צו זיך; חנה רוקט זיך אָב פּאָרזיכטיג, שעמעוודיג). איהר קוקט נישט אויף מיר?

חנה: ניין, איך קוק (אָבּרוקענדיג זיך). איך קוק.

ענמאַן: נו וואָס איז אַזוינס? איהר האָט מיך נישט ערוואַרטעט! ניין?

חנה: פאַר וואָס? איך בין צופרידען.

ענמאַן: זעהר פערענדערט זיך. בלאַסער געוואָרען.

חנה (סטאַרענדיג זיך איבערשלאָגען איהם). מיר האָבען זיך דאָך נישט געזעהען שוין מעהר ווי אַ יאָהר.

ענמאַן: אַזוי מאָגער געוואָרען. אינגאַנצען אַנ' אַנדערע.

חנה: די זעלבע. פאַר וואָס אַנ' אַנדערע? לאַנג נישט געזעהען זיך, אָט איהר זענט אויך פערענדערט געוואָרען.

ענמאַן: נאָר וואָס האָט אייער מוטער געזאָגט, אַז לעאָן...

חנה: איהם איז בעסער. יע, איהם איז בעסער.

ענמאַן: פאַר וואָס=זשע זענט איהר אַזוי?

חנה: וואָס איז דען?

ענמאַן: איך ווייס נישט. אונטערדריקט. משונה.

חנה: כלל נישט. איך בין רוהיג. פאַר וואָס מיינט איהר עפּעס! ניין.

ענמאַן: אַם ענדע האָבען מיר זיך דערזעהען. איך האָב אַלץ געקלערט ווי אַזוי וועט דאָס זיין? ווען? עפּעס איך ווייס נישט פאַר וואָס מיר האָט זיך געדוכט, אַז אין פריהמאָרגען, פריהלינג. איך וועל קומען אויף פּאַסחאַ. אויף די גאַסען איז שטיל, קיין איזוואָשציקעס זענען נישטאָ, איך וועל אומישנע נישט אָנזאָגען און וועל אומגעריכטערהייד אַריינגעהן, איך זעה אַזוי דייטליך ווי איהר וועט זיך פערוואונדערן, אָט שטרעקט איהר אויס די האַנד, אָט לאַכט איהר הויך. פאַר וואָס וויינט איהר?

חנה: (די אויגען זענען פול מיט טרעהרען). ניין, איך וויין נישט.

ענמאן: (שטיל, מיט א ברידערליכער איידעלקייט). דאס אלץ וועט זיין. מ׳דארף נישט וויינען, ס׳וועט זיין א שענער פריהלינג און א שטילע, ריינע, רוהיגע פאסחא, מ׳דארף נישט וויינען. ס׳וועט זיין רוהיג אויף די גאסען — יום־טוב. ליעבע חנה, שענע ליעבע חנה (גלעט איהר די האר). איהר וועט ארויסגעהן אנטקעגען און וועט אויסשטרעקען די האנד, און...

חנה: איהר גלעט מיר? יע?

ענמאן: יע. נישט טהון דאס? אייך איז נישט אנגענעהם?

חנה (שטיל, מיט צוטרוי). ניין, גוט.

ענמאן: צו אייך וועט זיך אומקעהרען אייער פריהערדיגער פרעהליכער געלעכטער. און די אויגען — די ערענטליכע ט.. ע אויגען — וועלען נישט זיין טרעהרען.

חנה: פאר וואס גלעט איהר מיך?

ענמאן: ווייל... ווייל מ׳דארף אזוי.

חנה: עס קען זיין, אז איך בין גאר נישט אזעלכע, ווי איהר מיינט. און דערנאך וועט איהר זיך דארפען שעמען.

ענמאן: וואס? זיך שעמען?

חנה: וואס איהר האט זיך צוגעריהרט צו מיר.

ענמאן: מען דארף נישט אזוי צו רעדען.

חנה: (מיט אנ׳איינגעהאלטענער אויפרעגונג; זי רייסט זיך א דורך). איהר ווייסט נישט. איך בין אינגאנצען איינע. איך בין איינע אליין. איהר ווייסט נישט. איך געה און וויין. יעקב, איך געה און וויין. ביי טאג און ביי־נאכט, ווען קיינער זעהט נישט און הערט נישט.

ענמאן: פאר וואס־זשע וויינט איהר אלץ?

חנה: פאר וואס? מיר איז אויף אלעמען א רחמנות. מיר איז אויף אלץ א רחמנות.

ענמאן: נו יע. מיר הערען נאר נישט, אבער צוזאמען מיט אייך וויינט דאס גאנצע יודענטום, וויינען אלע יודען און אלע ווינקעלעך אויף אלע עקען וועלט.

חנה: מיר איז א רחמנות אויף די זאכען, כלים. אט א שטוהל, איך געה צו צו איהם, נעהם איהם ארום. ליבער שטוהל (דרעקט זיך צו מיט׳ן געזיכט). איך מיין, אז ער פיהלט אלץ. ליעבער שטוהל, גוטער, די טהיר — זי ווייסט אלץ, זי זעהט אלץ און לעבט מיט אונז.

איך זאָג זײ: איהר ווייסט אַלץ און שווייגט. אַך, ווי גרוים ס'איז מײַן רחמנות אויף זײ.

ענמאַן: איך פערשטעה נישט.

חנה: נײן, דאָס קען מען נישט פערשטעהן. איך גלעט זײ, איך בין שולדיג פאַר זײ, אַזעלכע גוטע, ווייסען אַלץ און לײַדען.

ענמאַן: מיט וואָס זענט איהר שולדיג?

חנה: יע, יע, איך בין פאַר זײ אַלעמען שולדיג. איך געה צו צום טיש אָדער צום פענסטער, אָט אַזוי שפּאַר איך זיך אָן מיט'ן קאָפּ און ווײַן שטיל, שטיל.

ענמאַן: הערט זיך אײַן. איהר זענט איצט אין הויז די סאַמע טהעטיגסטע, אויף אײַך ליגט די פפליכט אונטער צו שטיצען אַנדערע, און איהר...

חנה: (אונערוואַרטעט). איהר געדענקט דאָרט גאַלדבלאַט?

ענמאַן: די טאָכטער פון זײגער־מאַכער, די שענע? הויכע?

חנה: יע.

ענמאַן: נו טאָ וואָס?

חנה: נײן, אַזוי... זײער מאַגאַזין איז אינגאַנצען צוראַביּרט.

ענמאַן: און מיט איהר וואָס איז?

חנה: גאָר נישט. זײ זענען איצט אָרימע לײַט.

ענמאַן: זי לעבט.

חנה: יע (פויזע). אין אַ מאָנאַט אַרום דאַרף זײַן איהר האָכצײַט.

ענמאַן: מיט וועמען?...

חנה: מיט'ן זעלבען חתן. שוין פיער יאָהר. איצט וועט ער מסתמא, זיך ענטזאַגען.

ענמאַן: פאַר וואָס?

חנה: איך קלער אַזוי. איך ווײס נישט.

ענמאַן: פאַר וואָס?

חנה: אַזוי (פויזע. קוקען אײנער דעם אַנדערען אין די אויגען).

ענמאַן: צוליעב דעם, ווײל...

חנה: וואָס?...

ענמאַן: וואָס דער פאָטער איז צוראַביּרט, פעראָרעמט, צו דען איז ער אַזעלכער?

חנה: איך ווײס נישט.

ענמאַן: ניין. וואָס ס׳זאָל זיך מיט איהר נישט טרעפען, וועט איהר דער חתן נישט אוועקוואַרפען.

חנה: (נישט אויפהויבענדיג די אויגען). איהר מיינט אַז?

ענמאַן: איך בין זיכער.

חנה: (שטיל). פאַר וואָס?

ענמאַן: ווייל ס׳איז אָנגעשיקט געוואָרען אַ גרויסע, אַ שרעקליכע צרה אַ אונגליק אויף אונז אַ׳עמען. קוקט זיך צו: פון אַלע זייטען אויס־געשטרעקטע הענד, אויף אונז קוקען פערוויינטע אויגען, בלאַסע פּנים׳־ער... דאָס זענען דאָך ברידער, זיי ווילען צו זאַמען מיט אונז. ניין, אין אַזעלכע מינוטען געהט קיינער נישט אַוועק! פערקעהרט, די יעניגע וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען, קעהרען זיך אום.

חנה: פאַר וואָס־זשע בין איך אַליין?

ענמאַן: איך האָב זיך אומגעקעהרט צו אייך. מען זאָגט: יודען האָבען נישט קיין פאָטערלאַנד. עס איז ווייט, דאָרט, איבער׳ן ים. ניין, עס איז דאָ, נישט ריכטיג, עס איז דאָ. איך זעה אייער בלאַסעס, שענעס געזיכט, און מיר דאַכט זיך, אַז איך זעה אַ געזיכט פון מיין פאָטערלאַנד, פון מיין היימאַט.

חנה: צו וואָס רעדט איהר אַזוי?

ענמאַן: איך האָב זיך דערוואוסט וועגען דעם אומגליק אין פעטערבורג, דאָס האַרץ מיינס האָט זיך פונאַנדערגעווייינט. „נישט אמת, נישט אמת״ „דאָס קען נישט זיין!״ צוזאַמען מיט מיין שמערץ פאַר מיינע ברידער, האָב איך דערפיהלט אַ שרעקליכע, אַ טיעפע אויפרעגונג. איך האָב פערשטאַנען, אַז איך האָב אַ פאָטערלאַנד. אָט איז עס. דאָס קליין שטעדטעל, די גאַסען, דער הימעל, די בילדער פון אונזערע געלעהרטע, די אויגען, אייערע שוואַרצע אויגען, חנה, אייער געזיכט, פריהער אַזאַ פרעהליכע, איצט — אַ בלאַסע, ליידענדע, חנה, מיין טייערע, אונגליקליכע קינד. אָט האָב איך זיך צוריקגעקעהרט צו אייך. איהר וועט מיך נישט אַוועקטרייבען.

חנה: איך פערשטעה נישט פאַר וואָס דאַרף איך אייך אַוועק טרייבען?

ענמאַן: הערט זיך איין. נו, הערט־זשע זיך איין. איהר ווייסט: דאָס טייערסטע, וואָס איך האָב אויף דער גאַנצער וועלט — זענט איהר.

חנה (אַבקעהרענדיג זיך). פאַר וואָס איך?

ענמאַן: ניין, ריכטיג... איך זאָג אייך דאָס פּשוט... מען דאַרף

זיך נישט אָבקערהרען. איהר הערט מיך?

חנה: איך הער.

ענמאַן: ווי מיר וואָלטען זיין אַרויסגעוואָרפען אויף אַ וויסטען ברעג און מיר זענען אַליין, איינע אַליין. און מען דאַרף זיך איינאָרדענען כדי מען זאָל לעבען.

חנה: לעבען...

ענמאַן: אַזוי ווי די ווילדע פייער, אַזוי וועלען מיר ערוואַרבען פרייד. אַ פרעהליכען געלעכטער, אַ רוהיגען שלאָף.

חנה: אַ רוהיגען שלאָף...

ענמאַן: יע. טרויעט זיך אָן מיר. מיט מיר וועט זיין גוט, רוהיג. איהר וועט געפינען אַ אָברוה.

חנה: איך בין אינגאַנצען מיעד.

ענמאַן. איך וועל נישט אָבטרעטען פון אייך, איך וועל אייך היטען און נישט אַראָבלאָזען דעם אויג. נו, לעגט אַוועק אייער קעפעל... אָט אַזוי... גוט...

חנה (לעגט אַוועק, ער נעהמט איהר אַרום). מיעד, מיעד.

ענמאַן: מעהר וועט איהר נישט וויינען? יע.

חנה (פערמאַכענדיג די אויגען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

ענמאַן: מיר וועלען אויפהויבען הויך דעם קאָפּ? (חנה שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) מיר וועלען זיין פרעהליך, לאַכען ווי פריהער (חנה שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). ווי שען זענט איהר איצט.

חנה (מיט וועהמוט). מען דאַרף נישט קוקען אויף מיך. מען דאַרף נישט קוקען.

ענמאַן: פאַר וואָס? איך ליעב אייך (חנה וויל זיך אויפהויבען, ענמאַן האַלט איהר אָב). שטילער. שטילער. מען טאָר נישט. מען דאַרף נישט. צו דען איז דאָס נישט פריהער געזאָגט געוואָרען? ס'וועט נישט ריהרען זיך. איך ליעב אייך. נו, אָט אַזוי, רוהיג. איך ליעב אייך. איהר דאַרף אויסהערען די ווערטער פרעהליך, דרייסטיג. אַלץ איינס ווער עס זאָגט זיי. זאָל זיין איך. אַזוי ווי דער וואַרעמער זון, דאַרפט איהר זיי צו שמייכלען. איך אָדער אַנ'אַנדערער—אַלץ איינס. נאָר אייך דאַרף מען ליבען. פאַר וואָס פערמאַכט איהר די אויגען? איהר פערמאַכט ווידער די אויגען.

חנה: איך הער. איך וואַרט.

ענמאַן: וואָס ערוואַרטעט איהר?

חנה: אַז איהר זאָלט רעדען.

ענמאַן: איך ליעב אייך, — אָט האָב איך אַלץ געזאָגט,

חנה: אַלץ?

ענמאַן: ווען ס׳וועלען אריבערגעהן די דאָזיגע שוואַרצע טעג און אַלץ וועט זיך אָבשטעלען אונטער אונז, וועלען מיר ביידע דערמאָהנען היינטיגע נאַכט און וועלען זיך דערוויסען, אַז דאָ איז געווען גליק.

חנה: גליק...

ענמאַן: איך האָב אַלץ געוואָלט, און דאָס גליק האָט מיך ערווארטעט דאָ, אָט דאָ.

חנה: וואָס־זשע ווילט איהר?

ענמאַן: וואָס וויל איך?

חנה: יע.

ענמאַן: אַז איהר... איהר זאָלט מיך נישט אָבשטויסען.

חנה: יע.

ענמאַן: און זאָלט מיך ליעבען, — נו, נישט אצונד, ווען ס,איז, ווען ס׳איז דערנאָך, אַלץ איינס.

חנה: איך ליעב דיך.

ענמאַן: דו ליעבסט מיך? דו?

חנה: איהר זענט אַ שענער, זעהער אַ שענער און אַ גוטער.

ענמאַן: ניין, איהר האָט פריהער געזאָגט „דו".

חנה: אַ העפליכער, אַ איידעלער...

ענמאַן: דו ליעבסט...

חנה: (זי פרעגט נישט, נאָר ווי דענקט אין דער הויך). און דו וועסט מיט מיר חתונה האָבען?

ענמאַן (עטוואָס פערוואונדערט). חתונה האָבען? געוויס וועלען מיר פערהייראַטען.

חנה: קורצליך?

ענמאַן: ווען דו ווילסט.

חנה: און מיר וועלען פון דאַנען אוועקפאָהרען?

ענמאַן: אין פעטערבורג.

חנה: אין פעטערבורג. קיינמאָל מעהר נישט אומקעהרען זיך.

ענמאַן: און די אַלטע?

חנה: נײן, מיר װעלן זיך נישט אומקערן.

ענמאַן: גוט.

חנה: דאָ איז שרעק, שרעק.

ענמאַן: גוט, מיר װעלן זיך נישט אומקערן.

חנה: ס׳װעט זײַן שטיל.

ענמאַן: מיר צוזאַמען.

חנה: צוזאַמען. אומעדום צוזאַמען. „װער איז די דאַמע?״ „דאָס איז מאַדאַם ענמאַן״ „יעקב ענמאַנס פרוי?״ „נו, יע, געװיס״. אָט אַזוי װעט מען רעדן.

ענמאַן: מײַן פרוי...

חנה: און װײַטער גאָר נישט... „זײ ליבען אײנער דעם צװײטען. װאָס פאַר א גליקליך פאָר״—װעט מען זאָגען.

ענמאַן: געװיס, מיר װעלן זײַן אַ גליקליכע פאָר.

חנה: יע. נאָר אַהער דאַרף מען זיך נישט צוריק קערן. צו װאָס? װאָס װעלן מיר דאָ טהון? די אַלטע װעלן קומען צו אונז. געהט נישט אַװעק.

ענמאַן: איך געה נישט.

חנה: מיר איז גוט. געה נישט אַװעק. מיר װעלן אַזוי זיצען די גאַנצע נאַכט. די גאַנצע נאַכט. װי גוט, װאָס דו ביזט געקומען צו־פאָהרען, דו האָסט געפיהלט, אַז איך ערװאַרט דיך? דאָס הײסט, ערװאַרט נישט, נאָר רוף דיך פון דערװײַטענס. מסתמא, האָסטו געפיהלט. עס קען זײַן, אַז מען פיהלט דאָס. אַ מענש װײס אַלײן נישט, זעצט זיך אין װאַגאָן און קומט צו פאָהרען, „איהר האָט מיך נישט ערװאַרטעט? װאָס מאַכט איהר? נײן, איך האָב ערװאַרטעט״, אויב דו ליבסט עמיצען, ערװאַרטסט דו. ביז אין דערפריה װעלן מיר זיצען שטיל צוזאַמען און װאַרטען. און דו... דו װעסט אײַנשלאָפען, דו װילסט—שלאָף אײַן? איך װעל קוקען, װי דו שלאָפסט. שטיל, זעהר שטיל... קײנער װעט אונז נישט שטערען... אָך, מען געהט... (געהט אָב שנעל).

1.

(עס קומט אַרײַן אהרן, בײַ איהם איז אַ משונה־פערװאונדערטעס געזיכט נאָך איהם שרה).

שרה: געהט זיך געזעגענען מיט איהם.

אהרן: ער האָט קײן גם נישט געמאַכט.

פאָרהאַנג.

# צווייטער אקט

(די זעלבע דעקאָראַציע. אין דערפריה. אונאָרדנונג. די שפּיגעל פּער-האַנגען. אויף דער סצענע געהען אדורך פערשידענע מענשען: מענער און פרויען. בשעת די פרויען הערט זיך פון צווייטען צימער א אומערויגעם לייענען תהלים.)

## 1

(חנה און ענמאַן).

**ענמאַן:** עפּעס ווי איהר ווייכט מיר אוים.

**חנה:** וואָס? ניין.

**ענמאַן:** איך שטער אייך דען? אייער אומגליק איז אויך מיינער, זואַמען וועלען מיר בעוויינען דעם אומגליקליכען לעאָן.

**חנה:** מיין ברודער.

**ענמאַן:** ער איז געשטאָרבען ווי א העלד, פאַר אַנדערע, דאָס גאַנצע פאָלק וועט איהם געדענקען. לאַנג וועט בלייבען ביי אונז זיין געדעכעניש און מיר וועלען איהר איבערגעבען אונזערע קינדער. ווען ס'וועט אריבערגעהן דער ערשטער איינדרוק פון אומגליק וועט איהר דערפיהלען א שטילע טיעפע פרייד דערמאָהנענדיג זיך, אז ער האָט געלעבט דאָ מיט אייך.

**חנה:** איך האָב איהם נישט ליעב געהאַט.

**ענמאַן:** איהר רעגט זיך אַליין אויף.

**חנה:** מ'זאָגט, אז דאָס געזיכט פון א געליעבטען מענשען שטעהט שטענדיג פאַר די אויגען, ווי א לעבעדיגע, און ס'איז אונמעגליך איהם פערגעסען. ער קומט אפילו צו חלום. אָט איך וויל זיך דערמאָהנען, וואָס פאַר א פּאַרב ס'זענען זיינע האָאר. איך געדענק נישט. איהר זאָגט, ער איז געשטאָרבען פאַר אַנדערע — נישט ריכטיג. ער איז געשטאָרבען פאַר מיר.

**ענמאַן:** ווי אַזוי?

**חנה:** איהר ווייסט נישט, און איך ווייס עפּעס אַנדערש. ער איז אַרויס געגאַנגען מיך זוכען, און מ'האָט איהם פערוואונדעט. ווען נישט איך — וואָלט ער לעבען, מיר וואָלטען איהם נישט אָבגעלאָזט. נאָר איך, איך אַליין בין שולדיג אין זיין טויד. דאָס ווייס קיינער נישט, אויסער... קיינער וועט זיך דערפון נישט דערוויסען. און פונדעסטוועגען איז מיר

ניט קיין רחמנות אויף איהם, ווען מ׳זאָל מיך בעגראָבען צוזאַמען מיט איהם!...

ענמאַן: חנה! וואָס רעדט איהר?

חנה: אַ גוטע כלה האָט איהר... אַ גוטע...!

## 2.

(קומט אַריין שרה).

שרה: ער האָט זיך גאָרנישט פערענדערט, ריכטיג ווי ער שלאָפט. נישטאָ מעהר קיין זוהן. נישטאָ מעהר קיין זוהן. הערר ענמאַן, און איהר האָט מעהר נישט קיין פריינד און דו, חנה, קיין ברודער. וואָס זאָל מען טהון. מ׳דאַרף ליידען. מ׳דאַרף זיך שטאַרקען, איך בין נישט קיין בת-יחידה. גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט צוגענומען.

ענמאַן: איך האָב אַלץ איינגעאָרדענט, וואָס מ׳דאַרף. די לויה וועט זיין צוזאַמען מיט די לויות פון די איבעריגע הרוגים פון יודישען שפּיטאָל.

שרה: יע, איהר זענט טאַקי אַ אמת׳ער גוטער פריינד. אַ דאַנק. אין אַ טרויעריגען אופ׳ן דיענט איהר אונז איצט. איהם וועט מען מקבר זיין צוזאַמען מיט אַנדערע, און מיר, אונגליקליכע מוטער, וועלען אַלע צוזאַמען געהן אונטען און צוזאַמען וויינען. אַזוי איז שוין ביי אונז פון אייביג: אַ אַלגעמיינע צרה איז אַ צרה פון יעדער בעזונדער, און יעדע פון אונז, ליידענדיג, וויינט פאַר אַלע. נאָר קענען דעם קען מען קיין זאַך נישט טהון. מיר וועלען אַלץ אַריבערטראָגען, אַלץ ליידען.

## 3.

(עס קומען אַריין אהרן און דער 1-טער יוד).

1-טער יוד: איהר ווילט נישט זאָגען תהלים?

אהרן: ר׳ שמחה, ער מאַכט חוזק פון אונז אַלעמען.

1-טער יוד: ווער מאַכט חוזק?

אהרן: גלויבט מיר, אַז ס׳איז אַזוי. איך האָב געמיינט, אַז מיין „קדיש" וועט מתפלל זיין אויף מיין קבר, און נישט פערקעהרט. פער־קעהרט בין איך נישט מסכים.

1-טער יוד: אייך וועט זיין גרינגער, אַז איהר וועט אַביסעל דאָס הארץ אויסגיסען.

אהרן: און ווער האָט דאָס אייך געזאָגט, אַז איך וויל, מיר זאָל זיין גרינגער? איך דאַרף דאָס גאָרנישט האָבען. פערקעהרט, מיין אונגליק

איז אזוי גרויס, אז איך וויל האָבען די שטאַלצקייט פון אריבערטראָגען איהם אינגאַנצען. איך וויל נישט קיין נחמה. איך זאָג דאָך אייך: מ׳מאַכט חוזק איבער אונז אַלעמען.

1-טער יוד: מיר זענען דען מתפלל נאָר פאַר זיך: אייער אַהן זעט דאָרט זיין לייכטער.

אהרן: איבער איהם זאָגט מען דאָך תהלים נאָך פון ביינאַכט.

1-טער יוד. אַז דער פאָטער זאָגט — איז בעסער.

אהרן: איהר מיינט טאַקי, אַז דאָרט וועט דאָס באמת מאַכען עפּעס אַ ווירקונג: דאָרט אינטערעסירט מען זיך אפילו נישט מיט די געבעריגע — נאָך וועניגער וועט מען זיך צערעמאָניען מיט די טוידטע.

1-טער יוד: די צרות האָבען אייך געמאַכט פאַר אַן אפיקורס, ר׳ אהרן.

אהרן: אַ! הייסט דאָך, אַז די צרות ברענגען דאָך עפּעס נוצען, און מ׳דאַרף זיי נישט אַזוי שטאַרק אויסווייכען.

1-טער יוד (שרה׳ן). איך וועל בעטען אריינגעהן צו אייך דעם אַלטען קלוגען רב ר׳ אליהו.

שרה: ער איז דען היער?

1-טער יוד: ער איז ספּעציעל געקומען צו די לוויות פון ווילנאָ. ר׳ אליהו געהט אַרום צו אַלעמען און איז זיי מנחם. איך וועל איהם בעטען.

שרה: טהוט טאַקי דאָס, ס׳איז אַ מצוה. ווען וועלען זיין אַלע לוויות?

1-טער יוד: צוויי אזייגער. אַלע פּאַפּירען זענען שוין ביי אייך אין אָרדנונג?

ענמאַן: אין דערפריה בין איך געוועזען אין פּאָליציי. אַ ערלויבניש אויף די לוויות וועט מען אַרויסגעבען אין אַ שעה אַרום. מיר וועלען נאָך גוטספּעיען.

1-טער יוד (אַרויסגעהענדיג). יע, זיי האָבען זעהר פיעל אַרבייט, זעהר פיהל.

שרה: (געהט צו צו אהרנ׳ען מיט אַ טלית אין האַנד). טהו-אָן דעם טלית און דאַווען.

אהרן: איך וועל שוין קיינמאָהל נישט אָנטהון אויף זיך דעם דאָזיגען טלית. איך קען דאָס מעהר נישט טהון. אויב אין דער ווילטיגסטער מינוט האָט זיך גאָט אָבגעקעהרט פון מיר...

שרה: דו זינדיגסט װעהר. נאָט איז געװעזען מיט דיר דאָס גאַנצע לעבען. ער האָט דיר געגעבען גליק. ער האָט דיר געגעבען צופרידענהײט און אַ רוהיגען עלטער. ער האָט דיר איבערגעלאָזט אַ טאָכטער, װאָס מיט איהר מעג זיך רירהמען אפילו ראָטהשילד׳ס פאַמיליע אַלײן.

אהרן: דו װײסט, װאָס מ׳זאָגט: גוטע פרײַנד דערקענט מען אין אַן׳ אומגליק... נאָט דאַרף זײַן אונזער גוטער פרײַנד. אויב ער איז געװעזען מיט מיר שטענדיג נאָר װען מיר איז געװעזען גוט, טהוען דאָך דאָס די זעלבע געװעהנליכע מענשען: נאָר װען ס׳איז אַנידערגעפאַלען מײַן זוהן, װען ער איז געלעגען קראַנק, װען ס׳איז געקומען די זעלבע װיכטיגסטע מינוט אין מײַן לעבען—האָט ער זיך אָבגעקעהרט פון מיר. דאָס איז אַ גוטער פרײַנד? אָט אפילו פרעמדע מענשען קומען פון דער װײַט, געװאָהר צו װערען װאָס מיר מאַכען...

ענמאַן: איך בין אײַך נישט קײן פרעמדער.

אהרן: נו... נו... פונדעסטװעגען װעט אַדורכגעהן נאָך פיעל צײַט, אײדער איהר װעט מיר קענען פערבײַטען מײַן זוהן...

חנה: װער װײס, װאָס ס׳קען זיך נאָך טרעפען.

## 4.

(ס׳קומט אַרײַן סילקין).

סילקין: װאָס מאַכט איהר? נו, װי געהען די געשעפטען?... (זעהענדיג די אַלגעמײנע אונטערדריקטע שטימונג, װערט ער שטיל, (פויזע). װען?

שרה: נעכטען בײַנאַכט דרײַ אַ זײגער. דרײַ אַ זײגער אָהן צעהן מינוט.

סילקין: (װיל זיך איבערצלמ׳ן, האַפּט זיך צוריק). ענטשולדיגט (װישט דעם שטערן) יע, אַ היסטאָריע.

שרה: ער איז זיך שטיל אײַנגעשלאָפען, העדר סילקין. און מיר האָבען לכתחלה אפילו נישט בעמערקט. מיר האָבען געמײנט, אַז ער שלאָפט. פלוצלונג בײַנג איך זיך אײַן און זעה: נישטאָ קײן אָטהעם.

סילקין: יע, איך בין זיך מודה, איך האָב דאָס נישט ערװאַרטעט. אַ װאוילער יונג געװעזען, אַ גוטער יונג.

אהרן: אָט איז אַ גאַסט געקומען צופאָהרען — זײַנער אַ גוטער פרײַנד פון פעטערבורג, ער האָט איהם אפילו נישט געזעהן לעבעדיגערהײד.

שרה: (ענמאַנ׳ען). דער העדר איז געװעזען אַזױ גוט און זיך צוגענומען פאַר אונז. אָהן איהם װאָלטען מיר...

סילקין: וואָס איז פֿאַר אַ המציאות? ליגט אַ קראַנקער אין שטוב, און דאָ איז אַזאַ טומל, גערודער... איך האָב זיי דורכגעטריבן. אַ פֿערוואונדעטער דאַרף האָבן רוהע. וואָס זענען דאָס פֿאַר המציאות! איהר רויכערט?

ענמאַן: ניין, אַ דאַנק.

סילקין: די פּאַפּיראָסן זענען איינענע, היימישע. אַ אומעט. זיצסט אַ גאַנצן אָבענד, און... (ווערט ענטשוויגען, דערטאָהנענדיג זיך). די לויה היינט?

שרה: יע, צוזאַמען מיט די איבעריגע?

סילקין: די וואונדען זענען באמת נישט קיין שטערבליכע. איך רעכען, אַז פֿיעל האָט געשאַדט דאָס, וואָס ער האָט שטענדיג געגערווירט, אַלץ געריסען זיך אין פּעטערבורג. וואָס, ס'האָט זיך אפשר עפּעס געטראָפֿען, אַנ' ענטציגדונג? (ענמאַנ'ען) און וואָס, אין פּעטערבורג איז פֿרעהליך?

שרה: דאָקטאָר איינשטיין זאָגט אויך, אַז ס'איז נישט קיין שטערבליכער וואונד. נאָר מיר, יודען, האָבען דאָך אַ בעזונדער גליק.

סילקין: איינשטיין איז אַ גוטער דאָקטאָר. פֿערשטעהט. אַ גוטער. וואָס-ער אונגליקליך פֿאָלק איהר זענט, פֿראָסט אַ וואונדער (ענמאַנ'ען). אַ שרעקליכער אומעט פֿאַלט אָן בײַ אונז אין שטאָדט, ס'אַ מיאוסע שטאָדט. ענטשולדיגט...

5.

(קומט אַריין דער רב רבי אליהו, דער 1-טער יוד און דער 2-טער יוד. אַלע שטעהען אויף. סילקין, בעקלערענדיג זיך, שטעהט אויך אויף).

שרה: אַ דאַנק אייך, רבי, וואָס איהר זענט געקומען צו אונז, אין הויז פֿון טרויער.

ר' אליהו: איך קום איצט פֿון אַ הויז, וואו דער טרויער איז טיעפֿער פֿאַר אייערן. בײַ'ן זייגער-מאַכער גאָלדבלאַט איז היינט בײַנאַכט די עלטערע טאָכטער בעגאַנגען אַ זעלבסט-מאָרד און איז געשטאָרבען.

חנה: דאָרא גאָלדבלאַט האָט זיך אויפגעהאַנגען?

1-טער יוד: פֿון איהר האָט זיך ענטזאַגט דער חתן.

2-טער יוד: איהם קען מען אויך נישט בעשולדיגען... ס'פֿערשטעהט זיך... ווי האָט מען געקאָנט מיט איהר חתונה האָבען?

אהרן: ר' אליהו, צו דען קען מען דעם טרויער אײַנסמעסטען

מיט אַ מאָס און אַ צאָהל? ווען איך וואָלט האָבען דריי זיהן און איך וואָלט זיי אַלעמען דריי פערליִרען איינעם נאָכ'ן אַנדערען — וואָלט מיין אומגליק נישט ווערען שטאַרקער, גרעסער.

1-טער יוד: ער וויל נישט מתפלל זיין, רבי אליהו.

2-טער יוד: אַלץ ווערט איבערגעהן, אַלץ ווערט זיך בערוהיגען... מ'דאַרף נאַר אונטערוואַרטען.

אהרן: איך וויל נאַר וויסען: פאַר וואָס?

ר' אליהו (שטאַרק). איהר זענט אַ חוצפה'דיגער מענש און נישט קיין קלוגער יוד.

אהרן (אויך שטאַרק). נישט איך האָב דאָס געפרעגט. נישט איך, אַ נאַר אָט זי, מיין אַלטע. זי האָט דאָס גאַנצע לעבען געליטען און קיינמאָהל קיין פריידע נישט געוואוסט. איינמאָהל אָבער, נאַר איין מאָהל האָט זי אויפגעהויבען איהר שטימע און געפרעגט: „פאַר וואָס?" איך האָב מתפלל געווען, איך האָב די גאַנצע צייט מתפלל געווען. נאַר דאָ האָב איך אויפגעהערט מתפלל צו זיין און אָנגעהויבען צו וואַרטען: זי ווערט בעקומען אַן ענטפער צו נייִן? און אָט איז דער ענטפער: ער ליגט דאָרט אויפ'ן פעלד. האָט פערגעניגען, מ'האָט איהר געענטפערט.

שרה: מסתמא האָב איך נישט בעדאַרפט פרעגען.

ר' אליהו (ווייכער). איהר זענט אַ אַלט קינד, רב אהרן.

2-טער יוד: אַלץ ווערט זיך איינאָרדענען. מאַלע וואָס ס'טרעפט זיך.

אהרן: ביז וואַנען מ'ווערט מיר נישט ענטפערען, וועל איך נישט מתפלל זיין.

ר' אליהו: איהר זענט אַ אַלט איינגעשפאַרט קינד. איהר פרעגט צופיעל איינגעשפאַרט — זייט נאַר פאָרזיכטיג. עס קען זיין, איהר ווערט טאַקע בעקומען אַן ענטפער.

2-טער יוד (דעם ערשטען). איהר הערט, וואָס ער זאָגט?

1-טער יוד: ער זאָגט נביאות.

אהרן: אמן. אַזוי זאָל זיין.

ר' אליהו: איך האָב מעהר פאַר אייך געלעבט אויף דער וועלט, מעהר געזעהן און מעהר נסיונות בייגעשטאַנען. ס'זענען פאַראַן גאַנצע פעלקער, וואָס תיכף פון וויגעל וואַרטען שוין אויף זיי צרות און יסורים. אַ זוהן פון אַזאַ פאָלק, געבוירענדיג ווערען אויף דער וועלט, דאַרף שוין זיין גרייט צו דעם, אַז איהם ערוואַרטעט אומגליק. אויב ער האָט אַ הויז, קען איהם רער פייער פערברענען. אויב ער האָט רייכקייט,

חפצים, קען ער יעדע מינוט אנ׳אָרימאַן ווערען. אויב ער האָט קינדער— וועט ער זיי פערלירען. אַזוי קומט שוין פאַר מיט אונז פיעל הונדערטער יאָהרען. און אויב מיט עמיצען פון אונז קומט דאָס נישט פאַר, איז דאָס נאָר אַ גליקליכער צופאַל.

אהרן: פאַר וואָס־זשע איז דאָס אַזוי?

ר׳ אליהו: די יודען זענען דאָס סאַמע עלטסטע פאָלק. דאָס איז די גראָה האָאר פון דער מענשהייט. די צייט מאַכט טייער נישט נאָר איך מענשען, אויך גאַנצע פעלקער, שטאַמען. מיר זענען די אַלטע מתנה בייַ׳ן טראָהן.

אהרן: אַ! ביי זיין טראָהן!

ר׳ אליהו: און דאָרט, וואו ס׳ווערען אַריינגעטיילט די אומגליקען, זענען מיר שטענדיג די ערשטע. זיין אומגליקליך — דאָס איז אַ הויכע עהרען־פפליכט, און דאָס יונגוואַרג — די יונגע פעלקער, האָבען דאָס נאָך נישט פערדינט. אויב אין פאַמיליע וועט פאַרקומען עפּעס זעהר ווילכטיגעס, וועט איהר דאָך שיקען איינאָרדנען די זאַך דעם קלינגסטען, פלייסיגסטען, און ניט דעם נאַרישסטען און פוילען.

2־יוד. הערט, וואָס ער רעדט.

ר׳ אליהו: דאָס יודיש פאָלק איז אַ אויסדער־וועהלט פאָלק. וואָס בעדייט דאָס? דאָס הייסט, ווען ס׳חמאַרעט זיך דער הימעל, דאַרפען מיר די ערשטע צונעהמען דעם בליץ, אַרויפנעהמען דעם צאָרן אויף זיך און אופ׳ן חלק פון אַנדערע זאָל אויסקומען זעהר ווייניג. צי דאָס איז נישט קיין גרויסער כבוד?

1־טער יוד: ס׳איז זעהר אַ ביטערער כבוד.

ר׳ אליהו: יע, נאָר דערפאַר זענען מיר נאָהנטער צום טראָהן ווי אַנדערע.

אהרן: ר׳ אליהו, איהר פערגעסט, אַז שטאַרקער פון גאָט שלאָגען אונז מענשען. אָ, ווי זיי שלאָגען אונז! אָהן רחמנות, אָהן באַרמהערציגקייט. מיר ליידען פון ביידע זייטען — פון דער הויך און פון אונטען. און פון אונטען פיעל שטאַרקער, ווייל דאָס זענען דאָך פונ־דעסטוועגען אייגענע — אַלץ אונזערע ברידער. שרעקליך צו לעבען, ר׳ אליהו.

ר׳ אליהו: יעדעס מאָהל...

2־טער יוד: ער האָט געזאָגט ריכטיג. ער איז גערעכט.

1־טער יוד: שטילער, לאָזט רעדען.

ר׳ אליהו: יעדעס מאָהל, ווען מענשען הויבען זיך אָן צו קריגען

מיט גאָט, שרײַען צו איהם אָדער פאָדערן פון איהם, שטעלט זיך אויף זייער וועג דאָס יודענטום, דער אַלטער שטאַם — די אַלטע מתנה אַרום דעם אייביגען טראָהן. ווען מ'בעפאַלט עמיצענס הויז, ליידען קודם־כל די אַלטע דינער. זיי נעהמען צו די ערשטע קלעפ, אַלס טרײַע דינער. אַזוי איז געווען פון אייביג, און אַזוי וועט פערבלײַבען אויף אייביג. א לאַנגער וועג שטעהט פאַר דער מענשהייט, און נאָך פיעל יודיש בלוט וועט פערגאָסען ווערען.

אהרן: דאָס איז אַ אונגערעכטיגקייט.

ר' אליהו: אָבער דאָס איז אַ כבוד! ווייסט, ר' אַהרן, אַז דאָרט וואו ס'פערגיעסט זיך דאָס בלוט פון אַלטען פאָלק, — דאָרט ווערט געבוירען די אַלגעמיין־מענשליכע פרײַהייט, דאָרט ווערט פערזייעט נײַעס פאַר אַלעמען. אַ! מענשליך בלוט, אַזוי ווי קאָסטבאַרע ווײַן, איז צו־גאָסען איבער'ן קערפער פון מענשען, אַזוי ווי אין כלים. דאָס בלוט, אַזוי ווי ווײַן, ווי עלטער דאָס איז — ווערט דאָס אַלץ טײַערער, אַלץ קאָסטבאַרער. ווען איהר טראָגט אַרויס פון קעלער אַ מיט מאָך פער־וואַקסענע פלאַש אַלטען, הונדערט־יעהריגען ווײַן און אומגערן צוברעכט איהר די פלאַש, פערפולט זיך די לופט מיט אַ זעלטענעם בשמים ריח. נו, און ווען איהר צוברעכט אַ כלי, אין וועלכער ס'איז געווען אַ נאָך מעהר טײַערע פליעסיגע זאַך...

שרה: צוברעכען די כלי! צוברעכען!

ר' אליהו: טײַערס, גאָלדענס בלוט, — צי קען דאָס אַ דורכגעהן אַזוי, אָהן קיינע פאָלגען? דער גייסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער פינסטערער געפענגעניש, טראָגט זיך אין דער לופטען און וועט זיך ערגעץ־וואו אַראָבלאָזען, ווי אַ פויגעל אויף אַ אונבעוואוסטען ערד־טייל. וואו — אַלץ איינס. פון די יודישע בת־עלמנ'ס ווערט געבוירען דער פרײַהייטס־גייסט. אין דעם איז אונזער אונגליק, נאָר אויך אונזער טיעפעס, טרויעריגעס גליק. איך געה אַוועק, רב אהרן. מען ערוואַרט מיך אין אַנדערע פאַמיליעס. דאַווענט. זײַט געזונד! (געהט אַרויס; דער 1־טער און 2־טער יוד מיט אַכטונג נאָך איהם).

ענמאַן (חנה'ן). וואָס איז מיט אײַך.

חנה: דאָרט גאָלדבלאַט האָט זיך אויפגעהאַנגען.

שרה: איך העֶר דאָס ערשטע מאָהל דעם רב ר' אליהו.

סילקין: גאָלדבלאַט... דאָס איז דיזעלבע... וועלכע... אַ נעשיכ־ן וויל איך אײַך דערצעהלען.

ענמאַן: איך פערשטעה איצט. איך פערשטעה אַלץ (געהט אָב אין גרויסער אויפרעגונג).

שרה: וואָס=זשע האָט זי געוואָלט טהון?

חנה: דער חתן האָט זיך הערוואוסט, און ער האָט נישט גע= דאַרפט וויסען. דאָס איז אַלץ. קיינער דאַרף נישט וויסען. דאָס איז די זאַך.

אהרן: גוט. אָבער וואו=זשע איז מיין זוהן? ער איז אַ קלוגער זקן, דער רב ר׳ אליהו, זאָל ער מיר אָבער אומקעהרען מיין זוהן. זאָל ער אומקעהרען דעם זוהן, וועל איך גלויבען דעם רב. וואָס? צוברעכען די כלי מיט׳ן טייערען וויין — האָט דאָס עפּעס אַ זינען? נו יע, אויסגע= גאָסענע וויין פיעלט=אָן די וואָהנונג מיט אַ גוטען ריח. אָבער איך פרעג: צו וואָס דאַרף מען איהם אויסגיסען? ר׳ אליהו געפינט תירוצים צו דעם, וואָס איז שוין פאָרגעקומען, אָבער צו וואָס איז דאָס לכתחלה פאָרגעקומען? צו וואָס? זאָל ער ענטפערן אויף דעם. ער איז מיך מנחם: דאָס וועט אַלץ זיין דאָרט, ווען=ס׳איז, אין וויטען צוקונפט. נאָר שוין אַזוי פיעל דורות און אויף אונזערע קעפּ שיטען זיך אומגליקען. און מ׳זאָגט אונז אַלץ: ווייטער וועט זיין בעסער, ווייטער וועט זיין בעסער. ווען=זשע? ווען? איך גלויב נישט אין דעם. ווען איז דאָס נוצליך, אַז מיין איינציגער זוהן זאָל ליגען דאָרט, אויפ׳ן שטרוי? אַז ער זאָל שטאַרבען כמעט אין מיינע אויגען?... ניין, איך וועל נישט דאַוונען.

## 6.

(קומט אַריין אַ מענש - חנה, דערזעהענדיג איהם, שטעלט זיך אָב, ווערט בלאַס, קוקט איהם, נישט אַראָבנעמענדיג די אויגען, אינ׳ס געזיכט).

דער מענש: דאָ וואָהנט שיפער? מ׳פרעגט וועגען דער קבורה.

ענמאַן: דאָ. וואָס איז דען?

מענש (דערזעהענדיג סילקינ׳ען, נעהמט אַראָב דאָס היטעל). מ׳בעט איהם באַלד קומען אַליין.

אהרן: איך קען ערגעץ נישט געהן (געהט אַוועק).

שרה: וואָס איז?

ענמאַן: עפּעס אַ פאָרמאַליטעט מיט די פּאַפּירען.

מענש: איך וויים נישט. אַ נאָר באַלד קומען. איהר זענט זיין פרוי?

שרה: איך געה (טהוט אָן אַ טוך).

מענש (הנה׳ן). וואָס איז אַזוינס? וואָס קוקט איהר?

חנה: דערקענסט נישט?

מענש: וואו, פון וואַנען? קיינמאָל נישט געזעהן (קעהרט זיך אום).

חנה: אויף שאָסײַ־גאַס... דו... דו...

מענש: (פּלוצלונג, גראָב). וואָס, אויף שאָסײַ־גאַס? איך ווייס פון קײַן זאַך נישט. איהר טשעפּעט זיך (שׂרה׳ן). נו, וואָס, איהר געהט? איך וועל אײַך בעגלײַטען... מ׳וואַרט (געהט אַוועק מיט שׂרה׳ן).

חנה: ער...

ענמאַן: בײַ אײַך איז עפּעס פאָרגעקומען מיט איהם. ער האָט אײַך בעלײדיגט? וואוהין געהט איהר אַוועק?

סילקין: איהר וועט פאַלען. זי פאַלט.

חנה: ער... געהט נישט נאָך מיר, איך בעט אײַך — געהט נישט נאָך מיר (געהט אַרויס).

סילקין: אַ אומגליקליך פאָלק זענט איהר, עהרען־וואָרט. וואו זעהט מען דאָס? פּשוט אָהן אַ סוף.

ענמאַן: צו דען האָט איהר אַצונד נאָר בעמערקט אונזערע טרעהרען? מיר וואָהנען זײַט־בײַ־זײַט מיט אײַך אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען, און ריכטיג ווי אַ וואַנד פון שטײנער וואָלט זײַן צווישען אונז...

סילקין: איהר פערדעקט אַלץ, בעהאַלט זיך, גאָט ווייס אײַך.

ענמאַן: צו וואָס זאָל מען שרײַען וועגען די צרות. אַלץ אײנס וועט קײנער נישט דערהערען. און אויב מ׳וועט דערהערען, וועט מען פערבײַגעהן.

סילקין: אַ אומגליקליך פאָלק.

7.

(חנה, קומט אַרײַן אין טהיר).

חנה: און וואָס האָט ער געזאָגט?

ענמאַן: ווער?

חנה: ער... דערזועלבער, וואָס איז נאָר וואָס געוועזען.

ענמאַן: מ׳דאַרף לעגאַנ׳ס דאָקומענטען.

חנה: ווײַטער גאָר נישט?

סילקין: נײן.

ענמאַן: פאַר וואָס אינטערעסירט ער אײַך אַזוי שטאַרק?

חנה: וואו איז דער פאָטער... אַח, יע, אַ בריעף...

ענמאַן: אַ בריעף?

חנה: איצט קען איך שוין וועגען דעם רעדען... כ׳האָב פער־

געסען. לעאָן האָט מיר פאַר׳ן טוידט איבערגעגעבען א בריעף...

ענמאַן: וואו איז ער?

חנה: כ׳האָב איהם בעהאַלטען. ער וועט נאָך קומען?

ענמאַן: כ׳ווייס נישט... ניין...

חנה: (פלוצלונג). דו קענסט מיך אוועקפיהרען פון דאַנען תיכף, דיזעלבע מינוט? אז אַלץ, וואָס איז געווען, זאָל זיך אָבשטעלען פון אונטען. לאָמיר אוועקפאָהרען, אוועקפאָהרען פון דאַנען.

ענמאַן: וואוהינ־זשע זאָלען מיר אוועקפאָהרען?

## 8.

(1־טער יוד קומט אריין).

1־טער יוד: נו וואָס? מ׳דאַרף באַלד אַרויסטראָגען (חנה געהט אַרויס).

ענמאַן: מיר האָבען נאָך נישט קיין ערלויבניש פון דער פאָליציי צו מאַכען די לויה.

1־טער יוד: איך זאָג דאָך אייך. זיי האָבען היינט זעהר פיעל אַרבייט.

ענמאַן: די פּראָצעסיע וועט זיך באַלד אָנהויבען?

1־טער יוד: באַלד. איך וועל זאָגען דער חברה קדישא. די דאָקומענטען וועט מען דערנאָך אָבנעהמען (געהט אַרויס).

סילקין: נו, איך געה. וואָס־זשע וועט זיין? איז אין פּעטערבורג, זאָגט איהר, פרעהליך? איהר וואָלט חאָטש אַריינגעהן צו מיר אַביסעל פּלוידערן. איך וועל אייך שפּילען אויף דער פּיאַנינא. אַליין אויסגעלערנט זיך, שפּיל אָהן נאָטען. שפּעט. איהר וועט אַריינגעהן?

ענמאַן: גוט.

סילקין: קומט אריין. איך וואָהן נישט וויים, אַנטקעגען. דאָ אין שטאָדט אינטערעסירט זיך קיינער נישט מיט מוזיק. לעב אין אַזאַ שטאָדט (געהט אַרויס שטיל, אויף די שפּיץ פינגער).

## 9.

(קומט אריין חנה מיט׳ן בריעף).

ענמאַן: וואָס שרייבט ער?

חנה: כ׳פערשטעה נישט (דערלאַנגט דעם בריעף).

עֶנמאַן (לייענט) משונה׳דיג.

חנה: ער האָט געבעטען דורכלייענען נאָר נאָך זיין טוידט.

ענמאַן: כ׳פערשטעה ניַשט. וואהנזיניג...

חנה: יע... איך ווייס נישט (פויזע)... איך וויל אייך עפּעס דער-צעהלען.

ענמאַן: וועגען מענש, וואָס איז דאָ אָקאָרשט געווען.

חנה (שנעל). פון וואַנען נעהמט איהר דאָס? יע, וועגען איהם, איך קען נישט. איך מוז אייך דערצעהלען. איך מוז...

ענמאַן: דערנאָך. אַנ׳אַנדערש מאָהל.

חנה: דערנאָך וועט זיין צו שפּעט.

ענמאַן: טהוט אַ קוק אויף זיך. איהר זענט קראַנק.

חנה: ניין, איך וועל דערצעהלען.

ענמאַן: איך וויל קיין זאך נישט וויסען. קיין זאך.

חנה: איהר פערשטעהט שוין אַליין?

ענמאַן: איך פערשטעה קיין זאך נישט, נאָר—אַנ׳אַנדערש מאָהל.

חנה: איך קען נישט מעהר. פערשטעהט, איך קען מעהר נישט שווייגען. מיך שטיקט. פאַר וואָס ווילט איהר נישט אויסהערען? מיר וועט ווערען לייכטער.

ענמאַן: און מיר?

חנה: אויך.

ענמאַן: אויך? דערצעהלט.

חנה: יעקב, איהר ווייסט, ווער איז דער מאַן?

ענמאַן: (צורעקענדיג זיין געזיכט, אָבקעהרענדיג זיך). וועלכער?

חנה: וואָס איז דאָ געווען.

ענמאַן: ווער?

חנה: יעקב, יעקב, יעקב,—דאָס איז מיין מאַן...דאָס איז מיין—„געליעבטער"... איך ווייס נישט, ווי צוזאָגען. אַ מאַן, נאָר מיר האָבען נישט חתונה געהאַט. איהר פערשטעהט? איהר פערשטעהט? פערשטעהט איהר מיך?

ענמאַן: אַ מאָדנע זאך. די גאַנצע צייט איז דאָס ביי מיר אין קאָפּ.אַ מאָדנע זאך.

חנה: אָט האָב איך דערצעהלט.

ענמאַן   נאָך נעכטען: איז דער געדאַנק אַ דורכגעפלויגען ביי מיר אין קאָפּ. דאָראַ גאָלדבלאַט.

חנה:   יע (פויזע). דערצעהלט. איצט ווייסט איהר אַלץ. ענטשולדיגט. כ'האָב געוואָלט דאָס פערבאָרגען. ווער ווייס? קיינער נישט. כ'בין ווי אַלע פריילינס. קיינער נישט, איך בין ווי אַלע. און פלוצלונג געהט ער אַריין, ער געהט אַריין. איצט ווייסט איהר אַלץ. נו, וואָס שווייגט איהר? נו, שלאָגט מיך.

ענמאַן:   איך קען אייך נישט הערען.

חנה:   געהט אַוועק פון מיר. ענטלויפט. כ'האָב אייך געוואָלט אָבנאַרען. כ'בין אַ נידריגע, געמיינע. געהט אַוועק.

ענמאַן:   צו וואָס, צו וואָס רעדט איהר דאָס? נאָך מעהר וועל איך ווערען צוגעבונדען צו אייך. נאָך טייערער זענט איהר מיר געוואָרען.

חנה:   כ'האָב געוואָלט לייקענען. אָבער אפילו קיין איין מינוט האָב איך נישט געקענט פאַרגעסען. דאָס זיצט אין מיר, שטענדיג אין מיר. איצט, קען זיין, וועט ווערען גרינגער... אינגאַנצען גרינג.

ענמאַן:   איך וועל אייך נישט אָבלאָזען, שוועסטער מיינע, מיין אונגליקליכע חנה, נישט ריכטיג וואָס איהר האָט דערצעהלט. ס'האָט זיך אייך געחלומ'ט. ס'איז אַ שלעכטער חלום.

חנה:   אָח, ווען דאָס זאָל זיין נאָר אַ חלום.

ענמאַן:   וואָס האָט זיך דען געטראָפען? גאָר נישט. נאָך נייע טרעהרען זענען געפאַלען—אָט און נישט מעהר. ריינע טרעהרען, ווי פערל. טרעהרען פון אַ געפייניגטער יודישער טאָכטער. קיין זאַך איז נישט פאָרגעקומען. נאָך טייערער זענט איהר אונז אַלעמען געוואָרען. קוקט, ווי איבער'ן קערפער פון דאָראַ גאָלדבלאַט וויינען אפילו פרעמדע. ווי מיר וואָלטען פערלירען די טייערסטע, די געליעבסטע טאָכטער אונזערע.

חנה:   נאָך איינע איז איבערגעבליבען.

ענמאַן:   נישט איינע אוי; נישט נאָר איינע. זיי אַלע זענען נעהנטער פון אַנדערע צום הארצען פון פאָלק, חנה! איך וועל קושען אייער קלייד...

חנה:   פאַר וואָס נעהנטער?

ענמאַן:   ווייל מ'וועט דערפיהלען אין אייך די ליידען פון אונז אַלעמען, פונ'ם גאַנצען פאָלק. נישט איהר ווייַנט און פערבעהאַלט שטאָלץ אייערע טרעהרען—די אומגליקליכע ערד קרעכצט: זי איז געשענדעט, זי איז צוריסען.

חנה:   געשענדעט שטעה איך דאָ.

ענמאַן:   צי דען זענען יסורים נישט קיין עהרע? ברכות וועט מען

שיקען אייך, אויף אייער קאָפּ. אונבעוואוסט וואו — נאָט ווייס אין וואָסערע ווינקעלעך — וועט מען זאָגען: אָט וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט די שענסטע און בעסטע טעכטער פון אונזער פאָלק. און אויפ'ן אַנדערן עק וועלט — גאָט ווייס וואו — וועלען פרומע זקנים מתפלל זיין פאַר אייך, חנה.

חנה: מתפלל זיין פאַר מיך? פאַר מיך?

ענגמאַן: אויף אַ בלוטיגען שטיין האָט מען אייך אוועקגעלייגט, שעהן קינד אונזערס, אונזער איידעלער בלום... בלומעלע אונזערס.

חנה: וואָס בין איך? אַ שטויב. ווער בעמערקט מיך? אַזויפיעל אומגליקען, אַזויפיעל צרות. וואָס איז דערין, אויב דאָס איז פאָרגעקומען מיט מיר! איך לייד. איך לייד אַליין, איך בעהאַלט זיך. זאָל נאָר דער פאָטער נישט געוואָהר ווערען. ליבער פאָטער, אַזאַ וואוילער, אַזאַ אומגליקליכער. אָח, פאַר וואָס האָט דאָס איהם געטראָפען? זאָל ער נאָר נישט געוואָהר ווערען. אַזאַ שטילער, קיינעם קיינמאָהל נישט בעליידיגט, איהר קענט איהם נישט, יעקב,

ענגמאַן: צו וואָס דאַרף ער וויסען? מ'דאַרף נישט.

חנה: איך אַליין. איך אליין. איהר דאַרפט אויך פערגעסען.

ענגמאַן: איך האָב פערגעסען.

חנה: נו, יע. געוויס. מ'דאַרף נישט (ענגמאַן שטרעקט איהר אויס די האַנד) געוויס (זי דערלאַנגט איהם די האַנד), איך וועל זיך ווי עס איז בערוהיגען גאָרנישט...

ענגמאַן: איהר האָט נישט פערשטאַנען.

חנה: וואָס האָב איך נישט פערשטאַנען?

ענגמאַן: (נישט אַרויסלאָזענדיג די האַנד), איך אייער האַנד...

חנה: מיין האַנד... צו וואָ... (פּלוצלונג פערשטעהענדיג, האַקט איבער ערשראָקען) ניין. ניין (שרייט), ניין!

ענגמאַן: איהר האָט מיר נעכטען געגעבען דאָס וואָרט.

חנה: יע, נעכטען.

ענגמאַן: וואָס־זשע איז פאָרגעקומען? איך ווייס נישט, וואָס איז פאָרגעקומען?

חנה: ניין, איך קען נישט, יעקב. איהר זענט אַ גוטער — אַזאַ גוטער, אַז איך קען נישט.

ענגמאַן: איך וועל נישט אָבטרעטען, איך וועל נישט אָבטרעטען פון אייך. איך וועל מיט געדולד וואַרטען, ביז וואַנען איהר וועט זאָגען.

איך וועל רעכענען: ס׳קען זיין מארגען, ס׳קען זיין אין א חודש ארום אדער אין א יאהר! נאר איך וועל נישט אוועקגעהן. וואוהין זאל איך געהן? איך בין דא, וואו ס׳איז מיין גליק, מיין גאנץ לעבען. וואוהין זאל איך געהן?

חנה: ס׳קען זיין איהר זאגט נאר אזוי, מיך נישט צו בעליידיגען.

ענמאן: מיט מיין גאנצער זעעלע בין איך מיט אייך. ס׳איז נישטא קיינער, וואס זאל זיין טייערער פאר אייך. שטרעקט נאר אויס אייער האנד הויבט נאר אויף די אויגען אויף מיך.

חנה: טהוט דאס נישט. איך בעט אייך.

ענמאן: פאר וואס? איך בין מיט אייך.

חנה: טהוט דאס נישט. דאס איז אונמעגליך.

ענמאן: פאר וואס?

חנה: אזא גוטער. איך ליעב אייך נישט... (דריקט זיינע הענד, לענט־צו צו זיי איהר געזיכט). איך ליעב אייך נישט... אזא פיינער, מיר ווילט זיך קושען אייערע הענד (קושט).

ענמאן: וואס טהוט איהר?

חנה: פונדעסטוועגען ליעב איך אייך נישט. נעכטען האב איך בכיון געזאגט. איך ליעב אייך נישט. ניין: בכיון, אום איהר זאלט חתונה האבען, אזוי האב איך אויסגעקלערט...

ענמאן: איך וועל ווארטען.

חנה: וויפיעל־זשע ווארטען? וואס ווארטען? ביז איך וועל פערגעסען די נאכט אויף שאסיי־גאס. וויפיעל־זשע ווארטען?

ענמאן: איך וועל אלץ ווארטען.

חנה: איך וועל קיינמאהל נישט קלערען, אז איהר האט זיך געפיהרט נישט איידעל און ארענטליך. ענטזאגט זיך. נעהמט צוריק דאס ווארט. דאס איז דאך שטארקער פון אלץ.

## 10.

(אהרן קומט אריין, שטעלט זיך אב גלייכגילטיג, דערנאך הויבט ער אן איינצוהערען זיך).

חנה: פאר אונזערע וועלען מיר זיך ווייזען, ווי איך וואלט אייך ענטזאגט. עס קען זיין, איהר האט מורא, איך זאל נישט טהון, וואס דארא גאלבלאט האט געטהון? ניין, דאס וועט נישט זיין. ס׳וועט נישט זיין, בערוהיגט זיך.

אהרן: דארא גאלדבלאט?

חנה: געהערט. דו האסט געהערט?

אהרן: ס'האט זיך עפעס געטראפען מיט דיר. דערצעהל. זאל ער דארט דערהערען אויך דאס!

חנה: זאל ער דערהערען. פאטער, רעד אב יעקב'ן, ער וויל מיט מיר חתונה־האבען. רעד איהם אב דאס נישט צוטהון.

אהרן: פאר וואס טאר מען מיט דיר נישט חתונה האבען?

חנה: ווייל איך בין, ווי דארא גאלדבלאט... און מיט אזעלכע האט מען נישט חתונה. איך האב פאר אייך אלע געלייגט, פערבעהאלטען. איך בין דאן געוועזען נישט ביי מיין פריינד. אויף שאסיי־גאס איז מען בעפאלען ביינאכט. איך האב זיך געוואלט אויפהענגען. מיט מיר טאר מען נישט חתונה האבען (קוים איינהאלטענדיג זיך), דער'הרג'ע מיך!

(אונטער דער סצענע — די לויה־פראצעסיע. ס'הערט זיך א קלאנג פון מטבעות אין א בלעכערנער פושקע).

אהרן: (פאלט צו צו איהר מיט אי־אמער). טאכטער מיינע. מיין שענע טאכטער (קושט אויפ'ן פאל איהר קלייד). מיין ריינע מיידעלע. מיין בריליאנט.

חנה (חליפעט). וואס האבען זיי מיט מיר געטהון! פאר וואס? פאר וואס? (נעהמט ארום מיט די הענד דאס געזיכט פון פאטער, אזוי ווי א קינד).

אהרן: דו הערסט? ווידער די פראגע: פאר וואס? אדער דו ווענסט זיך ווידער מאכען פאר א טויבען? איך גלויב נישט דיין שווייגען. דאס צווייטע מאל פרעגט מען דיך, און ווידער נישט איך. און ווידער א פרוי, נו, ענטפער־זשע. דו מוזט ענטפערן. אלץ די זעלבע קורצע פראגע, זי איז ביי אלעמען אויפ'ן צונג. און מ'האט נאך געוואלט, אז איך זאל מתפלל זיין, איהם דאנקען. גענוג! איך בין שוין מיעד צו האלטען מיין קאפ איינגעבויגען. וואס האסטו געטהון מיט מיינע קינדער? גיעב א'ענטפער!

## 11.

(ס' קומען אריין יודען. א טומעל).

1־טער יוד: ס'איז שוין צייט, ר' אהרן, שוין צייט.

2־טער יוד: די פראצעסיע האט זיך שוין אנגעהויבען.

(געהם אין צווייטען צימער).

## 12.

(שרה קומט אריין).

שרה: מ'טאר נישט, מ'טאר איהם נישט מקבר זיין.

פארהאנג.

# דריטער אקט.

דער וועלבער צימער. עס ווערט אבענד.

## 1

שרה און דער 1=טער יוד.

**שרה:** (זיצט, דערשלאגען, אויף א נידריג בענקעל, ווישט די טרעהרען, וועלכע פליסען כמעט אומגערן). אלע האבען זיך מיט אמאל פון אונז אבגעקעהרט. א דאנק אייך, וואס איהר זענט אריינגעקומען.

**1=טער יוד:** פאר וואס=זשע זאל מען נישט אריינגעהן צו ארענט=ליכע יודען. צי דען זענט איהר דערפון ערגער געווארען?

**שרה:** פאר וואס=זשע האבען אלע, אלע אונז פערלאזען?

**1=טער יוד:** איהר זענט געווארען נאך מעהר אומגליקליך, אבער נישט ערגער זענט איהר געווארען (מיט א נידריגער שטים). נו, און ווי איז מיט'ן אלטען?

**שרה:** ער האט זיך פערשלאסען. ווי נאר ער איז געוואהר געווארען, איז ער אוועק צו זיך.

**1=טער יוד.** און ביז איצט איז ער נישט ארויסגעגאנגען?

**שרה:** ניין... איך האב זיך אבגעשטעלט אינגאנצען אליין...

**1=טער יוד:** און די טאכטער אייערע?

**שרה:** זי איז אוועק אויפ'ן בית=עולם צוזאמען מיט ענמאנ'ען און מיט'ן אפיצער. איך בין אליין אין גאנצען הויז.

**1=טער יוד:** אויף וועלכען בית=עולם? אויף אונזערען?

**שרה:** ניין, אויף זייערן.

**1=טער יוד:** און ס'איז געווען א גלח? אי=אי=אי. נישט גוט, עס קען זיין, איהר זיצט אזוי, ווי איהר וואלט בעוויינען א יוד.

**שרה:** כ'וויים נישט, ס'קען זיין, איך טהו נישט גוט. נאר גאט וועט מיר מוחל זיין. איך בעוויין מיין זוהן, און אויב מ'האט איהם מקבר געווען נישט אויפ'ן יודישען בית=עולם צוזאמען מיט אנדערע, ליידט איך דען דערפון ווייניגער?

**1=טער יוד** מ'זאגט, ביי אונז אויפ'ן בית=הקברות איז געווען א עולם מעהר פון צוואנציג טויזענד. די גאנצע שטאדט איז דארט געווען

וואָס פאַר אַ קרעכצען זענען געשטאַנען אין דער לופט! אַלע האָבען געוויינט. יודען זקנים מיט ווייסע בערד האָבען געכליפּעט ווי קליינע קינדער... דער רב ר׳ אליהו איז געפאַלען אין חלשות. און ווען ער איז אַוועק פון בית-עולם, האָבען פילע געהערט, ווי ער האָט געזאָגט: „אין גיכען וועל איך זיך זעהן מיט זיי״.

**שרה:** און נאָך מיין זוהנ׳ס אָרון זענען נאָך געגאַנגען נאָר דריי מענשען.

**1-טער יוד:** און ווען דער כאָר האָט אָנגעהויבען זינגען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז ביי מיר פּלאַצט דאָס האַרץ. איהר קענט דאָך אונזער גוטען כאָר. אויסערדעם האָט ר׳ אליהו געבראַכט מיט זיך ספּעציעל אַ חזן פון ווילנא. אָי זינגט ער!... פסס... נישט מענשען, נאָר מלאכים האָבען געזונגען וויינענדיגע תפלות. און איבער דאָרא גאָלדבלאַט׳ס קבר איז געוועזען אַזאַ כליפּעריי, אַז פיעל פרויען זענען געפאַלען אין חלשות.

**שרה:** ר׳ שמחה, איהר וועט קיינמאָל נישט קענען פערשטעהן, וויפיעל איך לייד.

**1-טער יוד:** אַ שרעקליכע היסטאָריע, אַ שרעקליכע.

**שרה:** ווען איך זאָל דאָס חאָטש וויסען פון פריהער. דאָס איז מיר אפילו אויפ׳ן זינען נישט אַרויפגעקומען. געהט אַריין אַ מענש און זאָגט: דאָ וואָהנט שיפער? דוכט זיך, איהר זענט דענסמאָל געוועזען.

**1-טער יוד:** ניין. נו, נו.

**שרה:** „וואָס איז?״ „מ׳בעט באַלד קומען צוגעהן״.

**1-טער יוד:** קיין גוטס וועט שוין מסתמא נישט אַרויסקומען.

**שרה:** איך געה. איך קלער, ס׳איז אודאי עפּעס וועגען די דאָקומענטען. ער געהט אַליין אַריין און קוקט נישט אין די אויגען.

**1-טער יוד:** געוויס. נו, געוויס.

**שרה:** און זאָגט מיר: „דאָ איז אַרויסגעקומען אַ טעות. אייער זוהן טאָר מען נישט מקבר זיין אויפ׳ן יודישען בית-עולם. ער איז אַ פּראַוואָסלאַווּנער, אַ געטויפטער״. איך האָב לכתחלה געמיינט, אַז זיי זענען זיך טועה. נאָר ער האָט מיר בעוויזען די פּאַפּיערען. שוין זיבען יאָהר, אַז לעאָן האָט דאָס געטהון.

**1-טער יוד:** אײַ-אײַ-אײַ. און קיינער האָט גאָר נישט געוואוסט. אײַ-אײַ-אײַ.

**שרה:** איך האָב די פּאַפּיערען פריהער גאָרנישט געזעהן. און ווער קוקט דען? ווער האָט דאָס געקענט וויסען? ס׳איז דאָך שוין זיבען

יאָהר, אז ער איז אפילו נישט געקומען צופאָהרען צו אונז. יעצט פערשטעה איך, פאר וואס.

1-טער יוד: איך האָב געמיינט, אז מיט'ן אלטען וועט זיין ערגער, ווען ער וועט געוואָהר ווערען.

שרה: ער האָט געשוויגען, חאָטש איין וואָרט. ער האָט געוואָלט א געשריי טהון, האָט אָבער נישט געקענט. זיצט ביי זיך.

1-טער יוד: אפשר אריינגעהן צו איהם?

שרה: די טהיר איז פארשפארט. ווען זיי זענען געקומען מיט א פראָסטען געלען אָרון פון פּאָליציי, האָב איך אָנגעקלאָפּט צו איהם, געזאָגט: „געה געזעגען זיך מיט'ן זוהן".

1-טער יוד: נו, און וואס האָט ער געענטפערט?

שרה: ער האָט געענטפערט: „גיעב איהם איבער א גערוס פון מיינעטוועגען.

1-טער יוד: און ער איז טאקי נישט ארויסגעגאנגען?

שרה: ניין.

1-טער יוד: ער איז א פרומער יוד. איך וועל פּרובירען דורכשמועסען זיך מיט איהם. נישט גוט, אויב ער איז דאָרט אַלץ אליין. גאָט ווייס, וואָסערע געדאַנקען עס קענען איהם קומען אין קאָפּ אריין. ער איז דאָ? (ווייזט אן).

שרה: יע.

1-טער יוד: (קלאָפּט מיט מורא. פּויזע. קלאָפּט העכער). ר' אהרן.

אהרנ'ס שטימע: גיעב איהם איבער א גערוס פון מיינעטוועגען. איך האָב שוין געזאָגט.

שרה: דאָס זעלבע.

1-טער יוד: איהר האָט א טעות. דאָס בין איך. נישט גוט ר' אהרן. איהר האָט פערלאָזען אייער פרוי לחלוטין אליין (פּויזע). צי דען קען מען זיך אזוי פיהרען מיט אַנ'אלטער פרוי?

אהרנ'ס שטימע: און ער איז שוין נישטאָ?

שרה: ער פרעגט דאָס וועגען זוהן.

1-טער יוד: ניין, אַלץ געענדיגט. אייער ווייב זיצט דאָ אליין און וויינט. וואָס? אלס א גוטער מאַן און א בעל-משפּחה, דאַרפט איהר זיין נעבען איהר, מנחם זיין איהר.

שרה: גוט, גוט, זאָגט דאָס איהם.

1=טער יוד: איצט, ווען אויף אייך איז אָנגעשיקט געוואָרען אַזאַ אומגליק, דאַרפט איהר זיין געבען איהר. איך רעד דען נישט ריכטיג? וואָס? איהר זענט אַ מאַנסביל און אַ אָרענטליכער פרומער יוד. זי זיצט דאָ און וואַרט אויף אייך. איהרט הערט מיך ר׳ אהרן? אויף אייך ליגט אַ חוב בנוגע צו אייער משפחה. מ׳טאָר נישט אַזוי מיט אַ מאָהל אַראָב לאָזען דעם קאָפּ און קלערען, אַז אַלץ איז שוין...

אהרנ׳ס שטימע: באַלד וועל איך אַרויסגעהן צו אייך.

1=טער יוד (געהט אָב פון טהיר). באַלד וועט ער אַרויסגעהן, אָט זעהט איהר. און איהר שטאַרקט זיך אויך. איהר דאַרפט קלערען וועגען איהם און וועגען דער טאָכטער. מיר, יודען, קענען מיר זיך דען איבערגעבען טרויער? ניין, מ׳דאַרף אַרבייטען, מ׳דאַרף אונטערשטיצען אַנדערע.

שרה: דאָס איינציגע, וואָס גיט מיר כחות, — איז דער געדאַנק וועגן איהם.

1=טער יוד: נו, יע. אַלעמען איז שלעכט. אַלע ליידען. פונדעסטוועגען, וואָס=זשע קען מען דערפון אַרויסלערנען? איהר האָט געזעהן, אַז מ׳וועט אין וואַלד צוטרייסלען דאָס אָרט פון מוראַשקעס, ווי אַזוי די דאָזיגע קליינע בעשעפעניש הויבען=זיך צולויפען. זיי בעוויינען דען דאָס אַלטע? ניין, באַלד, נישט פערלירענדיג קיין מינוט, הויבען זיי אָן צובויען ווייטער, נייע לעבער. אַזוי דאַרפען מיר אויך טהון.

שרה: צו וואָס? כדי דער דורכגעהענדער מענש זאָל נאָכאַמאָל מיט איין קלאַפּ אַלץ צושמעטערען?

1=טער יוד: ס׳איז נישט אונזער זאַך. ס׳איז נישט אונזער זאַך, זאָלען זיי זיך צושטערען, און מיר וועלען מוזען פון ס׳ניי בויען.

שרה: און ווייטער?

1=טער יוד: ס׳איז נישט אונזער זאַך. מיר בויען, מיר האַלטען נאָר אין איין בויען, דערנאָך וועלען מיר זעהן. ס׳איז נישט אונזער זאַך, זעהט נאָר מיין קרעמעל: סחורה האָט זיך ביי מיר אָבגעשטעלט אויף צוויי רובל, נישט מעהר, און אומגליקען האָב איך געזעהן אויף טויזענד רובל. נאָר אַ דאַנק גאָט, וואָס זענען געבליבען לעבען זון געזונד דאָס ווייב מיט די קינדער.

שרה: און ביי אונז...

1=טער יוד: ס׳ איז נישט אונזער זאַך. וואָס ס׳איז געבליבען, דאָס איז געבליבען.

## 2.

(ענגמאַן און חנה קומען אַרײַן. שרה הויבט-אָהן חליפּען. חנה גענעהט צו צו איהר, נעהמט איהר אַרום שווײַגענדיג, דריקט זיך צו צו איהר. ועהר אַ לאַנגע פּויזע).

1-טער יוד: נו, נו, װײַנט זיך אויס און אַ סוף. הײַנט מעג מען נאָך װײַנען, און מאָרגען שוין נישט: מ'דאַרף אַרבײַטען, אַרבײַטען.

שרה: אַודאַי.

ענגמאַן: אַ ענדע!

שרה: שוין אַלץ געענדיגט. ער שלאָפט שוין שטאַרק. אַלץ אָבגעטהון, װי ס'בעדאַרף צו זײַן. איהר האָט איהם אויסגעלעגט און שטאַרק אײַנגעדעקט. שוין אַלץ געענדיגט מיט מײַן יונגעל. ער דאַרף שוין קײַן זאַך נישט.

ענגמאַן: אַ ענדע!

שרה: צו װאָס לײַד איך נאָך? צו װאָס טויג דאָס, ר' שמחה, אַז מיר, נאַרישע אַלטע לײַט, זאָלען לעבען, און די בליהענדע יונגע לײַט זאָלען אומקומען פאַר אונזערע אויגען?

1-טער יוד: נו, איהר מאַכט אַזעלכע שאלות, װאָס שפּינאָזאַ אַלײן װאָלט אויף זײ נישט קענען ענטפערן, און איך בין דאָך נישט דער רמב"ם, און אפילו נישט עהנליך צום רמב"ם.

ענגמאַן: װי האָט מען דאָס אָבגעלאַכט פון אומגליקליכען לעאָן!

שרה: דאַנקט, קינדער, ר' שמחה'ן, ער איז אַרײַנגעקומען צו אונז. אַלע האָבען דאָך אונז אַװעקגעװאָרפען. מײַן אומגליקליכער זוהן. צו דען איז ער נישט אונזערער? װי נאָר ער האָט דערהערט, אַז בײַ אונז האָט דאָ געטראָפען אַן'אומגליק, איז ער געקומען צופליהען אַהער, װי אַ פויגעלע. איז ער דען אַ פרעמדער? ער האָט זײַ אָבגעגעבען זײַן לעבען, ער איז געשטאָרבען פאַר זײַ, װי אַ גבור. ער איז אַ פרעמדער? און אַט האָבען זײַ איהם אַװעקגעװאָרען, געלאָזט בעגראָבען אין פרעמדע ערד, איבער איהם געשטעלט אַ צלם.

ענגמאַן: אַ הילצערנעם צלם האָט מען געשטעלט.

1-טער יוד (מיט שרעק). אַ צלם האָבען זײַ איבער איהם אַװעק-געשטעלט?

שרה: ער איז שטענדיג געװען אַ גוטער, אָרענטליכער יוד. אַזעלכער איז ער געבאָרען געװאָרען און אַזעלכער איז ער געשטאָרבען.

חנה: ער איז געווען אַ אָרענטליכער מענש, מאַמע.

שרה: פאַרוואָס־זשע האָט מען זיך אָבגעווענדעט פון איהם? פאַר וואָס האָט מען איהם אַוועקגעוואָרפען נאָכ׳ן טוידט, ווען ער האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען פאַר יודען. פאַר וואָס האָבען זיך אַלע פון אונז אָבגעקעהרט?

1־טער יוד: איהר קענט דאָך אונזערע יודען.

שרה: נישט אַלץ איינס איז דען, וואָס ער איז געווען נאָכ׳ן טוידט! זיין ריינע נשמה איז שטענדיג געווען מיט אונז, שטענדיג. ער האָט אייך אַוועקגעגעבען זיין גוף, און איצט טרייבט איהר איהם אַוועק ווען ער איז שוין טוידט, און קען שוין מעהר אייך נישט געבען,

1־טער יוד: איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אַלץ דאַרף זיין ריין, אי די נשמה אי דער גוף. ווייל דאָס איז איינס.

חנה: יעקב, איהר הערט?

1־טער יוד (ארויסגעהענדיג). נאָר פונדעסטוועגען האָט קיין מורא נישט, איך בין בטוח, אז אין עטליכע טעג אַרום וועלען אַלע דאָס פערשטעהן און...

שרה: און מ׳וועט איהם מוחל זיין?

1־טער יוד: אַ גוטען שבת אייך. געוויס, מ׳וועט פערשטעהן, אַז ס׳איז־כל־סוף איז ער דאָך געווען אַ יוד (געהט אַרויס, נישט דערלאַנגענדיג די האַנד).

חנה (אָהן איראָניע). זיי וועלען בערעכענען און איהם מוחל זיין. אויך אונז וועלען זיי מוחל זיין.

שרה: פאַר וואָס דאַרפען זיי אונז מוחל זיין? און וואָס האָבען מיר זיך דאָס פערשולדיגט?

חנה: און וואָס? אין דעם, וואָס מיר ליידען שוין צופיעל, מיר ליידען מעהר פאַר אַלעמען. אויב דער רב, ר׳ אליהו, איז גערעכט, און יעדע צרה איז אַ טרויעריגער כבוד, ווי אַזוי־זשע קען אונזער פאַמיליע זיין די געשעצטעסטע פון געשעצטע?

שרה: דעם כבוד וואָלט איך מיט חשק אַוועק געשענקט.

חנה: ניין, מאַמע. איצט וועלען מיר קיינעם נישט אַוועק שענקען אונזער טרויער. מיר וועלען איהר קיינעם נישט אַוועק שענקען.

ענמאַן: אויב ס׳וועט נאָר זיין מעגליך אומקעהרען זיך, אומקעהרען זיך צו זאונזער פאָלק און לאַנד, וואָס האָט אונז ערנעהרט, צום רוהיגען וויגעליע. אַ שווערע משא פון טויזענדיעהריגע אַרימוואַלגערן זיך ליעגט אויף אונ[illegible]ע פלייצעס. מ׳וואַרט אויף אונז, מ׳וואַרט, איהר פיהלט דען

דאָס נישט? הערט איהר דען נישט די שטימע: „עי, וואו זענט איהר? איך בין דאָ, וואו זענט איהר?" ווער שרייט דאָס? דאָס הויז, וואו איהר זענט געבוירען געוואָרען, די שטיינער פון אייער געבורטס־שטאָדט, די אויגען פון דער מוטער, דאָס האַרץ פון דער פערלאָזענער כלה, די יסורים און צרות פון די ברידער – אַלץ צוזאַמען, אַלץ צוזאַמען רופט, שרייט אָהן אויפהער, אָהן אויפהער. „וואו זענט איהר? איך ערוואַרט אייך!" און אָט קומען מיר אויפ'ן רוף. וואָס־זשע זעהט מען? די געבורטס־שטאָדט איז צושטערט, מיר וויינען איבער די קברים פון אונזערע ברידער, אונזערע כלות ענדיגען מיט זעלבסט־מאָרד, ווייל זיי זענען געשענדעט. שטאַרבען פאַר'ן אייגענעם פאָלק איז נישט שווער, אָבער לעבען, אָבער ליידען מיט איהם און זיין מיט איהם אומעדום, אַלס אַ טייל פון איין גאַנצען קערפער. וואָלט מען זיך קענען צונויפשמעלצען! נישט אוועקגעהן מעהר, נישט אַוועקגעהן ערגעץ. איז דען נישט גענוג, אויב מיר זעהען נאָר די יסורים פון אונזער פאָלק. אַ שרעקליכען ביישפיעל האָט געגעבען לעאָן. איבער זיין קערפער האָט מען חוזק געמאַכט און נאָכ'ן טוידט האָט מען זיך פון איהם אָבגעקעהרט, און אַזוי דאַרף זיין. אַזוי איז ריכטיג. זיי זענען געשטאָרבען... זענען גערעכט. דאָס איינציגע, וואָס ס'האָט זיך ביי זיי אָבגעשטעלט, איז דער בית־עולם. און ווער ס'האָט איין מאָהל אָבגעקעהרט פון איהם, זאָל מעהר נישט האָבען די פרעכהייט אריינגעהן אין איהם. די דאָזיגע גרויסע עהרע דאַרף מען פערדינען.

שרה: וואוהין־זשע זאָל איך קומען בעוויינען מיין זוהן?

חנה (ענמאַנ'ען). גוט, וואָס איהר האָט דאָס אַלץ מיר געזאָגט.

ענמאַן: איך פיהל אַזוי.

חנה: און איך אַנדערש.

שרה (ענדיגענדיג ליכט בענטשען). נו, דאָס האָט זיך געענדיגט, און מ'דאַרף אָנהויבען לעבען ווייטער. מדאַרף לעבען (קלאַפט צו אהרנ'ען). אהרן, מ'וואַרט אויף דיך. שוין צייט זעצען זיך צום טיש (געהט אָב פון טהיר). ער ועט ווייטער נישט דאַוונען. און ס'איז שוין שבת.

## 3.

(אהרן קומט אריין. זיין פינגער דריקט אויף המגעה, אונטערשטיצט אַלע קוקען אויף איהם; מ'צוזעצט זיך אַרום דעם שבת־טיש. אהרן שטעלט זיך ביי די חלות וואָס זענען בעדעקט מיט אַ סערוועטקע, הויבט אָהן מיט אַ שטילער ציטערנדיגער שטימע).

אהרן: ויהי ערב, ויהי בקר (העכער) יום הששי. ויכלו השמים

והארץ וכל צבאם (רעדט עפּעס שטיל, אונקלאָהר). ויקדש אלהים אותו, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות... (לעגט אוועק די הענד אויף די חלות). ברוך אתה, ה׳ אלהינו מלך העולם, המוציא לחם מן הארץ (אהרן׳ס שטימע ווערט שטאַרקער). ברוך אתה, ד׳ אלהינו, מלך העולם (בייט איבער די שטימע). יע, דו ביזט דער קעניג פון דער וועלט, דו ביזט שטאַרק און אלמעכטיג. און איך ליעג פאַר דיר אין שטויב. ווי מיט א שווערען האַמער האָסטו מיך אַ קלאַפּ געטהון, דו ביזט שטאַרק און אַלמעכטיג. ס׳איז נישטאָ קיין גלייכען צו דיר אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס? איך רעד דען נישט ריכטיג, חנה? נו, זיי מתפּלל צו איהם. פאַר וואָס ביזטו נישט מתפּלל?

שרה: פאַר וואָס דאַרף זי עפּעס מתפּלל זיין מעהר פון אנדערע?

אהרן: אַ, מיין אַלטע פריינדין, אונזער טאָכטער ווייס מעהר פון אנדערע זיין כח, וועלכער ברענט. ווי פייער, און איז שטאַרק, ווי א שטיין.

חנה: איך ווייס, ווי דו ביזט שטאַרק אומגליקליך, פאָטער מיינער.

שרה: דיר איז שווער מתפּלל זיין, אהרן. איך וועל מתפּלל זיין מיט דיר.

אהרן: דו ביזט אזאַ שטילע און אונטערטהעניגע בעשעפעניש, דאָס ער וועט אויף דיך נישט אין כעס ווערען. אַ שטילע שעפעלע אין זיין סטאַדע. אויף אַזעלכע טהוט ער כמעט קיין בליק נישט אין די מינוטען פון זיין באַרעמהערציגקייט און אין די יאָהרען פון צאָרן. נישט אזעלכע דאַרף ער. און אויב ער פערשאַפט אויך אַזעלכע וועהטאָג, איז דאָס נאָר צופעליג, פאַרבייגעהענד. אַ שטילע שעפעלע אין זיין סטאַדע איז מיין אַלטער חבר. אָבער, שנעל און צורודערט פאַרבייגעהענדיג נעבען שוואַכע און אונטערטהעניגע, שיקט ער זיינע שטאַרקסטע קלעפּ די דאָזיגע (ווייזט אויף חנה׳ן), אויף אַזעלכע, אויף שטאַרקע און שטאָלצע. ער רופט זיי אַרויס צו מלחמה. ער ווייס, אַז זיין כח שטיצט זיך נישט אויף דער הכנעה פון די שוואַכע, נאָר אויפ׳ן גלויבען פון די שטאַרקע. און ער שלאָגט, און ער זוכט די אמונה, און ער איז דורשטיג נאָך איהר, ווי א אַכזריות׳דיגער לייב — בלוט. ער קלאַפּט איבער אונזערע הערצער מיט זיין פייערדיגען האַמער און קוקט: וועט דאָס האַרץ אויסהאַלטען? אָבער עס איז אונגעדולדיג. זעהר אונגעדולדיג. מיר וועלען אַליין קומען צו איהם. זאָל ער אונז נאָר געבען צייט. זאָל ער נאָר אונז נישט שלאָגען אזוי אונרחמנות׳דיג אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ. דעם־מאָל הערט ער דאָך, אַנשטאָט תפלות, נאָר קרעכצען, אַנשטאָט אַ ריח

פון קרבנות זעהט ער אַ פייער פון אונזערע וואָהנונגען. זאָל ער אונז געבען אַ בעשטימטע צייט. אָבער ער גלויבט אונז נישט אָן. ער האָט מורא, אַז שטאַרקער ווערענדיג וועלען מיר אויפשטעהען געגען איהם אַלע צוזאַמען. און כל־זמן מיר זענען שוואַך און פונאַנדערגעטיילט, סטאַרעט ער זיך אונז אונטערטהעניגען, צוטרעטען אונז, ווייזען זיין קראַפט — די קראַפט פון אַ גיגאַנט געגען אַ קינד. צו וואָס האָט ער מיך אַרויסגערופען אויף אַזאַ שרעקליכע, נישט גלייכע מלחמה? איך האָב דאָס נישט געוואָלט, איך האָב געדאַווענט פופציג יאָהר נאָכאַנאַנד, איך האָב געגלויבט, טיעף געגלויבט, אָבער ער, ער וואָס לייענט אין די הערצער פון מענשען, ווי אין אַן׳אָפענעם בוך, ער האָט ריכטיגער געוואוסט מיין בעציהונג צו איהם. „איך וועל פרובירען דיין אמונה", האָט ער מיר געזאָגט. „איך וועל דיר שיקען אַ נסיון". קען מען אַזוינס טהון? קען מען אויספרובען אמונה? הערט נאָר, ווי חיטרע ער האָט דאָס געטהון. יע, חיטרע. ער האָט מיך אויסגעפרובט, אָבער אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט, אַז איך וועל פון איהם נישט קענען אַוועקגעהן. ער האָט געוואוסט, אַז אַלץ איינס וועט ער אין דער לעצטער מינוט מיך מאַכען אונטערטהעניג. אויף צום סוף האָט ער צוגעגרייט דעם שווערסטען נסיון — ער האָט געוואוסט, אַז מיין זוהן וועט נישט ליגען צוזאַמען מיט מיר. צו וואָס האָט איהם געטויגט די גאַנצע מעשה מיט׳ן אויספרובען, אַז ער האָט פיי־ווי־סיי בעשלאָסען אונטערטהעניגען מיך מיט כח? ער האָט דער׳הרג׳ט מיין זוהן. „וועט ווערען דענסטמאָל פאַר מיר אונטערטהעניג דער דאָזיגער אַלטער, גראָהער יוד", האָט ער געקלערט... איך בין איהם נישט געוואָרען אונטערטהעניג! נישט קלערענדיג, האָט ער מיר פערשאַפט יסורים, נאָך מעהר שרעקליכע, וועגען וועלכע עס ווייסען דריי פון די פיער וואָס זיצען ביי׳ן טיש. „וועט מיר ווערען דענסטמאָל אונטערטהעניג דער אַלטער יוד?" — איך בין נישט געוואָרען אונטערטהעניג. — „אויב דו וועסט נישט ווערען אונטערטהעניג מיט גוטענס, וועל איך מיט כח אַרויסרייסען ביי דיר די אונטערטהעניגקייט". און ער האָט בעוויזען וואָס ער פערמאָגט. איך האָב פערשפיעלט. איך בין בעזיעגט. קיינמאָהל וועל איך זיך שוין נישט אויסגלייכען. נו, וואָס האָט ער דערפון? וואָס האָט ער דערפון, וואָס אַן׳אַלטער, אומגליקליכער יוד וועט צופאַלען מיט הכנעה צו דער האַנד, וואָס האָט איהם אַ קלאַפ געטהון?

**שרה:** וואָס רעדסטו, אהרן? פון צרות ביזטו, ווייזט אויס, אַראָפּ פון זינען. נאָר אויב ס׳האָלט זיין אַנדערש, וואָלטען מיר נישט פיהלען יעדע מינוט, אַז נאָט איז דאָ, צווישען אונז, צווישען אונז אומגליקליכע.

**אהרן:** און צו וואָס דאַרף מען, אַז ער זאָל שטענדיג זיין צווישען

אונז? וואָס באמת טהוט ער דאָ? צו פּאַסט איהם, אַזאַ גרויסען, אַזאַ אַלמעכטיגען, צו פּאַסט איהם געפינען זיך צווישען אַזעלכע קלייניגקע מענשעלעך, ווי מיר זענען, פערנעהמען זיך מיט אונזערע קלייניגקע ענינים, אינטערעסירען זיך מיט אונזערע קלייניגקע דאגות? איך פערשטעה דאָס נישט. ער האָט דען נישט קיין וויכטיגערע זאַכען? ער האָט אַ זונן, שטערען, וואָלקען און, ווי די חכמים זאָגען, נאָך פיעל אַזעלכע וועלטען, ווי אונזערע קליינע וועלט. און ער איז אַלץ דאָ, אַלץ דאָ.

**שרה:** ער איז דאָ כדי צו ברענגען גערעכטיגקייט — אָט צוליעב דעם איז ער שטענדיג דאָ. ער וויל, אַז אין לעבען זאָל זיין נאָר גערעכ-טיגקייט.

**אהרן:** ער איז גערעכטיג. ער איז זעהר גערעכטיג, עס קען זיין — צופיעל גערעכטיג. ווען אומגליקליכע, אויסגעמאַטערטע מענשען פּרובירען זיך איהם ענטפערן, זאָגען אָפען אַ קליין וואָרט: „פאַר וואָס"? פאָרלעגען די קלייניגקע פראַגע אין דער וועלט: „פאַר וואָס" — ענטפערט ער און איז זיך נוקם אכזריות'דיג... ביז'ן זיבעטען דור. ער איז גערעכטיג, — און אין דער גערעכטיגקייט טרעט ער, טרעט ער אונז און מ'זעהט גאָר קיין סוף נישט. ער דאַרף דען תפלות? צו וואָס באמת טויג דאָס איהם? אָבער פּרובירט נאָר נישט מתפלל זיין. ער וועט אייך דערשלאָגען מיט אַ גערעכטיגען דונער און פערברענען. אָבער איך פרעג דאָך: צו דען איז דאָס טאַקע, אַזוי נויטיג, אַז די גערעכטיגקייט זאָל טריאומפירען? צו וואָס דאַרף מען איהר? ווער האָט דאָס בעשלאָסען, אַז מענשען דאַרפען האָבען גערעכטיגקייט? דאָס איז געווען אַ אכזריות'דיגע האַרץ, וואָס האָט אַזוי בעשלאָסען. נישט אמת נישט אמת! רחמנות — אָט וואָס מיר דאַרפען האָבען. רחמנות!

## 4.

(ער קומט אריין סילקין).

**אהרן:** ביי זיין גערעכטיגקייט איז אונמעגליך צו לעבען, אונ-מעגליך אפילו אַליין מקבר צו זיין דעם איינציגען זוהן, דעם קדיש, פרעמדע מענשען, פרעמדע מענשען טהוען אונז דאָס, ווי אַ טובה.

**סילקין:** אַלץ אָבגעטהון, זייט רוהיג.

**אהרן:** (דריקט איהם די האַנד). נו... ווען איהר זאָלט וויסען... ווי אַזוי... ווי אַזוי...

**חנה:** (שטעהט אויף פון אונטער'ן טיש).

**שרה:** ווען מ'זאָל חאָטש וויסען, — צו וואָס האָט ער דאָס געטהון!

צו וואָס האָט איהם געטויגט שמד'ן זיך?

חנה: איצט פערשטעה איך... ער האָט מיר איבערגעגעבען פאַר'ן טוידט אַ בריעף. אָט איז זי, איין שורה (ווייזט).

ענמאַן: איצט איז אַלץ פערשטענדליך.

חנה (לייענט). „איך האָב דאָס געטהון, כדי אַריינצוטרעטען אין אינסטיטוט".

סילקין: אַלס אַ יוד, האָט מען איהם נישט אָנגענומען.

אהרן: (ליידענד). אַי-אַי-אַי, וואָס איז דאָס. וואָס האָט ער גע-טהון! ער האָט געוואָלט זיין אַ געבילדעטער מאַן. האָט אונז געוואָלט מנחם זיין... אַי-אַי-אַי.

שרה: און מיר האָבען זיך אַזוי געפרעהט, ווען מ'האָט ער-האַלטען זיין טעלעגראַמע. איהר געדענקט?

אהרן: ווי ער האָט זיך דאָס געבעטען, מ'זאָל איהם אָבשיקען אין פעטערבורג, געלייקענט, נישט געהאַט קיין כח מודה צו זיין זיך! האָט גע-וואָלט, מ'זאָל איהם נישט מקבר זיין דאָ, אויף אַ פרעמדען בית-עולם, כדי אויף מיין קאָפּ זאָל נישט פאַלען די חרפה. אַי-אַי. פיהל איך דען איצט גאָט'ס נצחון? אַי-אַי... פיהל איך דען אַצונד אַ חשק צום לעבען, אַ חשק צו זעהן די זונן, בעגעגענען מאָרגענדיגען טאָג, גאָט'ס שבת? און דאָס איז דאָך דער עיקר... (געהט אָב).

שרה: ווידער, ווידער. וואוהין-זשע געהסטו אַוועק? (געהט אַוועק נאָך איהם).

סילקין: (געהט צו צו חנה'ן, הערצליך). ענטשולדיגט.

חנה: פאַר וואָס?

סילקין: ענטשולדיגט. ענטשולדיגט אונז (נייגט זיך שטאַרק). ענט-שולדיגט אונז (געהט אַרויס שנעל).

ענמאַן: וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיך?

חנה: מיר ווילט זיך אויך אייך אַזוי זאָגען, איך נעהם אָבשיעד פון אייך.

ענמאַן: (מיט שרעק). ניין.

חנה: יע, כ'נעהם אָבשיעד. ליעבער יעקב.

ענמאַן: פאַר וואָס? פאַר וואָס?

חנה: איך וויים, ווי אייך וועט זיין שווער...

ענמאַן: איך וועל דאָס נישט איבערטראָגען.

חנה: אַזוי דאַרף זײַן. אַזוי מוז זײַן.

ענמאַן. וואָס בין איך אָהן אײַך, מײַן רײַן, שען קינד.

חנה: נײַן. איך בין נישט קײַן שענע און קײַנע רײַנע...

ענמאַן: פאַר מיר זענט איהר...

חנה: איך בין א רײַנע, חאָטש א אומגליקליכע פרוי. אין דעם איז אַ גרויסער אונטערשיעד.

ענמאַן: פאַר וואָס קענען מיר נישט זײַן צוזאַמען?

חנה: אין דעם איז אַ גרויסער אונטערשיעד, יעקב. איהר וועט מיך נישט פערשטעהן. איך בין געוואָרען אַנ׳אַנדערע, אינגאַנצען אַנ׳אַנדערע.

ענמאַן: איך — וועל נישט פערשטעהן?

חנה: נײַן, מיר זענען פערשידען.

ענמאַן: איהר האָט עפּעס בעקלערט.

חנה: יע.

ענמאַן: וואָס אַזעלכעס?

חנה: דאָס איז זעהר פּראָסט און זעהר פערדרעהט.

ענמאַן: וואָס=זשע?

חנה: אויב דאָס לעבען איז אַזוי שרעקליך, דאַרף מען עס איבערמאַכען.

ענמאַן: ווי אַזוי=זשע זאָל מען דאָס טהון?

חנה: מ׳דאַרף עס איבערבויען.

ענמאַן: וואָס קענט איהר אַליין? איהר וועט פערלאָרען געהן.

חנה: מ׳דאַרף עס איבערמאַכען. איך האָב דאָס אַזוי קלאָר פערשטאַנען — נײַן: דערפיהלט דאָס הײַנט.

ענמאַן: הײַנט?

חנה: ווען מיר האָבען מקבר געווען לעאָנען. איך האָב בעקלערט: דער פאָטער איז נישטאָ, ער קאָן נישט זײַן, ווײַל דאָס איז אַ פרעמדער בית=עולם, אַ פרעמדע ערד. און פלוצלונג איז אַלץ געוואָרען קלאָהר, אַלץ. פערשטעהט: קײַן פרעמדע ערד דאַרף נישט זײַן. דאָס איז דער גרעסטער ליגען.

ענמאַן: אַ פרעמדער בית=עולם דעריבער, ווײַל עס זענען פאַראַן פרעמדע רעליגיעס.

חנה: אויך דאָס דאַרף נישט זײַן! די ערד קען נישט זײַן קײַן

פרעמרע. לעבעדיגע טארען קיין ערד נישט האבען. די לעבעדיגע האבען איהר געשענדעט, ווי מען שענדעט א פרוי – זי ליידט, איך פיהל דאס דייטליך. ווער האט עס ערלויבט פונאנדער טיילען די ערד. די ערד, די גאנצע ערד געבוירט ברויט, אבער, ווען זי איז פונאנדער געטיילט, גיעט זי אנשטאט ברויט – צרות. ווער האט עס ערלויבט איהר פונאנדער־טיילען? איך גייה אוועק פון אייך. איהר רופט צוריק, אומקעהרען זיך נאר צו א קליין שטיקעלע ערד, וואו מענשען האבען פון צרות כמעט פערלארען זייער האפנונג. און איך דענק וועגען די ליידען פון אלע אומגליקליכע. לאמער זיך צו שיידען.

ענמאן: מיר וועלען זיך נאך טרעפען?

חנה: עס קען זיין.

ענמאן: ווען?

חנה: ווען איך וועל ערפילען מיין אויפגאבע.

ענמאן: איך ווייס נישט, וואס זאל איך טהו

חנה: זייט געזונד (געהט ארויס)

5

(אהרן קומט אריין, קוקט זיך אום צו דורערט, וובט עפעס: דערוועהענדיג ענמאנ'ען).

אהרן: וואו איז מיין טאכטער?

ענמאן: איהר ווילט איהר זעהן?

אהרן: יע... ניין... כ'האב געוואלט זאגען... איהר וועט איהר נישט פערלאזען. פערלאזט נישט... וואס זאל איך זאגען? אז מ'וועט מיך פרעגען: „אהרן, פאר וואס ביזטו געקומען פאר דער צייט?“, וועל איך ענטפערן, אז איך בעגלייט מיין זוהן, ווייל ער איז אראב פון וועג און מ'דארף איהם אנווייזען דעם וועג. ניין, פערלאזט איהר נישט... (געהט ארויס. פערשליסט די טהיר הינטער זיך).

ענמאן (קוקט איהם נאך צורודערט, פויזע. דערנאך רופט שנעל), חנה, קומט אהער.

6.

(חנה קומט אריין).

ענמאן: געהט צום פאטער. מיר דוכט זיך... געהט צו איהם..

(חנה געהט ארויס, אין עטליכע מינוט ארום קעהרט זיך צוריק).

חנה (שנעל). איך קען נישט אליין. העלפט מיר גיכער

(ביידע געהן צו אהרנ'ס צימער).

פארהאנג.

# נאַב'ן שטרייק

אַ קאָמעדיע אין 3 אַקטען.

פון

ג. טשורני.

# פערזאנען:

דיער בעל־הבית, א פאָלנער געזונטער מענש פון איאָהר 40.

זיין פרוי, א נידערינע שווארצע פרוי פון איאָהר 35.

1־טער ארבייטער (איצק'ל), א בחור פון 20 יאָהר.

2־טער ארבייטער, א בחור פון 18 יאָהר.

1־טער לעהריונגעל, 15 יאָהר אלט.

2־טער לעהריונגעל, 14 יאָהר אלט.

נפתלי (איצק'לס פאָטער), א שניידער, ביי 60 יאָהר.

דבשה (נפתלי'ס פרוי), ביי 55 יאָהר.

אברהם'ציג שניצער (איין ארבייטער), ביי 20 יאָהר.

יונגע ארבייטער, א שטוב־מערכען.

# ערשטער אקט.

א קליינער צימער. אין מזרח וואַנט 2 פענסטער, צווישען די פענסטער א לאַנגער ווייסער טיש. צווישען דעם טיש און דער וואַנט — א לאַנגער ביינקעל. אין דער רעכטער וואַנט א פענסטער. ביים פענסטער שטעהט א געגוצטע שניידערשע שטעפּ-מאַשין, נאָך דער מאַשין שטעהט א קאָמאָד. ביי דער לינקער וואַנט שטעהט א הילצערנע קאַנאַפּע, נאָך דער קאַנאַפּע איז אין וואַנט א שמאָלע טהיר אין קאַמער, און נאָהער שטעהט א קיך-אייוועען. ביים ערשטען עק טיש נאָהנט פון פענסטער, זיצט נפתלי דער שניידער און נעהט א פּאָר הויזען. דער 1-טער ארבייטער זיצט אויפ'ן טיש, און נעבען איהם אָנגעשפּאַרט שטעהט אברהמ'ציג שניצער, ווייטער אביסעל אויף דעם אַנדער'ן עק טיש, פון ביידע זייטען, זיצען ביים טיש ביידע לעהרינגלעך און שפּילען אין א פּאַפּירענע דאַמקע. דבשה זיצט ביים אייוועען און שיילט קאַרטאָפעל. אַלע זינגען פרעהליך געשטימט.

**נפתלי** (אין ברילען, נעהט לאַנגזאַם און דערצעהלט): 16 שעה איז דאָס געוועזען שוין ווי א געוועהנליכער מכה, נאָר אַז עס פלעגט קומען פאַר די ימים-טובים אָדער, להבדיל, פאַר די חגאות, פלעגען מיר דאַן אָנהויבען זיצען נעכט ביז 4 א זייגער און אַמאָל אֲפילו ביז'ן ליכטיגען טאָג. פרעהליך פלעגט עס אפילו זיין. מיר האָבען געהאַט ביי זיך צוויי בחורים, פלעגען זיי די גאַנצע נאַכט פערקלינגען מיט זייערע ליעדער. מען איז געוועזען פשוט יונגע, פרעה-ליכע קעלבלעך; און ווער רעדט נאָך, אַז דער בעל-הבית אונ-

װערער פלעגט אינז אין מיטען דער נאַכט אַריינטראָגען אַ פּאָר פונט צפעל פאַר דער גאַנצער חברה אינזערער, פלעגט אונז שוין דיין האַפען די אֱמת'ע קעלבערנע התפעלות, און ער פלעגט עס שוין ניט אויסניצען, מיר זאָלען זיצען ביז 4 אַ זייגער, ביז 5, און אַז ער האָט געוואָלט — איז ביז טאָג... קיין שכל האָט מען ב"ה ניט געהאַט, ווי די היינטיגע...

1-טער אַרבייטער: מילא, וועגען שכל וועל איך שוין ניט רעדען, נאָר וואו האָט זיך גענומען ביי מענשען אַזוי בעל כח צו האָרעווען אַזוי פיעל?

אַברהם'ציג (מיט אַ שמייכעל): דאָס איז שוין אַ כלל: פערפעהלט די נאַטור אין איין זאַך — גיבט זי אָב אין אַ צווייטער זאַך — ביי וועניג שכל, איז דאָ אַ פולע געזונד (לאַכט).

1-טער לעהר-יונגעל (ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון דאַמקע): ביי אַ פולע כח, איז רעכט אַ קלייגער מח...

נפתלי (פרעהליך): וואו האָט זיך גענומען כח, איז אָסור טאַקי אויב איך פערשטעה. ס'איז טאַקי נאָר ווי איהר זאָגט, אַז די אַמאָליגע וועלט איז געווען מיט וועניג מח, זענען זיי געווען אַלע טאַקי אַ סך געזונדטער. נאָר מיינט ניט, אַז מיר זענען שוין געווען אַזעלכע פראים, מיר האָבען אויך געהאַט שכל, נאָר אונזער שכל איז געווען נאָך יענער צייט, און געוועהנליך, קליגער פון דער צייט האָבען מיר ניט געקאָנט זיין. די גאַנצע וועלט איז דאַן אַזוי געווען, און מיר, שניידער פון ר' האַצקל'ן, אויך בתוכם. היינט איז שוין אַ קליגערע וועלט געוואָרען, אַנ'אַנדערע צייט איז היינט, אַ קלוגע צייט!

1-טער לעהר-יונגעל (שלאָגט שנעל אָב אַ פּיעשקע): זאָגט מיר נאָר, רבותי, ווער מאַכט קלוג די צייט?

אַברהם'ציג (אומקעהרענדיג זיך צום 1-טען לעהר-יונגעל. ערנסט): לאַך ניט, עס איז נאָר ניט אַזוי נאַריש געפרעגט. איך וועל דיר זאָגען: די צייט אַליין מאַכט זיך קליגער, נאָר, ס'פערשטעהט זיך, אַז די צייט אָהן מענשען גיבט עס ניט, און די מענשען פון יעדער צייט הייסט — די צייט, און אַזוי ווי דער גרויסער צוואַקס פון דער בעפעלקערונג צווינגט צו זוכען נייע מיטלען...

ז-טער אַרבּייטער (שלאָגט איהם איבּער): אַברהמ'ציג, לאָז איצטער אָב דיינע הקירות; אַנ'אַנדערט מאָל וועסטו איהם דאָס ערקלערען. לאָמיר בּעסער הערען, וואָס דער טאַטע דערצעהלט.

אַברהמ'ציג (קאָנטשעט דאָך אַ פּאָר ווערטער): פערשטעהסט, נייע עקזיסטענצען צו'ם לעבּען... נאָר זאָל זיין! (קעהרט זיך אים מיט'ן געזיכט צו נפתלי'ן). נו, ר' נפתלי, פלעגט איהר האָטש אַ פולע פערדיענען דאַן?

נפתלי: פערדיענען? — ס'פערשטעהט זיך, אַז קיין עשיר פלעגט מען ניט קאָנען ווערען. נאַנצע 30 קאַרבּאָנצעס פלעגט נעהמען דער בּעסטער שניידער-געהילף אויף אַ זמן.

אַברהמ'ציג: שוין מיט'ן בּעל-הבּית'ס עסען?

נפתלי: אַוודאי שוין מיט קעסט און אפילו מיט די שמעק-טאַבּאַק, וואָס מיר פלעגען בּעקומען בּחנם, כל דכפין, כּדי אַ בּיסעל גובר צו זיין דעם שלאָף, ווייל אַז עס פלעגט קומען אַרום 2—3 אַ זייגער בּיי דער נאַכט, פלעגט מען זיך אָנהויבּען צו פּיקען מיט'ן שפּיץ נאָז, ווער אָן טיש און ווער אפילו אָן שפּיץ פון זיין נאָדעל; און דאָ פלעגט מען זיך נעהמען צו די שמעק-טאַבּאַק און עס פלעגט זיך אָנהויבּען בּאַלד אַ ניסעריי איבּער'ן שטוב, אַז דעם בּעל-הבּית'ס קינדער פלעגען זיך אויפהאַפּען ניט טויט, ניט לעבּעדיג... (לאַכט שטיל).

1-טער אַרבּייטער: איז היינט פּאָרט אַ בּעסערע וועלט, און אַנשטאָט צו נעהמען שמעק-טאַבּאַק — מאַכט מען אַ שטרייק...

דבשה (וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צו'ם שמועס): נו, און וואָס דערלעבּט מען שוין היינט מיט די שטרייקען איצטער? אָט נעהסטו אום, מיין זוהן, בּאַלד אַ חודש צייט לעדיג, און וואָס וועסטו אויספיהרען? דער טאַטע דערוויילע האָרעוועט, נעבּיך, גאַנצענע טעג, זיצט נאָך האַלבּע נאַכט, ווייל פריהער פלעגט זיין דיינע 5 רובּל אַ וואָך, און איצטער מוז דערווייל דער אַלטער טאַטע בּרעכען די בּיינער (נפתלי דריקט אויס אונצופריעדענהייט) און אַזוי פיעל האָרעווען, און אויף דער עלטער איז דאָך אַזוי שווער...

**1-טער אַרבײַטער** (שלאָגט זיך ראַש איבער. עטוואָס פערשעמט און פערענטפערענדיג זיך): איך האָב דאָך דעם טאַטען ווי־פיעל מאָל געבעטען, ער זאָל מעהר ניט אַרבײַטען ווי אַלע מאָל, אמת, טאַטע? איך וואָלט מיר ווי עס איז אַן עצה געגעבען, ווײַל אַז עס וועט זיך ענדיגען דער שטרײַק בײַ אונז, וועל איך דאָך בעקומען בעצאָהלט פאַר דער גאַנצער צײַט (שפּרינגט אַראָב פון טיש), איז ווײַל אָבער דער טאַטע אַליין ניט; דער טאַטע זאָגט, אַז ער האָט נאָר פערגניגען פון דעם, וואָס ער אַרבײַט איצטער מעהר ווי אַלע מאָל, ניט אמת, טאַטע?

**אַברהם׳צין**: ר׳ נפתלי האָט דאָס מיר אויך געזאָגט.

**נפתלי** (לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש די אַרבײַט): געוויס, געוויס! איך האָב איצט אַ גרויסע הנאה פון מײַן אַרבײַט. און ווייסט איהר פאַרוואָס? ווײַל איך ווייס — איך טהו עפּעס אויף... דאָס גאַנצע לעבען ב״ה האָט מען געפּראַצעוועט ווי אַ פערד נאָר צוליעב דעם ביסעל האָבער, און מען האָט אפילו קיין שכל ניט געהאַט צו פערשטעהן, אַז מ׳איז דאָס פערד... און די אַרבײַט איז דאָס בעצאָהלט פאַר׳ן האָבער. איצטער ווייס איך, אַז ס׳איז עפּעס פאַר וואָס!...

**אַברהם׳צין**: איהר מיינט, ווײַל איהר העלפט אײַער זוהן אין שטרײַק?

**נפתלי** (בעגײַסטערט): אַוודאי! פערשטעהסט, אַרום איז אַזאַ גרויסע וועלט, וואו מענשען זוכען, ווילען וואָס דערגרייכען; עס פיהרען זיך מלחמות צווישען שוואַכע מיט שטאַרקע, און איך, נפתלי דער שנײַדער, זײַן 50 יאָהר און נעה הויזען, און נאַרניט — ס׳איז ניט מײַן דאגה געווען, איך בין דאָס „פערד" אויף דער וועלט און דאַרף נאָר בייגען מײַן קאַרק פאַר... פאַר... איך פרעג מיר אַמאָל אַליין: אַלטער נאַר איינער, וואָס האָסטו אָנגעלעבט אויף דער וועלט? האָסט געגעהט הויזען און געגעסען האָבער, געגעסען האָבער, כדי קאָנען ווײַטער נעהען הויזען... (קירצע פּאַוזע) נאָר אַמי די יונגע, זאָלען געזונד זײַן (ווײַזט אויף די אַרבײַטער), זיי עפענען אַ ביסעל די אויגען, האַטש אויף דער עלטער. ניין! דאָס איז מיר דאָס איינציגע מאָל אין לעבען, וואָס איך ווייס, אַז מיט מײַן האָרעווען טהו איך וואָס עס איז אויף; איך העלף עפּעס אויך

אויספּיִהרען אַ זאַך, אַ רעכטע זאַך, און די אַרבייט איז מיר טאַקי איצטער געשמאַק. (צום זוהן) אַ, ווען דיין טאַטע וואָלט געווען איצטער אַ יונגער מאַן!...

אברהם׳ציִג (קלאַפּט דעם 1-טען אַרבייטער איבער די פּלייצעס): נו, וואָס זאָגסטו אויף דעם אַלטען? ער איז דאָך גאָר פון די אַפּיקורסים!

1-טער אַרבייטער: איך האָב שוין לאַנג געוואוסט. דער טאַטע מיינער איז אַלע מאָל געוועזען פון די בעוואוסטזיניגע אונ-צופרידענע.

נפתלי (ציהט אַריין אַ פּאָדים אין נאָדעל): אֶפשר קאָן מען זיין צופריעדען מיט דעם, וואָס אין 50 יאָהר האָב איך אֶפשר 10 טויזענד פּאָר הויזען בעשאַפען. איך ווייס ניט, אֶפשר אין גן-עדן וועט מען מיר דערפאַר בעצאָהלען, נאָר דאָ אויף דער וועלט האָט מען מעהר ווי האָבער ניט געגעבען... (קאָן ניט אַריינציהען די פּאָדים און ווענדעט זיך צו דעם 1-טען לעהר-יונגעל). נאַ, שלמה׳קע, דו האָסט יונגערע אויגען.

1-טער לעהר-יונגעל (נעהמט די נאָדעל מיט פּאָדים): מיט דעם, ר׳ נפתלי, וועל איך אויך העלפען צום שטרייק. (צום 2-טען לעהר-יונגעל) נו, ווען וועלען מיר זוכה זיין, דו זאָלסט געהן עפּעס אַ גאַנג?

2-טער לעהר-יונגעל (שאָקעלט זיך צו אַ ביסעל): אַט, אַט, אַט!

אברהם׳ציִג: איז זאָגט איהר, ר׳ נפתלי, אַז אין גן-עדן וועט מען אייך אֶפשר בעצאָהלען, און ווען עס איז אַזוי — וואָלט איהר זיך בעגנוגענען?

דבשה: הערט אויף, קינדער, איך בעט אייך, צו רעדען וועגען אַזעלכע זאַכען. מ׳איז ב״ה אַזוי אויך געגוג זינדיג.

1-טער לעהר-יונגעל: נו, נו, וועסט שוין פאָרט געהן אַמאָל אַ גאַנג?

2-טער לעהר-יונגעל: אַט, אַט, אַט!

1-טער אַרבייטער (וועצט זיך צוריק אויפ׳ן טיש): די מאַמע

שרעקט זיך אַלע מאָל, מ׳זאָל, חלילה וחס, ניט זאָגען נאַרנישט, און נישט נאָר ענטקעגען גאָט — מען זאָל אַפּילו ניט רעדען ווע-גען אונזערע גוטהערציגע בעלי־בתּים.

נפתּלי (לאַכט): איך האָב אַפּילו ניט געטאָרט זאָגען אין מיין לעבען אַז ווען איך זאָל פערדינען 10 רובל אַ וואָך, וואָלט איגז געווען בעסער.

דבשה (נאַאיוו): אַז זאָגען העלפט ניט, הייגט צו וואָס זאָל מען נאָר זינדיגען. וויפיעל גאָט ניט, דאַרף מען זיך בעגנוגענען.

1-טער אַרבייטער: מאַמע, און אַז ער גיט אַ שטרייק, (אי-ראָניש) דאָס איז דאָך אויך פון גאָט, אָדער ער גיט אַ שלעכ-טע האַנד?

1-טער לעהר-יונגעל (פון האַמקע): איז, אמרו לאֱלהים — שרייט מען צו דער וואַגר...

דבשה (גוטמוטהיג): שלמה׳קעלע, רעד דאָרטען נישט קיין לצנות!

אברהם׳ציג (צו׳ם 1-טען אַרבייטער): ווייסט, דיין מאַמע האָט ערשט געזאָגט אַ גוט וואָרט. זי זאָגט, אַז זאָגען העלפט ניט.

דבשה (פראָסט): אַוודאי אַזוי.

אברהם׳ציג: נו, אַז זאָגען, ד. ה. ווערטער העלפען ניט, מוז מען דאָך טאַקי עפּעס רעעלעס טהון, אום זיך צו העלפען.

נפתּלי (לאַכט): מיין דבשה איז אַ ביסעל ווייטליך פון פילאָ-זאָפיע.

1-טער אַרבייטער: די מאַמע האָט אָבער איהר איינענע פי-לאָזאָפיע.

דבשה: אַ דאגה דיר, מיין קינד. אָט געה בעסער אַראָב פון טיש. איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז מען זיצט נישט אויף אַ טיש.

1-טער אַרבייטער (פרעהליך): מאַמע, אין אַמעריקא לעגט מען אַפּילו אַרויף די פיס אויפ׳ן טיש. (ווענדעט זיך צו׳ם 1-טען לעהר-יונגעל) אַ׳זיסגעהאַפט ביי דיר אַ גראַם.

נפתלי (איראָניש): האָסטו אַ דאגה! לאָז ער זיצען, הערסט דאָך, אַז אין אַמעריקא איז דאָס אַ מאָדע (לאַכט).

1-טער לעהר-יונגעל (הויבט זיך אויף פרעהליך פון זיין אָרט): אָט אַנעק! אַריינגעשאָטען. אַ, אַ!... און געַנוג שוין.

2-טער לעהר-יונגעל: איך האָב אָבער הרטה פון דעם גאַנג.

1-טער לעהר-יונגעל: זאָל שוין גלאַט זיין געַנוג. איך האָב געהערט, מען האָט מיר שוין דאָ אײַנטערגעשלאָגען פרנסה און אַרויסגעהאַפּט ביי מיר אַ גראָס, און אַליין צוליעב דער דאַמקע. אָט לאָמיר בעסער עפּעס טהון. (ווענדעט זיך צו נפתליין) איהר דאָט, ר' נפתלי, אָפּשר פאַר מיר נאָך אַ נאָדעל-פּאָדים אַיינצו-ציהען?

נפתלי: אַי, איך האָב פאַר דיר טאַקי אַנ'אַרבייט. איך דאַרף אַ פּאָר לייסטען צו קליידער אָבשטעפּען. מען האָט מיר (געדט זוכען) היינט געבעטען. עס ליעגט טאַקי ביי דער מאַשין דאָרטען. נאָר זעה, מאַך נישט קיין שוסטערשע שטעפּ, ווי דאַן. זאָלסט זיך נישט פערגעסען און מיינען, אַז דו שטעפּסט אַ קאַמאַש.

1-טער לעהריונגעל (צופריעדען): אָ, איך בין שוין אַנ'אַלטער שניידער! (צוגעהענדיג צום מאַשין, נעהמט אָן אַ פּאָזע פון דעקלאַמירען). באַלד ווערט פערלייגט אַ אָבנאָווע, אין דער נאָדעל, דער מאַשינאָווע, עס וועט די ראָד רעשן, און ס'וועלען זיך שטעפּען קאַמאַשען!.. האָט קיין פּעראיבעל ניט, ר' נפתלי, איך מיין — לייסטען. (זעצט זיך ביי'ם מאַשין. אַלע לאַכען).

דבשה (צוגעהענדיג נעהענטער צום טיש): איך בעט דיר מיין זוהן, געה אַראָב פון טיש. מען טאָר אויף אַ טיש ניט זיצען.

1-טער אַרבייטער (שפּרינגט אַראָב פון טיש): אַז מען טאָר ניט, איז וואָס אַנדערש. (לאַכט).

1-טער לעהריונגעל (ציהט אַריין די פּאָדעם אין מאַשין-נאָדעל און זינגט):

„אויפ'ן קאַרק דער סענטימעטער,
געבויגען אין דרייען — אַ שרעק!
און זייט איך געדענק איהם: אַליין נעהט ער,
און לייגט זיינע קרעפּטען אַוועק."

(פאַנגט אָן צו שטעפּען, און זינגט בשעת מעשה ווייטער.

„עס לויפען די יאָהרען אַהין,
און נאָך זיצט דער בלייכער געפּוינען,
און קעמפּפט מיט אַ רויהער מאַשין".

(עס געהט אַריין אין טהיר דער 2=טער אַרבייטער.

1=טער אַרבייטער (געהט צו צו איהם): וואָס מאַכט מען עפּעס, האָסט וועמען געזעהן?

אברהם'ציג: ט וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, העררשטרייקער?

2=טער אַרבייטער: יאָ, איך האָב טאַקי נייעס, און גאַר רעכטע נייעס. איך האָב עפּעס געהערט אַ סברה, אַז אונזער בעל-הבית זאָל אונז נאָכגעבען אַלע אונזערע פאָדערונגען.

1=טער אַרבייטער: וואו האָסטו דאָס געהערט?

2=טער אַרבייטער: אין גאַס, און עס קען זיין, אַז מען וועט באַלד אונז קומען רופען. יאָ, איך דאַרף אייך גלאַט עפּעס זאָגען. (רופט אָב זיי אָן אַ זייט און שמועסט מיט זיי שטיל).

נפתלי: מיר גלויבט זיך ניט, ער זאָל וועלען נאָכגעבען אַלע זייערע פאָדערונגען.

דבשה (דערפרעהט): זאָל שוין דער אויבערשטער טאַקי געבען אַזאַ לבכות, און זאָל שוין איציק אָנהויבען געהן צו דער אַרבייט.

נפתלי: און אַז איציק וועט נאָך 8 טאָג ניט געהן צו דער אַרבייט איז אויך ניט קיין אומגליק. האָט מען אָנגעהויבען, מוז מען אויספיהרען.

(די אַרבייטער געהען צו צום טיש).

נפתלי: מיר גלויבט זיך עפּעס ניט, אַז מען זאָל אייך נאָכגעבען אַלע אייערע פאָדערונגען. (צום 2=טען אַרבייטער). פון וועמען האָסטו דאָס געהערט?

אברהם'ציג: געהערט האָט ער פון אַ זיכערער קוועלע, און דער בעטלעם ביי'ם בעל-הבית אָדער ריכטיגער — ביי זיין בעל-הבית'טע, איז ערשט ניט לאַנג אויסגעבאַקען געוואָרען.

1-טער לעהר-יונגעל: איך ווייס, ווער עס האט געקאנט דערצעהלען. דאס מוז וואקסען פון דער שטוב-מעדעל.

1-טער ארבייטער: מילא, אויך א נפקא מינא, פון וועמען עס שטאמט, אזוי צי אזוי, אט באלד וועלען מיר וויסען.

2-טער ארבייטער (צו אברהם'ציגען): נו און וואס איז ביי דיר, זענט איהר אפשר היינט געווען דארטען?

אברהם'ציג: ביי אונז איז דערוויל כמו שהיה. ער סטראשעט, אז ער וועט אויסשרייבען אנדערע „שניצער".

נפתלי: דאס איז אבער טאקי מעהר ניט ווי געסטראשעט.

אברהם'ציג: עס קען זיין, אז טאקי מעהר ניט ווי געסטראשעט, און עס קען זיין, אז ער וועט דאס טאקי טהון אויך, מען קען אויף איהם אלעס גלויבען, נאר מיר פראלעטאריער קעמפפען געגען אלע מיטלען פון אונזערע בעלי-בתים.

(עס קומען אריין אין טהיר 3 בחורים און אלע כמעט צוזאמען בעגריסען נפתליין).

איינער פון די 3 (ווינקט מיט'ן האנד צום 1-טען ארבייטער און צו די איבעריגע): אויף איין מינוט, מיר דארפען וואס איבערגעבען.

(נאך עטליכע ווערטער אין דער שטיל געהען אלע ארויס פון טהיר. דער 1-טער לעהר-יונגעל שטעפט און זינגט זיך א מאטיוו אהן ווערטער).

דבשה: וואס האבען זיי דאס שטענדיג אזוי פיעל סודות צו זאגען?

1-טער לעהר-יונגעל: דאס קומט ב"ה אלץ פון מאגען...

דבשה (וועלכע האט נישט פערשטאנען, מיט א לייכטען געלעכטער): ניין, שלמה'קע, דו האסט צוגעפאסט א גראם, אבער עפעס אהן טעם (לאכט).

1-טער לעהר-יונגעל: אהא, איהר נעהמט דאך אב מיין פרנסה!

נפתלי (לאכט): דו האסט איהם, דבשה, נישט פערשטאנען. דער איצטיגער גראם זיינער איז שוין יא געווען מיט טעם. גראדע מיעך געזאגט. וואלט ער אלע מאל געזאגט אזעלכע גלייכע זאכען.

(גייט צו צום מאַשין, באַטראַכט, ווי עס איז אָבגעשטעפט די ליַיבל) אַזוי, קינדס, מאַכסט דאָך גאָר נישקשה.

1־טער לעהר־יונגעל: נישט אומזיסט האָב איך אַמאָל אַ גאַנץ יאָהר געוואַשען טעפלעך ביַי אַ שניַידער.

(עס גייען אַריַין צוריק אין שטוב: אברהם'ציג, 1־טער און 2־טער אַרבּיַיטער).

אברהם'ציג (צו ביַידע אַרבּיַיטער): געוויס אַזוי, נישט אויף איין האָר אָבטרעטען. פּרינציפּיעל מוז דאָס אַזוי זיַין.

1־טער אַרבּיַיטער: פערשטעהט זיך.

(אין טהיר גייט אַריַין אַ יונגעס שטוב־מעדכען, גייט צו עטליכע טריט און בליַיבט שטעהן פערשעמט).

1־טער לעהר־יונגעל (לוסטיג): אָהאָ, אַ גאַסט, ר' פּעשקע אַ־ליין איז דאָ!

דאָס מיידעל (פערשעמט. וויַיזט אויף דעם 1־טען לעהר־יונ־געל): ער פּראָוועט שוין דאָ זיַינע שטיקעס. (צום 1־טען אַרבּיַיטער): דער בעל־הבית האָט געבעטען, איהר זאָלט צו איהם באַלד אַריַינקומען.

1־טער אַרבּיַיטער: צוליעב וואָס — האָט מען אַייך נישט גע־זאָגט?

דאָס מיידעל: ניין, נאָר די בעל־הבית'טע האָט געזאָגט, איהר זאָלט גליַיך קומען. האָט אַייך אַ גוטען טאָג. (זי נעהמט געהן צו דער טהיר).

דבשה: וואָס איילסטו, פּעשקע? זיַיך אַ ביסעל. וואָס מאַכען עפּעס דיַינע בעלי־בתים?

דאָס מיידעל: איך דאַנק אַייך, דבשה, נאָר איך האָב זיך שוין אַ ביסעל פערזאַמט אין גאַס. אַ גוטען (גייט אָב).

נפתלי (ווען דאָס מיידעל איז אַרויס): אַלזאָ, איז דאָס טאַקי אמת. גייט אַריַין, נאָר לאָזט זיך, קינדער, נישט פער־נאַרען.

אברהם'ציג (מיט אַ באַזונדערן אַקצענט): אַ ודאי נישט, ר'

נפתלי. (דער 1-טער אַרבּײַטער זוכט עפּעס אין זײַן קעה-בעלע צווישען די פּאַפּירען).

נפתלי: און טאָמער וועט מען דאַרפען נאָך אַ פּאָר וואָכען האַלטען דעם שטרײַק, איז מײַן איציג וועט האָבּען וואָס צו עסען, פאַר האָבּער אַלײַן דאַרף מען זיך נישט פערקויפען.

דבשה (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): אַז דער אַלטער איז נישט בּעסער פאַר די יונגע! נעהײַ וואָלט ער געזאָגט, אַז מען זאָל זעהן ווי עס איז דורכמיטלען זיך. מע מוז דאָס גאָר אײַנגאַנצען אויספיהרען? איז...

נפתלי (שלאָגט זי איבּער. צערטליך): מײַן דבשה, דו בּיזט זעהר אַ וואוילע און אַ גוטע, אָבּער אַמאָל שוין אַ צו-גוטע. אַז מע פיהרט אַ מלחמה, מוז מען זי דורכפיהרען בּיזן סוף. אָבּטרעטען — הײַסט פערליערען.

דבשה: אָבּער מיר, אַזעלכע שוואַכע, ענטקעגען לײַבּען!

1-טער אַרבּײַטער (פון קערבּעלע): מאַמע, מיר זענען די שטאַרקע!

(דבשה שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

אברהם'ציג: די שטאַרקע זענען די, צו וועמען עס געהערט דער זיעג.

1-טער לעהר-יונגעל (ביך): און בּײַ וועלכע — די גרעסטע עשירות, איז פאַר צווײַ גילדען אַ ציעג.

נפתלי (לאַכט): מיר האָט נאָט אַפילו פון אַזאַ עשירות אויך געהיט.

2-טער אַרבּײַטער: מע רעדט נישט וועגען איצטער.

1-טער אַרבּײַטער (צוגעהענדיג צום טיש): איך רעכען, מיר זאָלען שוין געהן. (טהוט אָן דעם מאַנטעל) פריהער וועל איך נאָך אַרײַנגעהן צו בּערל'ן.

(אין טהיר קומען אַרײַן צווײַ יונגע אַרבּײַטער).

איינער פון די 2 אַרבּײַטער: איהר קלויבּט זיך צו געהן? גוט, וועלען מיר דערווײַל געהען צוזאַמען.

נפתלי: געזעגנט זשע קינדער! (אברהם'ציג טהוט אָן זײַן מאַנטעל).

דבשה: זעה, מיין קינד, מיטעל זיך הורך ווי עס איז, ס'איז אַ רחמנות אויפ'ן טאַטען, און דיר איז אויך אַ שאָד די צייט.

1-טער לעהר-יונגעל: מיר וועלען אויך געהן.

1-טער אַרבייטער: גוט, אָבער ערשט אין אַ מינוט 20, ווייל מיר געהען נישט גלייך אַהין.

(אַלע, אויסער די צוויי לעהר-יונגלעך, געזעגענען זיך אָב און געהען אַוועק; הינטער דער טהיר הערען זיך זייערע שטימען. דער 2-טער לעהר-יונגעל געהט צו צום מאַשין און רעדט שטיל מיט'ן 1-טען לעהר-יונגעל).

נפתלי: יוגענד — דאָס איז אַ שטאַרקע זאַך, עס איז דאָ אַזוי פיעל לעבען (פערקלערט). און מיר זענען דאָך אַמאָל אויך יונג געוועזען...

1-טער לעהר-יונגעל (קעהרט זיך אָב מיט'ן געזיכט צו נפתלי'ן): אַ קלוגע וועלט הײַנט, ר' נפתלי. אַ קלוגע צייט!... (פאַנגט אָן צו שטעפען און צו זינגען).

פאָרהאַנג.

# װײטער אקט.

## (װאַרשאַװא).

א קלײנע מאנסטערסקאיע פון א קאמאשען-שטעפער, בײ דער װאנט לינקס, בײ די 2 פענסטער, צװײ שטעפּ-מאשינען, נעבען די מאשינען — 2 טישען, אויף װעלכע עס ליגען אנגעװארפען צוגעשניטענע שטיקער לעדער. אנטקעגען אין דער מזרח װאנט — א נידעריגע טיר אין פירהויז. רעכטס א שמאלע טיר אין קאמער בײם אויװען, נאָך דער קאמער טיר, זיצט דער בעל-הבית, אנגעשפּארט אויף א ... שטול.
נעבען איהם שטעהט זײן פרוי און מענת'ע.

די פרוי (צום מאן): איך האָב זײ טאקי געשיקט רופען, װאס רעדען? און באלד, מסתמא, װעלען זײ שוין קומען צוגעהן. געהן זאָלען זײ אויף קליעס, האַרציגער! איך בעט דיר, מאַך שוין מיט זײ, שלים-מזל אײנער, אַנעק, אַנעק זאָל שוין נעדמען. זעה, װי עס איז קום שוין דורך מיט זײ, און זעה דערהויפּט, זײ זאָלען זיך זעצען צו דער אַרבײט, און נאָכדעם װעט זײן, װי איך האָב דיר געזאָגט... דערװײל מוז מען דאָך זעהן די סחורה אַרויסשיקען האַטש צום צװײטען טערמין. און דער ליפּאװעצער סוחר פערװאַרפט דאָך דיר אויך מיט ברײװלעך. אַלזאָ, הערסטו! זאָג זײ צו, אַז דו גיבסט זײ נאָך אַלע זײערע פאָדערונגען, זאָלען זײ שוין, רבונו-דער-האַרציגער, געפאָדערט װערען, װאו איך חײס! שוין אַ חודש צײט אַז מען אַרבײט נישט, בײ זײ איז דאָס אַ יום-טוב'ל, און דאָ איז אַ טאָג פאר אַ טאָג, ביז מען קאָן דאָך, חלילה, מיט דער טאָרבע אַװעק!

**דער בעל-הבית:** אָבער זאָג אַליין, קאָן מען דען נאָכגעבן אַזעלכע משוגע'נע פאָדערונגען? פערשטעהסט אַ פּנים? כ'מײן האַלטען אַ מאַסטערסקאַיע, אפשר כדאי, וואָס? וואָרים, מ'שטײנס געזאָגט, וואָס מע קאָן שוין נאָכדעם עפּעס דערלעבען!

**די פרוי:** מע רעדט, מע רעדט מיט דיר, גולם איינער, אַז דאָס האַרץ צופּלאַצט, און ער, דער תם: „האַ!" „וואָס?" — איך האָב דאָך דיר, דאַכט זיך, דײַטליך געזאָגט: דו זעה נאָר, אַז זיי זאָלען זיך זעצען צו דער אַרבײַט, און ווײַטער — איז גאָט אַ פאָטער! האָסטו שוין פערשטאַנען? זאָלען זיי זיך זעצען — פערזעצט זאָלען זיי ווערען, האַרציגער, וואו איך ווייס, — צו דער אַרבײַט, און נאָכדעם איז, אויב דו ביזט אַ שלים-מזל, וועל איך שוין זעהן... מע דאַרף דאָך צו'ם געזונד האָבען אַ ביסעל מח אויך...
(עס געהען אַרײַן דער 1-טער און דער 2-טער אַרבײַטער. די פרוי מיט אַ צופרידענער מינע צו די אַרבײַטער): אָ, געסט! מע דאַרף, כ'לעבען, די אײַזען צובּרעכען! איך האָב טאַקי גערעכענט, אַז איהר וועט הײַנט קומען.

**דער בעל-הבית** (צו די אַרבײַטער): טאַקי אין אמת, גוט וואָס איהר זענט געקומען (הייבט זיך אויף פון שטוהל און געהט צו צו זיי). מסתמא וועט איהר עפּעס וואָס נוטעס זאָגען. וואָס האָט איהר ביז יעצט מורא געהאַט אַרײַנצוקומען? מ'איז דאָך חלילה נישט כ'ווייז וואָס? (אַ קליינע פּאַוזע) נו, אַלזאָ, זענט איהר געסט. זעצט אײַך, און מיר וועלען אַ ביסעל שמועסען (די פרוי זוכט בענקלעך). איך רעכען, אַז איהר זענט מסתמא געקומען זעהן מאַכען עפּעס אַ שטיקעל טאָלק, און עס איז שוין טאַקי צײַט אויך, בנאמנות; האַ, ווי זאָגט איהר, נישט אַזוי?...

**דער 1-טער אַרבײַטער:** מיר ווייסען גאָר נישט, מען האָט אונז געשיקט רופען...

**דער בעל-הבית** (אַ ביסעל פערלעגען): הם... ס'קאָן זײַן... יאָ, איך האָב פערגעסען, מײַן דבשה'יאַהנע, געזונד זאָל זי זײַן... (פערהאַפּט זיך, טרעפענדיג דער פרוי'ס בליק) איז טאַקי גוט וואָס איהר זענט געקומען, ווײַל איך וועל אײַך זאָגען דעם אמת, איך האָב מיר בעטראַכט, אַז עס געהט נישט, איהר פערשטעהט? ס'איז הײַנט אַנאַנדערע וועלט פאָרט, יעדער וויל דערגרייכען הײַנ-

טיגע צייטען, ווי מע זאָגט, די בעסטע דאָליע, און איך האָב גלאַט פיינד די שטרייקען, וואָרום, אין דער אֶמת'ן, קאָן מען דען זיך אַזוי נישט דורכמישלען איפין בעל-הבית'ישען אופן? נאָר קורץ, ס'איז ביי מיר געבליבען: איך וועל אייך דאָרטען נאָכגעבען אַ ביסעל איי- ערע פאָדערונגען, און זעצט אייך צו דער אַרבייט מיט הַצלָחָה, און געדענקט האָטש, אַז מיט גוטען מיטעלט מען זיך מיט מיר שטענדיג דורך, ווייל ווייס בין איך דען וואָס?...

די פרוי (גיך צו די אַרבייטער): דאָס האָב איך דאָך די גאַנצע צייט געשריען: געוואַלד, איהר קענט נישט מיין מאַן! נאָר מיט גוטען, נאָר מיט גוטען, האָב איך געשריען, וואָרט, האָב איך געזאָגט, און מיט גוטען, האָב איך נע'טענה'ט, וואָלט ער אייך אַלץ אַליין נאָכגעגעבען, אַלץ — ביי מיינע נאמנות; ער האָט מיר אָפילו וויפיעל מאָל געזאָגט: ס'אַרא נאַראָנים, זאָגט ער, ניהיי וואָלטען זיי אַריינגעהן, זיי דאַרפען דאָך אַ ודאי האָבען עפּעס געלד, וואָרום וואָס, מיר זענען דאָך עפּעס נישט אַבי ווער!... (צום מאַן) אָט זאָג זיי אין די אויגען...

דער בעל-הבית (מורמעלט פאַר זיך ניט זיכער): ניטאַקי אַניאמת!

1-טער אַרבייטער: זעהר גוט און פיין, אָבער מיר האָבען דאָס שוין געהערט נישט איין מאָל. די זאַך איז אָבער קורץ: גיט איהר אונז נאָך אַלע פאָדערונגען, ביי וועלכע מיר זענען גע- בליבען דעם לעצטען מאָל? איהר זייט איינשטימיג מיט אַלע פונק- טען? (עס קומען אַריין די צוויי לעהר-יונגלעך און, אַזוי ווי אַריינ- גע'גנב'עט, געהען זיי שטיל צו צו די אַרבייטער).

2-טער אַרבייטער: ווען נישט מיט אַלע פונקטען, האָבען מיר נישט וואָס צו רעדען.

דער בעל-הבית: הם... ווייטער מיט אַלע!... דאָס הייסט?

די פרוי (שלאָגט איבער דעם מאַן. גיך): מיט אַלע, מיט אַלע, נישטאָ מעהר קיין רעד. (צום מאַן) זאָג זשע שוין זיי פראָסט: אַלע, אַלע, אַלע, און יוצא! אָבגעמאַכט, איז אָבגעמאַכט. מען גיט אייך אַ וואָרט און זעצט זיך צו דער אַרבייט.

1-טער אַרבייטער: און וועגען בעצאָהלען פאַר די צייט פון שטרייק זענט איהר אויך מסכים?

די פרוי (מוטערליך): קינדער בלייבען פונדעסט קינדער! מען האָט דאָך איין נאָך דעמאָלט געזאָגט, אַז װעגען דעם װעט מען שוין װי עס איז דורכקומען.

1-טער אַרבייטער: װי עס איז — טויג נישט.

2-טער אַרבייטער: מיר װייסען שוין, װאָס הייסט: „װי עס איז".

די פרוי (האַסטיג): טאָ זאָל שוין זיין, װי מיין מאַן האָט געזאָגט, אַז מען זאָל זיך פערלאָזען אויף מענשען. איהר האָט דאַן מסכּים געװעזען.

דער בעל-הבית: ניטאַקי, װי מענשען װעלען צופּסקענען!

די פרוי (צום מאַן. גיך): טאָ זאָג זשע זיי קלאָרע דבורים, אַז װי מענשען װעלען געפינען, אַזוי װעסטו בעצאָהלען.

(ביידע אַרבייטער זענען זיך אַ קורצע צייט שטיל מיישב).

1-טער אַרבייטער: אַלזאָ, גוט. װעגען דעם זענען מיר מסכּים, װען איהר גיט אונז אייער װאָרט, אַז איהר װעט פאָלגען דעם פּסק-דין, װאָס מענשען װעלען געפינען. און װייטער, אָבער, זענט איהר מסכּים מיט אַלע פאָדערונגען?

2-טער אַרבייטער: למשל, װעגען די לעהר-יונגלעך: פערבעסערן זיי דאָס עסען און אַזוי װייטער...

די פרוי (האַקט איבער, כּמעט װי מיט געװיין): נאָט, מיין גאָט! דאָס האַרץ צופּלאַצט שיער נישט! געזאָגט, איז דאָך געזאָגט, און נישט געבילען. און מיט די לעהר-יונגלעך איז דאָס גלאַט, זאָג איך, אַנ׳איבעריגע זאַך, װאָרום אַזאַ יאָהר אויף אונז אַלעמען, װי איך פלעג זיי היטען װי אייגענע קינדער, װי אַנ׳אייגענע מוטער!

1-טער לעהר-יונגעל (פאַר זיך, אָן אַ זייט): ממש אויף זעמעל מיט פּוטער...

1-טער אַרבייטער (צום בעל-הבית): װאָס איז די פּעולה פון רעדען. געדענקט איהר די הויפּט-פאָדערונגען? — 10 שעה דער אַרבייטס-טאָג, 10 פּראָצענט העכערן די שכירות און...

**דער בעל-הבית** (האַקט איהם איבער): איך געדענק, פאַרוואָס זאָל איך נישט געדענקען? 10 שעה, 10 פראַצענט, נישט צו־נעהמען, נישט אַפּזאָגען אָהן אייער ידיעה, גוטע בעהאַנד...

**די פרוי** (שלאָגט איהם איבער אונגעדולדיג): האַרציגער! אַלע, אַלע, אַלע! איין מאָל געזאָגט.

**דער בעל-הבית** (מיט פּרעטענזיע, צו דער פרוי): לאָז מיר אויך עפּעס אויסרעדען אַ וואָרט. איך וויל מאַקי איבער־חזר'ן...

**די פרוי** (גיך. מיט די הענד): חזר'ן, חזר'ן! דאַכט זיך, אַ גאַנ־צען חודש בין איך שוין טויב געוואָרען פון חזר'ן.

**דער בעל-הבית** (שטייפער): אַ ודאי וויל איך, עס זאָל זיין קלאָר, יאַסנע זאָל עס זיין. אָנהייבען מיט אַרבייטער!...
נאָכהער וועלען זיי מיר ווידער דרעהען אַ קאַפּטור, אַט אַפילו מיט די שנעקעס (ווייזט אָן אויף די לעהר-יונגלעך) דאַרף מען אויך יאַסנע רעדען.

**1-טער אַרבייטער**: וואָס איז דאָס פאַר אַ ווערטער: „שנעקעס"?

**די פרוי** (מיט אימפּעט, צום מאַן): אָבער ווער שוין שטום, רבונו דער האַרציגער! (צו די אַרבייטער) נישטאָ, נישטאָ קיין שנעקעס, ער, איך (ווייזט אָן אויף אַ לעהר-יונגעל און אויף זיך) אַלע וועגען מיר גלייך! נאָר זאָל שוין זיין גענוג צו רעדען. זעצט זיך צו דער אַרבייט און יוצא. מען נוט אייך נאָך די פּאָדערונ־גען אַלע, אַלע, אַלע!...

**1-טער אַרבייטער**: מיר וואָלטען פערלאַנגט, איהר זאָלט דאָס אונז אויפ'ן פּאַפּיער שריפטליך געבען.

**ביידע לעהר-יונגלעך** (צוגלייך): נאָר אויפ'ן פּאַפּיער.

**דער בעל-הבית**: וואָס הייסט אויפ'ן פּאַפּיער?

**די פרוי**: מיין גאָט, מיין האַרציגער! הערסט אַ ביסעל? אַ שעה, אַז מען טאָלקעוועט, אָהן כוח בין איך שוין געבליבען, און צום סוף — נאַ דיר, הייבט זיך דאָס אָן פון דאָס ניי. (צום מאַן, בעסעהלענד): זאָג זשע שוין דייטליך, איי, שלים-מזל, אַז דו ניבסט זיי נאָך אַלע, אַלע, אַלע!...

2-טער אַרבייטער (געלאַסען): דאָס איז נאָך ווייניג פאַר אונז. מיר פערלאַנגען טאַקי, איהר זאָלט דאָס אונז געבען אויפ'ן פאַפּיער.

1-טער אַרבייטער: אַ ודאי נישט אַנדערש ווי אויפ'ן פאַפּיער.

דער בעל-הבית (קוקט נישט זיכער אויף זיין פרוי): הם... כ'לעבען, פאָרט נאָך מיט די נאַרישקייטען. וואָצו איז דאָס נעטיג, שוין ושעו!... און וואָס זאָל מען שרייבען?

1-טער אַרבייטער: ס'איז שוין דאָ אַנ'אויפגעשריבענער פאַפּיער.

די פרוי (ווייך, מוטערליך): נו, זאָגט אַליין, קינדער. פאַפּיער, שמאַפּיער, איז דאָס שטיקעל פאַפּיער שוין מעהר בטוח ווי מיין מאַן?

2-טער אַרבייטער (מיט אַ שמייכעל): ס'קאָן זיין!

1-טער אַרבייטער: אָט האָב איך דעם נוסח. (נעהמט אַרויס פון בוזעם-קעשענע אַ צוזאַמענגעלעגט פאַפּיער).

די פרוי (מיט אַ געמאַכטען שמייכעל): קינדער בלייבען קינדער!

דער בעל-הבית (קוקט מיט אַ פראַגע אויף זיין פרוי): הם... הם!...

1-טער אַרבייטער: איך וועל אייך, אויב איהר ווילט, איי בערלעזען, און איהר וועט נאָר אונטערשרייבען.

דער בעל-הבית: המם... הם... קאַק!

1-טער אַרבייטער: זאָל איך איבערלייענען?

די פרוי (נאָכדעם, ווי זי האָט זיך עטוואָס מיישב געווען, האַסטיג צום מאַן): ס'אַראַ דאגה דיר איז, אויך אַ נפקא-מינה, אויף פאַפּיער, איז אויף פאַפּיער. מילא, שרייב זיי אונטער. גערעדט איז נישט געבילען.

דער בעל-הבית (נישט ענטשלאָסען): מילא, אונטערשרייבען איז אונטערשרייבען; אַ ודאי שאַדט נישט, עס זאָל זיין יאַסנע, יאַסנע זאָל עס זיין, נאָר ווי, טאַקי אויף אַלע פונקטען? אפשר זיך פריהער נאָך דורכשמועסען?...

**די פרוי** (האפט ארויס דאס פאפיער פון דעם ארבייטער׳ס האנד און שטופענדיג עס דעם מאן אין האנד): אוי, שלים־מזל איינער! געזאגט אינטערשרייבען — איז אונטערשרייבען!

**1־טער ארבייטער**: ווארט, איך וויל איך פריהער איבערלייענען.

**דער בעל־הבית** (האלטענדיג אין איין האנד דאס פאפיער און מיט דער אנדערער זוכענדיג די ברילען): מען דארף נישט; ס׳ארא דאגה, איך וועל אליין דורכקוקען. איך געדענק דען נישט? 4 פונקטען (גיט צו צו׳ם פענסטער), איך מיין, 5 פונקטען. (נעהמט פונאנדער דאס פאפיער און קוקט דערין דורך די ברילען).

**די פרוי** (לויפענדיג אין דער וויטיגער טהיר, אין קאמער): אט איך האפ דעם טינטער. געדענקסט נישט (צו׳ם מאן), וואו די פעדער איז? (ווערט פערשוואונדען אין קאמער).

**די פרוי** (פון קאמער): וואו איז די מרשעת, זאל זי פערברענט ווערען! איך שריי שטענדיג, מען זאל אויפ׳ן קאמאד די מילך נישט שטעלען, הילך און גרילך זאל זי ווערען! און די פעדער מוז זי, מיין שרייבערקע, אלע מאל אין דער הויך לעגען, זאל מען שוין איהר, רבונו דער הארציגער!... אט האב איך שיער ניט אויסגעגאסען דאס גאנצע טעפעל מילך! הערסט, א פעדער זאל מען דארפען פון דער הויך קריכען אראבנעהמען? (גערט ארויס פון קאמער מיט א טינט און פעדער אין דער האנד). נא דיר שוין א טינט און פעדער; ס׳ארא מרשעת דאס איז — א קווארט מילך שיער נישט אויסגעגאסען!

**דער בעל־הבית** (נעהמענדיג די פעדער און צוגעהענדיג צו׳ם עק טיש): הייסט עס, אונטערשרייבען, מילא, אונטערשרייבען. (שפארט זיך אן אויפ׳ן עק טיש, טינקט איין די פעדער און פונאנדערנעהמענדיג דאס פאפיער, ציהט ער פאר זיך די ווערטער, בעת ער שרייבט: אונ־טער שריי־בב־ען, אונטער שררר־בבען. די ארבייטער נעהען צו צו איהם און קוקען, ווי ער שרייבט זיך אונטער).

**דער בעל־הבית** (גיט איבער דאס פאפיער די ארבייטער). נו,

מילא, זאָל זײַן, ווי איהר ווילט. (ווישט אָפּ דעם שטערן פון שווייס).

די פרוי (מיט א פרום געזיכט): נו, זאָל שוין זײַן מיט מזל, מיט גליק. אונטערגעשריבען, איז אונטערגעשריבען. איהר וועט דאָך, מסתמא, נאָך היינט זיך זעצען צו דער ארבייט. ס'איז דאָך א האלבער טאָג אויך אַנ'עבירה!

1-טער ארבייטער: מארגען פריה וועלען מיר קומען. דער־ווײַל א גוטען טאָג אייך. (געהט צו דער טהיר. דער 2-טער ארבייטער געהט איהם נאָך).

2-טער ארבייטער (צו די לעהר-יונגלעך, געהענדיג פאַרבײַ). נו, און איהר געהט אויך מיט?

1-טער לעהר-יונגעל: אט גלייך מאך איך טריט. (זאָגט עפּעס דעם צווייטען לעהר-יונגעל, פון וואָס יענער לאַכט).

דער בעל-הבית: וואָס איילט איהר אוועקצוגעהן?

די פרוי: וואָס איז דאָס טאַקי פאַר אַזאַ איילעניש?

ביידע ארבייטער (כמעט צוזאמען): מיר מוזען נאָך אין דער היים וואָס בעזאָרגען.

די פרוי: דערײַבער ברענט עס אזוי? זיצט נאָך א ביסעל, איהר וועט דאָך, חלילה, נישט אין אָסטראָג.

דער בעל-הבית: נ'טאקי! אט דערצעהלט, וואָס הערט זיך עפּעס נײַעס אויף דער וועלט, וואָס שרײַבען עפּעס אייערע צײַ־טונגען?

1-טער לעהר-יונגעל (גיך): נײַעס איז אין די צײַטונגען, אז עס איז א שלעכט וועטער.

1-טער ארבייטער (לאַכט). נו, אָט האָט ער אייך דאָך גע־זאָגט.

די פרוי (זיפצט): וואָלט שוין גאָט געגעבען, עס זאָל זיך עפּעס נעהמען א ביסעל אויספּאָגאָדיען זיך. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זיפצט).

1-טער ארבייטער (מיט א לײַכטען שמייכעל): וואָס זיפצט איהר

אזוי? פאר אייך איז אפשר גאר נישט אזא מעלה, עס זאל זיך אויספּאַנאַדיען. אין דער פינסטער איז אמאל אפשר בעסער... (האַקט זיך אָב).

1-טער לעהר-יונגעל (ענדיגט גיך): עקספּלואַטאַציע מאַכען גרעסער...

1-טער אַרבייטער (לאַכט. צום 1-טען לעהר-יונגעל): נישט דאָס האָב איך געוואָלט קאָנצען.

די פרוי (מיט פּרעטענזיע): וואָס רעדט איהר דאָס אַזעלכע ווער-טער, ווער זענען מיר דאָס, דאָך נישט עפּעס חלילה ווער. (מיט אַ וויינענדיגען קול) עס ווערט דאָך פערגאָסען אַזוי פיעל אונ-שולדיג בלוט!...

דער בעל-הבית: נישאַקי, מיר זענען דאָך אויך לעבעדיגע מענ-שען און ליידען ב"ה גלייך מיט אַלעמען. און די אַמאָליגע גליקען, איז קאָן מען דאָס אויך מנדב זיין... (מאַכט מיט דער האַנד).

2-טער אַרבייטער (האַסטיג): לאָמיר געהן!

(ביידע אַרבייטער געזעגענען זיך און געהען צו דער טהיר).

דער בעל-הבית: איז דערצעהלט איהר טאַקי גאַר נישט?

1-טער לעהר-יונגעל (צוגעהענדיג צו דער טהיר דער לעצ-טער): הוראַ! עס לעבע די קאַפּוסטע, די פּעטע, די גוסטע!

(אַלע אַרבייטער געהען אַרויס. אַ קליינע פּאַוזע).

דער בעל-הבית (אַרומגעהענדיג איבער דער שטוב. שטעלט זיך נעבען זיין פרוי): נו, זאָג אַליין, וואָס האָסטו דאָ אָנגע-מאַכט? ס'איז, מיינסטו, אַ שפּיעלעכעל? איך האָב דאָך זיי אונ-טערגעשריבען אַלע זייערע פאָדערונגען, און אויפ'ן פּאַפּיער איז גע-ווען אַ שטעמפּעל פון זייער אָרגאַניזאַציע.

די פרוי (ענטשלאָסען): נו, איז מיט אַ שטעמפּעל, האָסטו זיך דערשראָקען. פון מיינעט וועגען מעג זיין מיט 7 שטעמפּלען. זיי נאָר נישט קיין שלים-מזל, וואָס קאָן אַ קאַץ אַנטק נישט פער-בינדען!....

**דער בעל-הבית** (פֿערדראָסליך): נו, איז נישט פֿערבינדרען! איך וואָלט שוין אָבער וועלען זעהן, וואָס דו וועסט אויספֿיהרען מיט דיינע קונצען.

**די פרוי**: מיט מיינע קונצען וועל איך אויספֿיהרען דאָס, וואָס מען דאַרף אויספֿיהרען!...

**דער בעל-הבית** (קוועטשט מיט די פּלייצעס): נו, מיר וועלען זעהן. הלואי זאָל גאָט געבען.

**די פרוי**: אַז מ'האָט שכל, גיט ער!...

**פֿאָרהאַנג**

# דריטער אקט.

דאָס זעלבע צימער װענדט איבער די טישן הײנגען אָנגעצונדענע 2 בלעך-לאָמפּן. בײַ דעם ערשטן טיש שטעהט דער ערשטער אַרבײַטער און מעסט אויס פון אַ קופּקע קלײַנע שװאַרצע לעדער-שטיקער, פּאַפּירענע פֿאָרמעס פון קאַמאַשן, צײכנט זײ אָן און לעגט אָב אָן אַ זײַט. בײַם צװײטן טיש שטעהט דער 2-טער אַרבײַטער און קלעבט אָן צו די צוגעשניטענע קאַמאַשן — װײַסן לײַװאַנד, קלאַפּט זײ צו מאַנכעס מאָל מיט אַ האַמעריל. דער ערשטער לעהר-יונגעל זיצט בײַ'ן טיש'ן, לײגט אַרײַן אַ נײַע אָסנאָװע. דער 2-טער לעהריונגעל שטעהט בײַ'ן טיש נעבען דעם 2-טן אַרבײַטער און עוסק'ט זיך אַרום די פֿאַרטיגע קאַמאַשן. נעבען 1-טן אַרבײַטער שטעהט דעם בעל-הבית'ס פֿרוי און שמועסט גוטמוטיג.

די פֿרוי (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ): אָט דאָס איז דאָך דאָס אומגליק טאַקי, װאָס מען גלויבט קײנמאָל נישט דעם בעל-הבית.

1-טער אַרבײַטער (לאַכט): האַ, האַ, האַ, אַ ביטערע רחמנות נעביך! (ערנסט) און דאָס װען אַ בעל-הבית געגלויבט זײַן אַרבײַטער, אַז יעדער װערט פֿערמוטשעט בײַ דער אַרבײַט און זיצט אָהן ברױט?

2-טער אַרבײַטער (נישט זיכער): דו זאָגסט: ער גלויבט נישט — אַז איהם טאָר גאָר נישט אַרגען, װאָרום מיר זענען דאָך אַלץ צײנס זי: אַ מאַשין צו דער אַרבײַט, װעלכער מען מוז געבען שטײַנ-

קוֹיהלען, כּדי זי זאָל קאָנען אַרבּייטען. און וועט אײַנפאַלען אַמאָל אַ פאַבּריקאַנט צו געבּען דער מאַשין אַ פוּטער-בּראָד! — אַז זי דאַרף דאָס ניִשט, זי דאַרף נאָר שטיין-קוֹיהלען... (האַקט זיך אָפּ צומישטערהייט).

**1-טער לעהר-יוּנגעל** (לאַכט): האַ, האַ, האַ, גוּט געזאָגט. אֶפשר געבּען איהר אַלע אין דערפריה אַ גלאָז טהיי?

**2-טער לעהר-יוּנגעל** (לאַכט אויפ'ן קול).

**1-טער אַרבּייטער**: עס איז ניִשט אַזאַ המציאה, ווי ריכטיג.

**די פרוי** (מיט פרעטענזיע): נאָר וואָס איז די פּעולה, אַז איהר רעדט פּוּנקט טאַקי ווי קינדער. איהר קאָנט אַנדערש ניִשט פערשטעהן און גלויבּט, אַז אַ בּעל-הבּית האָט נאָר קיינע דאגות ניִשט, קיינע קאָפּ-זאָרגען, און טהוּט נאָר און שלאָפט גאָלד.

**1-טער אַרבּייטער**: צי שלאָפט אַ בּעל-הבּית גאָלד, אָדער שפּע-נער, דאָס איז אוּנז קיין נפקא-מינה ניִשט; מיר זוכען אוּנ-זער לעבּען צו פערבּעסערן, אַזוי ווי איהר זוכט אייער לעבּען אָדער אייערע געשעפטען צו פערבּעסערן.

**1-טער לעהר-יוּנגעל** (גיך): און די קליינערס צו פערגרעסערן.

**די פרוי** (ווייזט גוּטמוּטהיג אויף דעם 1-טען לעהר-יוּנגעל): דאָס וועט זיין אַמאָל אַ בּיטערער יוּנג, אָהאָ! (קליינע פּאַוזע). אָבּער מיין גאָט, מיין הארציגער! מען מוּז דאָך אַמאָל אַריינגעהן אויך אין יענעמס פּאָלאָזשעניע, און שטעלט אייך פאָר, אַז ווען מען זאָל אַרבּייטען, צום בּיישפּיעל, בּיי אַ בּעל-הבּית 10 שעה אין טאָג — מוּז ער מיט דער טאָרבּע אַוועקגעהן, אַז מען קען ניִט..... (די טהיר עפענט זיך עטוואָס אויף, און עס הערט זיך אַ פרויען-שטימע: בּעל-הבּיתטע, מיכלע האָט געבּראַכט 4 נעגז, זי האָט קיין צייט ניִשט.)

**די פרוי** (צוּם טהיר): איך גיעה, איך געה. (נעהמט געהן, און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע, ווענדעט זיך צו די אַרבּייטער): מען דאַרף דאָך יענעם ניִט בּעגראָבּען אינגאַנצען, עס דאַרף דאָך זיין אַבּיסעל רחמנות אויך... (געהט אָפּ).

**1-טער אַרבּייטער** (גלייך ווי די פרוי איז אַרויס): אַ קאַפּוּלאַצע אָנגעהערענישש.

2-טער אַרבייטער: מען האָט אידר אפשר געדונגען איצטער גלייך זאָגען? (קלאַפּט מיטן האַמער).

1-טער לעהר-יונגעל (עוסקט זיך אַרום מאַשין און זינגט):

ניט קיין הויז, ניט קיין היים,
דאָס פערמעגען — שמאַטעס...
לעב-זשע לוסטיג, אָהן שום זאָרג,
אַכט ניט אויף די לאַטעס...*)

(קלאַפּט מיט דער מאַשין).

2-טער אַרבייטער: הייסט עס, אַז היינט וועלען מיר אַראָבנעהמען 8 אַ זייגער פון דער אַרבייט און די 3 שעה פון אונזער פרייער-צייט וועלען מיר מעהר ניט אַרבייטען שוין.

1-טער אַרבייטער: געוויס! עס איז געווען לכתחילה אַ גרויסע נאַרישקייט, וואָס מיר זענען מרצה געוואָרען ביז איצטער צו אַרבייטען. איך האָב דאָך דיר שוין דערצעהלט, אַז אַברהמ'ציג האָט מיר נעכטען אָווענד גוט געזידעלט דערפאַר, און געזאָגט, אַז מיר טאָרען דאָס ניט טהון. אַז שוין פון פּרינציפּ אַליין דאַרפען אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריער ניט אַרבייטען קיין איבעריגע שעה'ן פאַר'ן בעל-הבית, און פערגרעסערן דעם פערדינסט קען מען נאָר דורך עקאָנאָמישע שטרייקען, אָבער ניט אָבגעבען דעם בעל-הבית אונזערע פרייער-אַווענדען. מילא ווען עס איז נאָך געווען זעהר אייליגד, איז מוז מען אַמאָל נאָך דאָס טהון, אָבער אַז די נייטיגע אַרבייט האָבען מיר שוין באַלד פערטיג, האָטש דער בעל-הבית זאָגט, אַז ב'מוז נאָך לענגער דויערן.

2-טער אַרבייטער: ס'איז אמת. איך רעכען אָבער, אַז אפשר נאָך וואַרטען אַ ביסעל. ער זאָגט, אַז נאָך אויף 8 טאָג וועט ער שוין דאָס פאַרטיג האָבען.

1-טער אַרבייטער (אָנשפּאַרענדיג איין האַנד אויפ'ן טיש און קוקענדיג אויף דעם צווייטען אַרבייטער): ערשטענס בעט ער איצטער אויף 8 טאָג, נאַכהער וועט ער, מסתמא, בעטען נאָך אויף איין וואָך און דערנאָך אויף צוויי וואָכען, און ווידער איז זאָל ער

*) די מעלאָדיע פון ניקיטינ'ס „באָביל".

[illegible] נאָך אַניאַרבייטער, צו די אַרבייט איז אַזוי אײַלענד. כיה האָט דאָס אויך אברהמ׳ציג געזאָגט.

1-טער לעהר-יונגעל (קעהרט זיך אָב פון מאַשין): איך האָב טאַקי געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, דאָס מיר וועלען, מסתמא, אַרבייטען די איבעריגע שעה׳ן, ביז ער וועט פאַרטיג ווערען מיט זיין גאַנצער בעשטעלונג.

1-טער אַרבייטער: נו, אָט זעהסטו! ער רעכענט, אַז ער וועט אונז מיט די עטליכע גראָשענס אָבקויפען אינגאַנצען. נאָר דער עיקר איז, ווי איך פערשטעה, זיין כונה, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָס בלייבען אַזוי ווייטער, מיר וועלען זיך אַלין אַרבייטען איבעריגע שעה׳ן, און נאַכהער וועט ער אויך אויפהערען צו צאָהלען פאַר דער פייער-צייט! (הייבט אויף דעם קאָפּ). עס איז דאָך שוין דאָס געוועזען אַמאָל אַזוי ביי ראָזענשטיינ׳ען אין פאַבריקעל!

2-טער אַרבייטער (קלאַפּט עטליכע מאָל מיט׳ן האַמער): נאָר אֶפשר לאָזען דאָס שוין ביז שבת, ווייל היינט איז דאָך שוין מיטוואָך. וועלען מיר שוין פון דער נייער וואָך אַזוי טהון.

1-טער אַרבייטער: וואָס האָסטו מורא, אַז היינט?

2-טער אַרבייטער: מורא האָבען?! — נאָר גלאַט, עס וועט זיין געווים טענץ, איז אֶפשר שוין קאָנצען די וואָך?

1-טער לעהר-יונגעל (פון מאַשין): נאָך דער וואָך, וועט ער בעטען נאָך.

1-טער אַרבייטער: נו, אַז עס וועט זיין טענץ, טאָ זאָל זיך זיין!

2-טער אַרבייטער (נאָך אַ ביסעל בעדענקען זיך): פון מיינעט וועגען, נאַרעשצע, זאָל זיין היינט. נאָר מעהר נישט, איך גלייב, אַז עס וועט זיין אַ שווער שטיקעל אַרבייט, ווייל ער מיינט, אַז מיר אַליין זענען צופריעדען און וועלען נאָך לאַנג אַזוי אַרבייטען. האָסט דאָך געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט.

1-טער אַרבייטער: אָבער אַנדערש ווי איך זאָג קאָן עס נישט זיין.

3-טער אַרבײַטער (קלאַפּט עטליכע מאָל מיט'ן האַמער און שטעלט זיך אָפּ באַלד): גוט, זאָל זײַן אַזוי!

(פּאַוזע. דער 1-טער לערער-יונגעל בײַם מאַשין פּאַנגט זיך אַ ביסעל שטעפּען, האַקט באַלד איבער און פּאַנגט אָן צו זינגען):

ער שפּאַצירט מיט געזאַנג,
און דער ווינד זינגט אונטער:
היט זיך, רײַכע, פון וועג,
אָרעמקײַט געהט מינטער...

2-טער אַרבײַטער (זוכט עפּעס בײַם טיש. צום 2-טען לערער-יונגעל): דערלאַנג מיר דאָס גרינגע האַמער'ל פון קעסטעל, האָרטען אין ווינקעל, נאָר ריהר זיך גיכער!

2-טער לערער-יונגעל (ריהרט זיך לאַנגזאַם און נעהמט זיך אָן פּאַר'ן בויך מיט בײדע הענד): עס טהוט מיר שוין הײַנט ווידער וועה דער בויך פון דער קאַפּוסטע מיט די קאַרטאָפּלעס. (שטעהט אַ ביסעל אין, לאַנגזאַם, עטוואָס אויסגעהויקערט, געהט ער אוועק אין ווינקעלע נאָכ'ן האַמער'ל).

2-טער אַרבײַטער (אויפהײבענדיג די אויגען פון דער אַרבײַט): פּאַרוואָס זשע האָט איהר געגעסען? מ'האָט נישט געדאַרפט עסען. די אַחורה זאָגט דאָך, אַז זי היט אײַך ווי אײגענע קינדער, און הולה איז זי צו געבען אײַך אַנ'אַנדערע זאַך צום עסען?

1-טער לערער-יונגעל (פרעהליך פון דער מאַשין): זי איז נעבּיך נישט שולדיג, זי האָט פערגעסען.

2-טער אַרבײַטער (קלאַפּט עטליכע מאָל מיט'ן האַמער. ערנסט): איך וועל דאָס איהר הײַנט זאָגען, און מיר וועלען זעהן, האָס פאַר אַנעסען וועט זי אײַך געבען מאָרגען.

1-טער לערער-יונגעל (גיך): מאָרגען וועט זי פרישע בויך-וועהטאָג פערזאָרגען...

1-טער אַרבײַטער (צום 1-טען לערער-יונגעל געווענדעט): דיר אַ פּנים איז, ווי איך זעה, טהוט דער בויך נישט וועה?

1-טער לערער-יונגעל (מיט אַ געמאַכטען פלאַקסיווען טאָן): עס האָט נאָר געטהון אַ ביסעל די קישקעס אַ דרעה.

1-טער אַרבייטער: און דיר איז אַלץ צום גראַם.

2-טער אַרבייטער (מיט אַ שמייכעל): אַ פּנים, די לעצטע צייט האָט ער געהאַט אַ גרויסע פּעולה.

1-טער לעהר-יונגעל: דער שטרייק איז געווען דערצו אַגוטע סגולה. (שטעפּט מיט דער מאַשין).

2-טער לעהר-יונגעל (ברענגענדיג דאָס האַמער'ל): און עס האָט געשטונקען נאָך מעהר ווי די אַמאָליגע קאַפּוסטע.

1-טער לעהר-יונגעל (דרעהט אָב דעם קאָפּ פון מאַשין, צום 2-טען לעהר-יונגעל): נאַר איינער, האָסטו דאָך געקאָנט זיין וואָס מיט'ן רוח אַליין און וואָלסט פערשפּאָרט אַ ביסעל בויך-ווערטאָג...

1-טער אַרבייטער (לאַכט): ער איז אַ גרויסער מפונק.

2-טער לעהר-יונגעל (ערנסטליך, צום 1-טען לעהר-יונגעל): האָסט דיר דער רוח מיט דיינע חכמות. ער האָט שוין אָנגעדויבען!...

1-טער לעהר-יונגעל (ענטפערט נישט און זינגט):

ביזטו וואָס, אָדער ניט,
טרייב אוועק די זאָרגען;
מיט אַ שמייכעל, מיט אַ וויץ
האַלט דיין צער פערבאָרגען.

1-טער אַרבייטער (צום 1-טען לעהר-יונגעל): הער, שלמה'קע, דו האָסט אָפּשר דיין ליעדעל היינט מיט, וואָס דו האָסט פערפאַסט אויפ'ן בעל-הבית?

1-טער לעהר-יונגעל (נישט אָבקעהרענדיג זיך פון מאַשין): איך האָב נישט און ס'איז נישט אמת.

2-טער לעהר-יונגעל: ס'איז אַן אמת. ער האָט עס מיר אַליין געוויזען אויפגעשריבען אויף אַ פּאַפּיערעל.

2-טער אַרבייטער (געווענדעט צום 1-טען לעהר-יונגעל): וואָס האָסטו מורא? טראַג אַרויס, אויב דו האָסט.

1-טער לעהר-יונגעל (ביים מאשין, נישט אפקערענדיג זיך):
איך ווייס נישט, צי האב איך דאס ביי זיך.

1-טער ארבייטער (איראניש): שטעל זיך פאר, אז דו האסט עס יא ביי זיך.

2-טער לעהר-יונגעל (זיכער, מיט א העכערע שטימע): ער האט, ער האט!

1-טער לעהר-יונגעל: איך האב מורא, דער בעל-הבית זאל נישט אנקומען.

1-טער ארבייטער: איז וואס, וועט ער דיר אויפעסען?

1-טער לעהר-יונגעל (אפקערענדיג זיך פון מאשין צו דער שטוב): מילא, אז איהר ווילט הוקא, קאן איך דאס אויסענטווייניג. (קעהרט זיך צוריק צו'ם מאשין, פאנגט אן א ביסעל שטיפען און נאכהער פאנגט ער אן צו לעזען, פון צייט צו צייט, שטוקסם צוקלאפענדיג מיט'ן מאשין):

אוי האבען מיר א גאלד א בעל-הבית,
לעבען זאל ער טויזענד יאהר אהן א ראש!
און האט ער אויך א קליינע ווייבעלע,
איז דאס פרום, גוט, ממש — א טייבעלע!
צוויי מלאכים'לעך, גאר אהן א גאל,
וואס שיטען מיט היילינען מארעל:
זייט, קינדערלעך, גוט און פרום,
ווי אקסען, קינדערלעך, זייט שטום.
ארבייט, ווי די גוטע פערד,
האטש מיט'ן קאפ אין דער ערד...

(עס נעהט אריין אין שטוב דער בעל-הבית. דער 1-טער לעהר-יונגעל האקט זיך גלייך אב, נאר דאך ענדיגט ער באלד שטיל):

און פון אזעלכע גרויסע פריידען
קריגט איהר גיכער דעם גן-עדן...

(אלע לאכען, אויסער דעם בעל-הבית.

דער בעל-הבית (אַ ביסעל פערשעמט פונ'ם לאַכען, צו'ם 1-טען לעהר-יונגעל): דו האָסט נאָך אַלץ נישט פערגעסען דיינע גראַמען?

1-טער לעהר-יונגעל (ניך): צו פערגעסען אזא תורה איז אַני עברה.

1-טער אַרבייטער (צו'ם בעל-הבית): האָט איהר אָבער גע־דאַרפט הערען, ס'אַרא ליעדעל ער האָט פערפאַסט מיט גראַ־מען! (אַלע לאַכען שטיל).

דער בעל-הבית (גוטמוטהיג): פון מיינעט וועגען זאָל ער זיך פראָווען זיינע גראַמען, זאָל עס נאָר נישט זיין האָטש אַ שטע־רונג צו דער אַרבייט; נאָר, אַז ער זאָל מיר פאָלגען, און בעסער אַריינלעגט דעם קאָפּ אין דער אַרבייט, אָנשטאָט זיינע וויצען, וואָלט געווען מעהר שכל אָפילו פאַר איהם אַליין.

2-טער אַרבייטער (צו'ם בעל-הבית): נו, מיט אַזאַ קאָפּעלע, ווי ביי איהם, וועט ער שוין אויך אויסער זיינע וויצען דער־גרייכען וואָס.

דער בעל-הבית: ער איז אָבער אַ גרויסער פוילער, זאָל ער מיר קיין פעראיבעל נישט האָבען (לאַכט אַליין).

1טער לעהר-יונגעל (גאַנץ שטיל און גיך): אַז עס איז ווע־ניג אין מויל, איז מען פויל...

דער בעל-הבית (נישט הערענדיג די לעצטע ווערטער ... צו צו'ם טיש ביי'ם 1-טען אַרבייטער, וואַרפט איבער עט־ליכע שטיקלעך לעדער, בעקוקט די צייכענס און ז. וו.): נו, ווי מעסטען זיך אוים די פעלכלעך?

1טער אַרבייטער: נישט שלעכט. עס איז אָפילו דאָ אין זיי היבש לעכער, נאָר נישקשה. אָט באַלד קאָנצע איך שוין דאָס פעקעל און מאָרגען וועל איך זיי שוין שנײדען.

דער בעל-הבית: פאַרוואָס זאָלסטו דאָס אָבלעגען אויף מאָרגען? בעסער שוין היינט צו שניידען.

1-טער אַרבייטער (נאָך אַ קורצען בעדענקען און נישט נאָר

זיכער): ווײַל הײַנט וועל איך מער נישט אַרבײַטן ווי ביז 8 אַ זייגער, און עס מוז שוין באַלד זײַן 8.

דער בעל-הבית (פֿערוואונדערט): וואָס האָט עפּעס געטראָפֿן, וואָס דו מוזט אַוועקגעהן 8 אַ זייגער?

1-טער אַרבײַטער (ענטשלאָסען): עס האָט גאָר נישט געטראָפֿען. און נישט נאָר איך אַליין, נאָר אַלע וועלען מיר הײַנט אַראָפּגעהן פֿון דער אַרבײַט 8 אַ זייגער, ווי מיר דאַרפֿען אַראָפּגעהן נאָרמאַל.

דער בעל-הבית (עטוואָס איבערגעשראָקען): וואָס איז שוין חײַטער פֿאַר אַ התונה?

1-טער אַרבײַטער (איראָניש): קיין תנאים אפילו אויך נישט. פּשוט, מיר אַרבײַטען דאָך 10 שעה דעם טאָג, דאַרפֿען מיר אום 8 אַ זייגער אַראָפּגעהן פֿון דער אַרבײַט.

2-טער אַרבײַטער: טאַקי דאָך גאָר פּשוט.

דער בעל-הבית (ערנסטליך): אַ ודאי גאָר פּשוט, אָבער איך צאָהל דאָך אײַך מיט גוטע געלד פֿאַר די איבעריגע דרײַ שעה. איך צאָהל אײַך נאָך אפשר מעהר, ווי דאָס איז ווערט. ס'איז מעהר נישט, ווײַל איך מוז די בעשטעלונג צום טערמין מאַכען, און אידר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט.

1-טער אַרבײַטער: מיר האָבען צוגעזאָגט אויף 8 טאָג אָדער 10 טאָג, און עס איז דאָך שוין באַלד צוויי וואָכען.

דער בעל-הבית (אומגעדולדיג): איך בעט דאָך אָבער דאָס ניט אַ מצוה מיט מיר פֿערדיענען. אידר בעקומט דאָך, דאַכט זיך, וועדר גוט בעצאָהלט.

1-טער אַרבײַטער (קוקט אויף זײַן מאַשינען-אוהר): אז מיר בעגינענען זיך אָבער מיט דעם 10-שעהדיגען אַרבײַטס-טאָג אַליין, מיר ווילען קיין גבירים נישט ווערען.

2-טער אַרבײַטער (צוקלאַפּענדיג עטליכע מאָל מיט'ן האַמער און לאָזענדיג די האַנד מיט'ן האַמער שטעהן אויפ'ן טיש, גלײַכט זיך אויס מיט'ן גאַנצען קערפּער פֿאָראויס): מיר האָבען געשטרײַקט פֿאַר אַ 10-שעהדיגען אַרבײַטס-טאָג, און איצטער אַרבײַ-

טען מיר צוריק די 13 שעה ווי געווען! מיר ווילען נישט די פער־דיענסטען, און בעסער מיט דריי שעה פריהער אויסגלייכען אַ ביסעל דעם רוקען.

דער בעל־הבית (אויך אויסגלייכענדיג זיך אַ ביסעל): ווי, איהר מיינט עס ערנסט?

1־טער אַרבייטער: כ'מיין, וואָס רעכענט איהר, מיר מאַכען שפּאַס? אָט באַלד וועט זיין 8 אַ זייגער, וועט איהר זעהן, אַז מיר וועלען אַוועקלעגען די אַרבייט.

דער בעל־הבית: אָבער איך מוז דאָך צום טערמין האָבען די בעשטעלונג, און איהר האָט דאָך איינגעשטימט.

1־טער אַרבייטער (עטוואָס אויפגערעגט): איהר האָט געבעטען אויף 8 טאָג און מיר האָבען געאַרבייט באַלד צוויי וואָכען. אויב עס איז אייך אַזוי עקסטרא, טאָ נעהמט צו נאָך אַ דריטען אַרבייטער!

דער בעל־הבית: מיין גאָט, מען גיט מענשען צו פערדיענען אַנ'איבעריגען קערבעל, און מען זאָל זיך נאָך דאַרפען איינבעטען! איהר זענט נאָך, אַ פּנים, פּאַרט קינדער, ווי מיין ווייב זאָגט. אָט כ'לעבען, מאַכט זיך נישט נאַריש און אַרבייט ווייטער, און אַז מען וועט קאָנציגען די פערלענגערטע בעשטעלונגען (אַלץ צוליעב אייער שטרייק), וועט איהר אייך קאָנען, אויב איהר וועט אייך ווען, אַוועקגעהן 8 אַ זייגער.

1־טער אַרבייטער (איראָניש): אויב מיר וועלען נאָך וועלען?

2־טער אַרבייטער (נישט אַראָפּנעהמענדיג די אויגען פון דער אַרבייט): גאָט ווייס, ווען די בעשטעלונג קאָן פאַרטיג ווערען.

דער בעל־הבית: בנאמנות, נאָך 8—10 טאָג, איך דאַרף נאָר ביז 3 טויזענד פּאָר, און אפילו, אַז חס וחלילה, נאָך עטליכע טעג, איז וואָס איז דאָס אַזוי די סכנה?

1־טער אַרבייטער (פּעסט): האָב איך דאָך געזאָגט: נעהמט צו אויף דער צייט אַ דריטען מענשען. אויב איהר ווילט, איז איצטער געקומען אום גראָדע לעדיג אברהם־יצחק'ס אַ מענש.

דער בעל-הבית (פערליערענדיג א ביסעל זיין געדולד): די רעכענונג ווייס איך אליין, איך דארף נישט קיין עצות.

2-טער ארבייטער: און אז מיר וועלען ענדיגען די בעשטעלונג, וואס וועט נאכדעם זיין?

דער בעל-הבית: וואס דארפען מיר רעדען, וואס נאכדעם וועט זיין, דערווייל קאנצעט מיר די בעשטעלונג...

1-טער ארבייטער (שמייכעלט און נעהמט ארויס פון ושילעט-קעשענע זיין זייגער און קוקט אויף איהם): אט באלד איז שוין 8 א זייגער, אפשר איז נאך געבליבען א פאר מינוט.

1-טער לעהר-יונגעל (פון מאשין): אין דער הויך, האב איך געהערט, האט שוין געשלאגען דער זייגער.

דער בעל-הבית (ווייזט אויסגערעגט אויף דעם 1-טען לעהר-יונגעל): נו, ווי געפעלט אייך דער העלד? ער איז מיר אויך דא, אויך, מ'שטיינם געזאגט, א מענש!

1-טער לעהר-יונגעל (ענטפערט נישט, נאר הייבט אן קלאפען שטארקער מיט דער מאשין).

1-טער ארבייטער: ס'קאן זיין, מיין זייגער קריכט טאקי אין עטליכע מינוט. אלזא, קינדער, אוועקגעלעגט זאל ווערען די ארבייט!

(אלע לעגען אוועק די ארבייט און גלייכען זיך אויס א ביסעל).

דער בעל-הבית (פערליערענדיג זיך, געהט צו הארט צו'ם 1-טען ארבייטער): ווי, איהר ווילט טאקי מאכען א סקאנדאל?

1-טער ארבייטער (ענטפערט נישט און נעהמט געהן צו'ם ווינקעל, וואו עס הענגען זייערע בגדים).

דער בעל-הבית (פערשטעלט איהם ניך דעם וועג): געהט ניט אוועק, זאג איך אייך, געהט ניט אוועק, בעט איך אייך מיט גוטען, איך זאג דאס פאר אייער טובה וועגען, פערליערט ניט אייער לעצטען שטיקעל ברויט!...

1-טער ארבייטער (אבשטעלענדיג זיך א ביסעל): מיר ווייסען, מיר ווייסען די טובה, עס איז שוין רעכט!

**דער בעל-הבית** (גלייכט זיך אויס מיט'ן גאַנצען קערפּער): מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלען, בעט איך אייך, צו גוטען וועט עס ניט ברענגען...

**1-טער אַרבייטער** (מיידט אויס שטיל דעם בעל-הבית און גערט ווייטער. דער 2-טער אַרבייטער און ביידע לעהר-יונגלעך גע-הען אויך צו צום ווינקעל).

**דער בעל-הבית** (ווערט שרעקליך אויסגערעגט. גיט זיך דאַס-טיג אַ קעדער צום ווינקעל און מיט אַנ'אויסגערעגטער שטי-מע קאָן ער קוים רעדען): הערט, וואָס איך זאָג אייך יאַסנע... נעהמט אידר איצטער אַוועק, טאָ זאָלט איהר מאָרגען שוין ניט קומען צו דער אַרבייט! איך דאַרף מעהר ניט האָבען קיינע אַר-בייטער; נעהמט יאַסנע, און אָט האָט איהר אייך!...

**1-טער אַרבייטער** (אַנטווערנדיג אויף זיך דעם מאַנטעל): אָט איז דער אֶמת, אָט האָבען מיר קלאָרע ווערטער!

**2-טער אַרבייטער**: איצטער ווייסען מיר האָטש, וואָס מיר האָ-בען צו טהון.

**דער בעל-הבית**: נו, טאַקי אַזוי. וועט איהר אפשר ניט סאָגלאַסנע?

**1-טער לעהר-יונגעל** (גיך, ניט גאָר הויך): אַ ודאי סאָ-גלאַסנע — ס'איז דאָך „יאַסנע"!

**דער בעל-הבית** (הערדערענדיג די ווערטער, ווערט שרעקליך אויסגערעגט און גיט זיך האַסטיג אַ לאָז צום 1-טען לעהר-יונגעל, וועלכער טרעט אָב): אַ, דו שנעק איינער! דו ווערסט מיר איך האָבען אַ העזה!... איך וועל דיר... (די אַרבייטער ביידע פאַר-שטעלען דעם 1-טען לעהר-יונגעל מיט זיך).

**1-טער אַרבייטער** (אָננעהמענדיג אַנ'אויסדרוקסס-פּאַזע): איהר זאָלט ניט וואַגען אַ האַנד אַרויפצולעגען!..

(עס עפענט זיך האַסטיג די טהיר און דעם בעל-הבית'ס פרוי קומט אַריין. ניט פערשטעהענדיג, וואָס דאָ קומט פאָר, בלייבט זי שטעהן פערוואונדערט ביים טהיר).

**די פרוי** (ווען די אַרבייטער נעהמען געהן צום טהיר אַרויסצו-

געהן): וואָס איז דאָ געשעהן, האַ! וואָס איז שוין דאָ פאַר אַ מעשה?

**דער בעל-הבית** (קומענדיג עטוואָס צו זיך): זיי געהען אַוועק 8 דעם זייגער אַ היים!...

**די פרוי** (ווען די אַרבייטער מיט די לעדער-יונגלעך זענען שוין נאָהענט ביי'ם טהיר, שפּאַרט זיך אָן פלוצלונג שטייף צו'ם טהיר, מיט ביידע הענד נעהמט זי זיך אָן ביי ביידע אײשאַקעס פון טהיר, און מיט אַ הויכער, ענערגישער שטימע פּאַנגט זי אָן, צוטופּענדיג אפילו מיט'ן פוס): איהר וועט נישט אַוועקגעהן, זאָג איך! סיידען איהר וועט מיך דאָ איפּ'ן אָרט אַוועקלעגען אַ טויטע!... פאַר אונזער ביטערער, בלוטיגער פּראַצע ווילט איהר הו-ליען! וועניג טרינקט איהר נאָך אונזער בלוט? נישטאָ! איהר וועט נישט אַוועקגעהן, איך וועל דאָ אַ כפּרה ווערען, און איהר וועט נישט אַוועקגעהן 8 אַ זייגער!... (אַלע פערליערען זיך גלייך פון אַזאַ אונערוואַרטעטען אַרויסטריט, נאָר באַלד שיסען די אַרבייטער אוים מיט אַ הויכען געלעכטער).

**1-טער אַרבייטער** (לאַכט): הי, איהר ווילט אונז גאָר אַרעס-טירען דאָ? (געדט צו נאָהענט צו דער פרוי) זייט דאָך נישט משוגע און געדט אָב פון טהיר.

**די פרוי** (אין דער פריהערדיגער פּאָזע): איהר וועט נישט אַוועק-געהן, זאָג איך! נו, פּראָבירט אַרויפלעגען אַ האַנד אָפשר אויף אַ שוואַכע פרוי, נו, שלאָגט מיר! (גיט זיך פלוצלונג אַ קעהר צו'ם מאַן) נו, וואָס שטעהסט דו, גולם איינער! וואָס איז דאָ געוועזען?..

**דער בעל-הבית** (נאָך אַלץ אַ ביסעל פערלאָרען): אָבער איך דאַרף גאָר קיין אַרבייטער איצטער נישט. זאָלען זיי געהן, און אָבער שוין מעהר נישט קומען צו דער אַרבייט.

**די פרוי** (ווענדט זיך צו די אַרבייטער, נישט נעהמענדיג אין אַכט דעם מאַנ'ס ווערטער): איהר וועט נישט אַוועקגעהן, זאָג איך!

**1-טער אַרבייטער** (אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד, צו'ם 2-טען אַרבייטער): נו, דאָס איז אַ ביסעל אַנ'אָרורה!? זאָל די שטעהן ביי'ם טהיר. דו האָסט דאָך, דאַכט מיר, ביי זיך קאַרל

מאַרקס'ס בראָשורע „לוינאַרבייט און קאַפּיטאַל״? וויז אַהער, וועַ-לען מיר לייענען. (אַלע געהען צו צום ערשטען טיש. ביידע אַר-בייטער אין די מאַנטלען זעצען זיך אַרום עק טיש. די לעדער-יונגלעך שפּאַרען זיך אָן שטעהענדיג ביים טיש, און דער 2-טער אַרביי-טער נעהמט אַרויס אַ דינע בראָשורקע, גיט זי איבער דעם 1-טען אַרבייטער.

**דער פאָרהאַנג פאַלט און לאַנגזאַם זיך אַרויפצולאָזען.**

**1-טער אַרבייטער** (בלעטערט אויף אין ביכעל און פאַנגט אָן רוהיג צו לעזען. די פרוי און דער בעל-הבית שטעהען אין די זעלבע זייערע פּאָזעס).

**1-טער אַרבייטער** (לעזט): „וואָס איז אַזוינס אַרבייטס-לוין, און ווי אַזוי ווערט ער בעשטימט? אויב מען זאָל פרעגען אַ אַרבייטער, ווי גרויס איז דיין...

**דער פאָרהאַנג פאַלט אַינגאַנצען.**

יצחק קאַצענעלזאָהן.

# בּחורים

קאָמעֶדיִע
1 אקט.

# פערזאנען:

הימעלשטיין. פּערקויפער

בעפּקין. לעהרער

דראבקין. רייזענדער.

פריוועס. לאנעריסט אין אגרויסער פירמא,

עפּשטיין. לעהרער

גאלדבערג. פאבריצירט פאר-זיך.

גרינשפאן פּערקויפער, הימעלשטיינ׳ם א חבר,

(ארט: לאדז. צייט: יעצט, ענדע ווינטער).

# די סצענע.

א וואהנונג פון „חאלאסטיאקעס״. אין דער לינקער וואנד פון צושויער א טהיר אין א צווייטען צימער. אין דער הינטערגרונד-וואנד לינקס א גאס-טהיר. אין דער לינקער וואנד נאהנט צו דער וואנסצענע אנ׳אפענער פענסטער אין גאס ארויס. דריי אייזערנע בעטלעך, פערבעטע, איינע לינקס ביים פענסטער, דאס צווייטע ביים וואנד געגענאיבער דעם סופלער, איבער דעם בעטיל א תפלין-זעקעל. דאס דריטע בעטעל אין דער רעכטער וואנד, צו דער אוואנסצענע צו. פון אונטער די בעטלעך קוקען ארויס טשעמאדאנעס, געפלאכטענע קערבלעך. אין מיט׳ן צימער א טיש׳על מיט שטוהלען. נעבען דער טהיר פון צווייטען צימער, אין ווינקעל — א הענגער מיט זאכען. אין צווייטען ווינקעל ביי דער גאס-טהיר א קליין שענקיל אויף וועלכען עס שטעהען גלעזער מיט טעצלעך, מיט א פרימוס-מאשינקע. דאס צימער איז ניט איבעריג צוגעקליבען און האט א בחור׳שען אויסזעהן.

אלט אזויגער פארנאכט.

# ערשטע סצענע.

---

הימעלשטיין (ליעגט אהן א מינארקע אויף זיין בעטיל, לינקס, דער קאפ איינגעגורעט אין קישען).

בעסקין (געהט ארום הין און צוריק איבער׳ן צימער. נאך יעדען טראט שרייען די שיך אונטער. חאפט זיך פלוצלונג פאר׳ן קאפ, רעדט פאר זיך, מיט וואונדער). גוואלד, גוואלד, גוואלד!... צו זיי וויסען ניט, צו זיי מאכען זיך ניט וויסען!?

הימעלשטיין (הויבט אויף דעם קאפ פון בעט, קוקט איהם ביזן אן — גראבט טיעפער איין דעם קאפ אין קישען).

בעסקין (בלייבט שטעהן פערטראכט, מיט א שמייכעל אויף די ליפען. שיסט אויס מיט א געלעכטער). חא-חא-חא! פאלעסטינע — ניש-טעהר ווי א טראדיציע!

הימעלשטיין (אויפהויבנדיג דעם קאָפּ פון קישען). אפשר וועט איהר פערמאַכען דאָס מויל, איהר, ארץ-ישראל-יוד?

בעסקין. אַה, איהר שלאָפט גאָר?

הימעלשטיין (קרימט איהם נאָך). איהר שלאָפט גאָר! נעהמט ערום און טענה'ט צו זיך אליין...

בעסקין. נו שאַ, שאַ...

הימעלשטיין (גראָבט ארײַן דעם קאָפּ אין קישען).

בעסקין) קוקט אויף איהם, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און נעהמט ווײַטער ערומגעהן סקריפּענדיג.

הימעלשטיין (הויבט אויף דעם קאָפּ אין כעס). טאָמער וועט איהר אַמאָהל אויפהערען צו שפּרייזען?

בעסקין. הימעלשטיין, איהר ערלויבט אײַך צופיעל —

הימעלשטיין (שרייט). איהר זאָלט ניט שפּרייזען!

בעסקין (מיט פערדרוס און וואונדער). וואָס איז?

הימעלשטיין. איהר זאָלט ניט שפּרייזען זאָג איך אײַך!

בעסקין און אַז יאָ? (געהט ערום פערביסען).

הימעלשטיין. די פיס וועל איך אײַך אויסדרעהען; איהר זאָלט מיך לאָזען שלאָפען! (לייגט זיך אנידער, עפען די אויגען פער כעס. פויזע).

בעסקין (ארומגעהענדיג). נ-נע, נ-נע!...

הימעלשטיין (קוקט איהם נאָך בייז). ער וועט שוין בײַ מיר מאָרגען קײן גאַנצע קאַמאַשען ניט האָבען...

בעסקין. וואָס רעכענט איהר דען טהון?

הימעלשטיין. צעשניידען! זאָל איך שוין אַזוי לעבען ווי איך צעשנײַד זיי!

בעסקין (קוקט איהם אָן, שאָקעלט אויפ'ן מיט'ן קאָפּ). איידעל אויסגעזאָגט! נאָר איידעל... פי!...

הימעלשטיין. צו אַל'די-שוואַרץ-יאָהר! מ'סקריפּעט ניט אַזוי ווען דער צווייטער שלאָפט! איך וועל אײַך צוריק טראַנספּאָרטירען אַהין אין צימער, צו דראַבקינען... (ציעהט מיט די אַקסלען) נו, האָב איך עם אָנגעקראָגען פּירות: יענעם דאָרט (ווײַזט מיט'ן פינגער צו דעם צווייטען בעטיל, אין חנגטערגרגר) מיט'ן תפלין-זעקעלע, און די — דאָ!

בּעסקין. וואָס ווילט איהר האָבּען? אַ זינגער זיבּען פאַר-נאַכט, אַנהויבּ אָבּענד!

הימעלשטיין (קריכט איהם נאָך). אַ זינגער זיבּען פאַר-נאַכט! — און אין מיט'ן נאַכט אַז עס פערגלוסט זיך אייך מיט'ן שותּף אייער'ן אַ שמועס פערפיהרען — האַלט איהר זיך איין!! (צינדט זיך אָן מיט אַ פרישען כּעס) נאָך אַמאָל אַז איהר וועט מיך אויפוועקען מיט אייערע ווילדע קולות: פּאַלעסטינאַ! פּאַלעסטינאַ! און דער טייוועל ווייס אייך וואָס פאַר אַ נאָך מלמדי'שע שטיק — מאַך איך אַ סקאַנדאַל! אין ארץ-ישראל, צו אַל'די-שוואַרץ יאָהר!!

בּעסקין. און אַז איהר קומט ס'רוב נעכט אַ זינגער צוויי-דריי אייך אום? און אַז איהר בּרענגט אַהער צו שלעפען — ווייס איך וועמען...

הימעלשטיין (פאַלט איהם אַריין אין די רייד, שטרענג). ניט אייער דאגה ווען איך קום און וועמען איך בּרענג אַהער — איהר ווילט ניט קוקען — לייגט אייך מיט'ן פּנים צום וואַנד און שטומט...

בּעסקין. איך טהו אַזוי.

הימעלשטיין. און דעם שותּף אייער'ן מעגט איהר אָנזאָגען ער זאָל זיך מעהר ניט דערוועגען צו קומען אַהער שלאָפען; טאָ-מער קומט ער, чертъ его дери — זאָל ער שווייגען ווי אַ קאַטיק!—

בּעסקין. איהר רעדט מיט מיר עפּעס אויס אַזוינע מאָדנע ואַכען?...

הימעלשטיין. איך רעד אויס! און טאָמער זאָגט איהר איהם ניט, וועל איך איהם ווייזען וואו די טהיר איז!...

בּעסקין. ס'אַר'אַ טאָן... (ציעהט מיט די אַקסעל)

הימעלשטיין. אַזוי רייד איך! — — — און איהר מעגט זיך אויף ווייטער אויך אַבּיסעל איינהאַלטען... איהר זייט ניט קראַנק צו וויסען אַז נעכטען איז געווען אַ מאַסקען-בּאַל — און איך דאַרף יעדט שלאָפען!

בּעסקין. אַט אַזוי רעדט... (אַבּיסעל נייגעריג) איהר זענט געווען אויף אַ מאַסקען-בּאַל —

הימעלשטיין. געוועזען, געוועזען — און דולט מיר ניט דעם קאָפּ! (דרעהט זיך אויס צום וואַנד).

בּעסקין. אַזוי רעדט! (גיעהט אויף די שפּיץ פינגער, נעהמט אַראָפּ פון הענגער זיין נעמער מאַנטעל, הוט און, שטעקעל און, גיעהט אַרויס פון גאַס-טהיר).

# צווייטע סצענע.

דראַבקין (קומט אַריין אונטערזינגענדיג). האָר'ז מאַרישקאַ! האָר'ז מאַרישקאַ! האָר'ז! (טהוט אויס דעם אויבערמאַנטעל מיט'ן רעקעל, געהט אַריין אין ציטער רעכטס).

הימעלשטיין (ניט אַ קרעכטץ צום וואַנד). געמיינע ברואים...

דראַבקין (קומט אַריין מיט אַ שוואַרצען פראַק אין האַנד, פוצענדיג איהם מיט'ן בערשטיל). שטאַרב פאַר אַ פיאַטאַק — נאָר האָב אַ פראַק! (זינגט אונטער צום טאַקט) האָר'ז מאַרישקאַ! האָר'ז מאַרישקאַ! האָר'ז!— הימעלשטיין!

הימעלשטיין (מיט'ן פנים צום וואַנד). טראָג זיך דראַבקין — איך חלש שלאָפען...

דראַבקין (לייגט אַוועק דעם פראַק מיט'ן בערשטיל, בייגט זיך איין גגבה'ס צום בעטיל איבער וועלכען ס'הענגט דאָס תפלין-זעקעלע, ציעט אַ פויער אַ טשעמאָדאַן, פרובט איהם עפענען). אַ געמיינער יונג, פערשלאָסען האָט ער זיי גאָר... (רוקט עס אַרונטער, געהט צו, צו הימעלשטיינען גיעט איהם אַ קאַפיע מיט דער קניע אין פלייצע) וואָס פאַר אַ שלאָפען אויף דיין קאָפּ!

הימעלשטיין (בייז). דו געהסט אַוועק —!

דראַבקין. נעכטען אויף אַ מאַסקאַראַד — היינט מיער און מאַט —, (גיעט איהם אַ צווייטען שטויס מיט'ן פוס) נו, שטעה שוין, שטעה אויף!

הימעלשטיין (דרעהט זיך אום אין בעס). דראַבקין!

דראַבקין. ביסט אַרויב פון זינען —! צו דו מיינסט טאַקי אויף אַ רעכטען אמת אָבשלאָפען דעם גאַנצען אָוועגר? פיני-טיני-גיני טרעט אַרויס דאָס לעצטע מאָהל (שפרינגט אונטער מיט אַ פיסעל, מאַכט עוויות מיט די הענד, פערקרימענדיג זיס די געזיכטסציגע) האָפליאַ — האָפליאַ — האָפּ! אַפּאָלאָ — וועט זיך מעגען פערמאַכען נאָך איהר אוועקפאָהרען.

הימעלשטיין. צו אַל'די-שוואַרץ-יאָהר! איך האָב שוין גע-האַט געשלאָפען,— וואו קלייבסטו זיך מיט'ן פראַק?

דראַבקין (אתן חשק) מיט'ן פראַק, פערשטעהסט מיך, מיט'ן פראַק... (טהוט איהם אָן).

הימעלשטיין. וואס שטאמעלסטו, פארך איינער, מיינסט איך ווייס ניט —

דראבקין (שטעלט זיך צו איהם ביי'ם בעטעל מיט'ן פלייצע). רייד ניט קיין סך, ביסט ניט איבריג קלוג... (שטופט איהם די בארשט אין האנד).

הימעלשטיין (שטופט איהם אב). וואן!

דראבקין (טרעט הינטער וועלעכטס צוריק). זיי ניט קיין חזיר, פוטץ אב!

הימעלשטיין (מאכט'ן צורעכט). עפעס א רעכטע מאמועל?

דראבקין. פערשטעהסטו מיר, מ'האט מיך חושד געווען אז איך האב קיין פראק ניט—

הימעלשטיין. וואס הייסט?

דראבקין. ווי רופט מען איהם דארט, דעם אלטען מיט די פערטאפאקטע וואנסען, דאברוזעסקי, זשעסקי! כ'ווארט מיך אב פאר'ן געשעפט... בע-מע... דערצעהלט מיר א מגילה: שען, פיין, געלד... פערשטעהסטו מיך — אלא, די כלה קווענקעלט — (דרעהט זיך צו איהם אויס) פון היינט מאהל אן בעוויזו איך מיך ניט אויף די מינדעסטע וועטשערינקע אהן א פראק —

הימעלשטיין (האפט זיך אויף). הא?

דראבקין. וואס דו הערסט; דער עולם היינט, האלט קאפ און געדענקט.

הימעלשטיין. פערטייטש, פערטייטש!

דראבקין. געדענקסט, ביי ליפינסקען — כ'האב ארומגעירט אינ'ם קורצען רעקיל, אינ'ם בלאהען שניצעל?

הימעלשטיין. נו?

דראבקין. נו — נו... געהט ער מיר נאך דער אלטער, דאברועווסקי, זשעווסקי!... ווייס איך דארטען... געהט מיר נאך, וויל מיר עפעס זאגען... בע-מע, געהט היינט אריין אהין... אפיציאלנע, אפיציאלנע... ס'איז אריך, אנשטענדיג הויז. בע-מע — שטעל איך איהם אב און פרעג'ן: וואס ס'אי דען? זאגט ארויס! רוימט ער מיר איין אין אויער וועגען א פראק.

הימעלשטיין. וואס הייסט, צו דו האסט א פראק?

דראבקין. פערשטעהסטו מיך, די מאמועל דארט מיינט

אז איך האָב ניט קיין פראַק אָנצוטהון. און גערה אויף „וועטשעריני־קעס" אין מיריגאַרקע...

הימעלשטיין. חאַפּט זיי דער וואַטענמאַכער!

דראַבקין. אַ נייע צָרָה פערשטעהסטו מיך, זיי געהען איך אויף וועטשערינקעס, די כלה־מוידען! (געהט צום הענגער, טהוט אָן דעם אויבערמאַנטעל).

הימעלשטיין (מיט אַ חאַלבען שמייכעל). מוזט זיך טאַקי אַביסעל צוהיטען, דראַבקין; אין אַנדערע על־חטא'ן וואָלט איך ניט געשאַרט — אַז אַלע וואָך געהסטו אָנקוקען אַן'אַנדערע, האָסט קיין מזל ניט!

דראַבקין. מ־מאַ, איז לא פּ.דאַלתּי! פון וואָיאַזש קען מען איך אַראָב־ברענגען אַ כלה מיט געלד... דו אָבער, שלאָף, און צעברעך דיר ניט דעם קאָפּ וועגען מיר... (געהט אַרויס זינגענדיג) האָר'ז מאַרישקאַ! חאָר'ז מאַרישקאַ! חאָר'ז! (אַב)

## דריטע סצענע.

פּריווּעס (אַן'אַלטמאָדישער יאָהריגער בחור קומט פון גאַס מיט אַ פּאַסילקע אונטער'ן אָרעם, לעגט עס אויפ'ן בעט. ווּלט אין די קעשענעס...) איך האָב נאָך פון יענע פּוטערקיכלעך און קריגע יעצט צוגעשיקט אַ פרישע פּאַסילקע. הימעלשטיין, אַ מעסער'ל איז דאָ ביי אייך? (געהט צו צו הימעלשטיינען).

הימעלשטיין (מיט פערמאַכטע אויגען, צווישען די ציין). Проваливай!

פּריווּעס (פאַר זיך). משה גרויס!... (ציעהט אַרויס פון טשעמאַדאַן, שליעסט איהם אויף, זעצט זיך אויפ'ן בעט און ציעהט פון טשעמאַדאַן די פּוטערקיכלעך און עסט זיי איינציגווייז, טשאַמקענדיג מיט'ן מויל. לאַנגע פויזע).

## פיערטע סצענע.

עפּשטיין (קומט פון גאַס מיט אַ טאַש ביינעל, לייגט עס אויפ'ן טיש, רייבט אַ האַנד אין אַ האַנד). ניטאָ נאָך בעסקין!

פּריווּעס. איך קום יעצט פון גאַס... נעהמט אַז איהר ווילט אַ פּוטערקיכל.

עפּשטיין. אַ דאַנק.

פריוועס. איהר מוזט אודאי מיינען אז זיי זענען טוכלע ווי די פאר'אכט'טאגעדיגע. ניין, ניין, נעהמט אייך טשיקאוועס איינס! (דערלאנג איהם א קיכל).

עפשטיין. א דאנק! אט וואס איך האב געבראכט! (שיט אויס פון טוט די בייגעל).

פריוועס. טרוקענע בייגעל...

עפשטיין (גיט א פאטש מיט די הענד). ס'וואלט נאר געווען א גלעזעלע וואַרעמ'ס!

הימעלשטיין. (חאפט זיך אויף פון פאטש אין די הענד). א רוח אין אייער טאטענס-טאטענס-טאטען אריין, מלמד איינער!

עפשטיין (דערשראקען אביסל, שמייכעלט קוים). או-או-ו, א דריי גארענדיגער!

הימעלשטיין. ! Молчать (הויבט זיך אויף צו איהם מיט קולאקעס נעהמט איהם אן פאר די קלאפעס). אט אזוי חאפ איך אייך פאר'ן תאחאל און, ווארף אייך דורך; וואס א מאסקאראַר איז, ווייסט איהר?

עפשטיין (אביסל דערשראקען). איך ווייס אביסל...

הימעלשטיין. אזא יאהר אייך וואס פאר א מאסקע איך האב געהאט! די גאנצע נאכט בין איך אבער אויף די פיס געווען און עטליכע „דרייערלעך" איבערגעפיהרט, הונגר איינער!

עפשטיין. לאזט אב די לאטצען, פאני הימעלשטיין...

הימעלשטיין (לאזט איהם אב) איהר זאלט אבער שטימען! איהר קומט צום אידיאט איבערנעכטיגען – שלאפט, האב אייך א קארעק! שטומען זאלט איהר אבער... (לייגט זיך צוריק אויפ'ן בעט) מיט אנ'אויג צוטהון לאזען זיי ניט... (בעפעהלט) זיצט און קייט בייגעל – טשאמקעט אבער ניט ווי יענע חיה דארט... (ווייזט אויף פריוועסען).

פריוועס. וואס לאמפעט ער דארט, פאפט אז איהר פאפט!

עפשטיין. (אביסל צעשראקען, מאכט פריוועסען א צייכען מיט'ן פינגער אין מויל). לאזט שוין, לאזט שוין!

פריוועס. א קנאפער פריץ ביי מיר! (הויבט זיך אויף, טרייסעלט אב די ברעקליך) איך האב שוין געזעהן אזעלכע...

עפשטיין (פערבייסט א פינגער ער זאל שווייגען).

פריוועס. פא! פא! האסט געזעהן א בלאזעניש! מ'קען מיינען – כ'הע...! (קורצע פויזע) איהר האט דאכט זיך געוואלט

טהוּ?... אַט צינד איך אָן די מאַשינקע און שטעל אַרויף דעם טשאַינִיק (נעהמט אַראָב פונ'ם שענקעל די מאַשינקע מיט'ן טשאַיניק אויפ'ן טיש), ביז ס'וועט אויפקאָכען, חאַפ איך אַריין אַ „מעריב". (גיעסט אַריין וואַסער פון אַ קוביל אין טשאַיניק, דאַווענדיג) וְהוּא רַחוּם יְכַפֵּר עָוֹן — (א. ז. וו. מורמעלט גאַנץ הויך, ושׁינירט זיך גיט, הויבט ערטער ווי הע־כער אויף דאָס קול און זאָגט שאַרף אַרויס די ענדע פסוקים, אַרבייט דערונטער מיט דער מ־שינקע, גיסט אַריין בענזין, רייניגט די לעפלעך).

הימעלשטיין (ציטערט אויף פאַר כעס, פלאַצט אַרויס). טאָמער הערט איהר שוין אויף צו מאַהלען, איהר פרומאַק איינער!

פריוועס (דאַווענדיג). ה' אֱלֹהֵיכֶם אֱמֶת! — איהר קענט ניט הערען מיין מעריב דאַווענען — פערשטאָפט אייך די אויער'ן — אֱמֶת וֶאֱמוּנָה (מורמ לט וויטער).

הימעלשטיין. די ציין וועל איך אייך אויסהאַקען —

פריוועס. הָעוֹשֶׂה גְדוֹלוֹת עַד אֵין חֵקֶר נִסִּים וְנִפְלָאוֹת עַד אֵין מִסְפָּר! און איך, מיינט איהר, וואָס וועל טהון? הַשָּׂם נַפְשֵׁנוּ בַּחַיִּים (מורמעלט וויטער).

הימעלשטיין, Сволочь!

פריוועס. (ביזז שנעל). הַמַּעֲבִיר בָּנָיו בֵּין גִּזְרֵי יַם־סוּף — — — (עפשטיינען), אַ פנים, ס'פערדריסט איהם! וּמַלְכוּתוֹ בְּרָצוֹן קִבְּלוּ — — וְאָמְרוּ כֻלָּם — ווי איהר קוקט איהם אָן איז עס אַ נראָבער יונג ווייס ווייס ניט מאַי דְקָאָמְרֵי רַבִּיצִין; וועגען אייך רייד איך ניט — איהר קלערט אַביסל אַריין, עפעס רעדט איהר עפטערס מיט בעסקינען וועגען אַזעלכע ענינים... וואָס דאַרפט איהר מעהר: ביי אונז אין שטעדטעל איז דאָ איינער אַ פריי ער, וועמען מ'קען ניט פערענקען... ספינאָזע'ן געלעזען פושקין'ס סטיחאָטוואָרעניעס געלערנט... מ־מאַ! מִי כָמוֹכָה בָּאֵלִים ה' — — — זֶה אֵלִי עָנוּ וְאָמְרוּ! (דאַווענט) גָּאַל יִשְׂרָאֵל! די לייט קומען אַראָב אַהער — פראָסטאַקעס! מ'ווייס, מ'־ווייס ווער זיי זענען פון דער היים! אויף קרויט און זיסע אוגער־קעס אויפגעהאָדעוועט. אַ האַלבע הערינג אויף וועטשערע איז געווען אַ נאָווינע... קומט כיין אַראָב אַ הער איז ס'ערשטע: מען הערט גוים! אַט אין וואָס די גאַנצע חכמה בעשטעהט — הַשְׁכִּיבֵנוּ (דאַווענט שטיל).

עפשטיין (שטיל). לאָזט'ן שוין שלאָפען, לאָזט'ן, לאָזט'ן... (נעהמט זיך צו די בייגעל).

**פריוועס.** שומר עמו ישראל לעד – ביי מיר איז לאו דווקא! סדנא דארעא חד הוא: חאנדריקעווע, פעטערבורג, ווארשא – איז אלץ איינ'ס... אומעטום דארף מען דאוונען (ענדיגט מיט א ק'אפ אין טיש).

**הימעלשטיין.** Ей Богу פריוועס, איהר קריגט מיט'ן קא־מאש אין קאפ!..

**פריוועס.** עי, איהר וועט עס ניט טהון... ס'געדענקט זיך אייך אוודאי נאך דאס אמאהליגע תפלין־זעקעלע...

**עפשטיין** (געהמט [פאר'ן] האנד). לאזט שוין אב, לאזט שוין אב!..

**פריוועס.** איהר ווייסט ניט וואס ס'איז געוועזן: בעסקין לאזט זיך קריכען אויפ'ן קאפ – איך האב עם פיינד! כ'טשעפע דיך ניט, טשעפע מיך ניט... און א סוף! איך וויל דאוונען! איך וויל אויפהענגען דאס תפלין־זעקעלע דוקא איבער מיין בעט! קיינער קען עס מיר ניט פארוועהרען – איך צאהל אב מיין דירה־געלד פריהער פאר איהם... שעמסט זיך – געה אין דר'ערד!

**הימעלשטיין** (שפייט). טפו זאל עס ווערען! (גראבט זיך אין אין קישען).

**פריוועס.** איך בין שוין אזא מענש – איך ווער ניט אנדערש! חאנדריקעווע, פעטערבורג, ווארשא אומעטום, וואו איך זאל ניט זיין – דאוונען איך! (דאוונט פאר זיך, פאמפענדיג די פרימוס־מאשינקע. די מאשינקע צעברענט זיך מיט א גערויש) איהר זעהט ס'ברענט שוין! (שמעלט ארויף, דאוונענדיג, דעם טשאייניק).

**עפשטיין** (גאנץ שטיל אויפהויבענדיג זיך און חאפענדיג א קוק אין טשייניק). איהר האט האמש אנגעגאסען פול?...

**פריוועס** (דאוונענדיג). אומהו... (פויזע) ס'עט סטייען... יעצט שטעל איך מיך שמונה־עשרה, און איידער וואס – ווען – האבען מיר טהע! (שטעלט זיך שמונה־עשרה. פויזע).

**הימעלשטיין** (ווארט אב א ווייל. חאפט זיך ראפטום אראב פון בעט און לעשט די מאשינקע). די מאשינקע! דאס וועט מיר נאך דרילעווען דעם קאפ – א פו! א פו! (לעשט אויס און לייגט זיך צוריק פאר־זיך לחכעיס'דיג) טהע וועט ער ביי מיר טרינקען... טהע! טהע!...

**פריוועס** (שטעהענדיג שמונה־עשרה, מאכט מיט די הענד צו עפשטיינען. ווייזט איהם ער זאל אנציגדען די מאשינקע) נו — א! א! נו... נו!

**עפשטיין** (אין שרעק, מיט א פולען מויל בייגעל, שאקעלט מיט'ן קאפ אויף ניין).

**פריוועס** (וויזט איהם מיט די העגד ער זאל אנציגדען א וואפאלקע). א... או נו, נו!... אי!...

**עפשטיין** (טרייסעלט זיך אב). נו...

**פריוועס** (איילט זיך זעהר, חאפט דעם דאווגען, מ'זעהט ווי די ליפען בעוועגען זיך שנעל, שנעל. — לאנגע פויזע).

**הימעלשטיין** (לחכעיס'דיג). טהע... טהע – ועט ער ביי מיר טרינקען! טהע... טהע!...

**פריוועס** (ענדיגט שנעל, שפייט אויף גיך אויס, נעהמט אויס שמונה־עשרה, נעהמט שנעל צו צום טיש, רייבט אן א וואפאלקע און ציגדט ווידער אן די מאשינקע). זאל ער זיך נאר צו־ריהרען צו דער מאשינקע, האק איך איהם איבער די העגד!

**הימעלשטיין** (רויט פאר כעס). אידיאט איינער! איינער! איך בין דאך געוועזען אויף א מאסקען־באל!

**פריוועס.** בכן, איז וואס?

**הימעלשטיין** (בעט זיך האלב אין כעס, אויסציעהענדיג די ווערטער). וויל איך – שלא־א־פען, שלא־א־פען, אידיאט איינער! (די אויגען פאלען איהם צו).

## פינפטע סצענע.

**בעסקין** (קומט אריין פון נאם דערוועהענדיג עפשטיינען צעשטייגעלט זיך). אה, איהר זענט שוין דא?!

**עפשטיין** (פערבייסט א פינגער, ווייל ער זאל הויך ניט ריידען גאנץ שטיל). איך בין געוועזען דארט—

**בעסקין.** נו?

**עפשטיין.** אנגעטומען, אנגענומען!

**בעסקין.** נו?

**עפשטיין.** וואס נו? ניש'קשה פון אנ'אוראק.

**בעסקין.** ניין, כ'מיין, א הייסער נאציאנאליסט.

**עפשטיין.** אבער א נאציאנאליסט! וואס ער האט מיר אלץ אנגערעדט, אין דער האלבע שעה...

בעסקין (פארגעסט זיך, הויך מיט התפעלות). אזא רייכער מענש! מערקווירדיג... —

עפשטיין (האלט איהם אב, ווייזט אויף הימעלשטיינען) שא...

בעסקין (דערמאנט זיך) אה... קום גאר אריין צו דראבקינען אין צימער... (קוקט אריין אין טהיר פון צווייטען צימער) ער איז, דאכט זיך, נאך ניטא. (נעהמט עפשטיינען פאר'ן ארעם און געהט מיט איהם אריין רעכטס אין צווייטען צימער).

פריוועס (ביז דער משטניק קאכט אויף, מאכט ער זיך בעקוועם ביי'ם טיש, וואשט ריין א גלאז, געהמט ארויס פוטערקיכלעך און לייגט זיי אויפ'ן טיש).

## זעקסטע סצענע.

גאלדבערג (קומט פון גאס. פערטראכט שביסל, דעם הארטען קאפעליוש ארויפגערוקט, געהט צו צום טהיר פון צווייטען צימער, בלייבט שטעהן, טראכט נאך א ווייל, פרעגט פריוועסען). איז דארט ליכטיג?

פריוועס. דאכט זיך אז ניט.

גאלדבערג (געהט אריין אין צווייטען צימער, קומט אין א ווייל ארויס צוריק מיט א שטיק'ל שעוויאט. וויקעלט עס שביסל פונאנדער ביי'ם טיש. טאפט עס, קוקט עס דורך, גיט א קרעכ, און רעדט גלאט אזוי אין דער וועלט אריין). ווי זאגט איהר פריוועס? ס'איז גוט!...

פריוועס. איהר האט נאך דארט ליעגען אלע אכט שטיקלעך?

גאלדבערג (מעהר צו זיך). אכט — ווי די קלעצער —

פריוועס. אין שטאדט איז דא קונדען.

גאלדבערג (גיסט זיך גלייכגילטיג א קרים). ס'איז געוואכטס! (וויקעלט די סחורה צוזאמען) אט וואס עס קומט ארויס פון אזא פאבריצירען — איהר זעהט?

פריוועס. שעוויאטלעך.

גאלדבערג. יוקס, גוטער ברודער, און ס'ליעגט... ס'ליעגט... (לעגט אוועק די סחורה אן א זייט).

פריוועס. איהר זוכט א קאסעלע?

גאלדבערג. א=א! (געהט צו צום שלאפערינען הימעלשטיין, רוקט צו צו איהם א שטוהל, זעצט זיך, און קוקט א ווייל אויף זיין געזיכט בקשה...ג) הימעלשטיין? —

הימעלשטיין (האבענדיג די אויגען פערמאכט). לאז מיך גאָלדבערג, לאז מיך!

גאָלדבערג. גוטער ברודער! ארשינאָוו פון מאָסקווע איז היע —

הימעלשטיין (שלאָפענדיג). אומהו...

גאָלדבערג. ער איז געוועזען ביי איך —

הימעלשטיין (פון שלאף). געוועזען...

גאָלדבערג (קראצט זיך ביי דער פאה). ווי קלערסטו הימעלשטיין, ער וואָלט ביי מיר צוגענומען דאָס קרעמיל פאר איין קלאפ?

הימעלשטיין (פון שלאף). אויף א קורצען וועקסעלע — א קשיא...

גאָלדבערג. טלעפ איהם מאָרגען אריין, גוטער ברודער!

הימעלשטיין (פון שלאף, ציעהט דאָס וואָרט). גו-ו-ט...

גאָלדבערג (קוקט נאָך אביסל, בעטענדיג, אויף דאָס שלאָפענדיגע געזיכט). גוטער ברודער!

הימעלשטיין (ווי פריהער). גו-ו-ט...

גאָלדבערג (שטעהט אויף אביסל הייטערער, פערביינגעהענדיג, קלאפט לייכט פריוועסען אויף דער פלייצע). פערשטעהט איהר מיך — (הויבט אויף הויך דאָס שטיקעל סחורה, טראָגט עס צוריק אריין אין צווייטען צימער, קומט באלד ארויס צוריק אויפגעלעגט, קוקט אהן א שום מיין אויף פריוועסען) פערשטעהט איהר מיך! מלמדים ווייסען ניט אז סחורה צעקנייטשט זיך ווען מען זיצט אויף איהר... בא! איז נאָך איינערע ווערטער — וואו דאַרף מען זיך יעצט אהינטהון?! (זינגט ארויס) גיעב מיר דיין קוויטעלע — איך גיעב דיר מיין קייטעלע! — הערט נאָר פריוועס, וויפיעל שיקט מען איך יעדען חדש פון דער היים? (זינגט וויטער) גא דיר מיין בייטעלע —

פריוועס. דרייסיג רובעל איז מיר געגוג.

גאָלדבערג. (קריטש זיך). ע-ע-ע... און א לעב טהון? (זינגט) גיעב מיר דיין צייטעלע!...

פריוועס. דרייסיג רובעל איז מיר גענוג!

גאָלדבערג. ע-ע!.. פערשטעהט איהר מיך: אין אייערע יאָהרען האָט זיך שוין ביי מיר געוויזען א קליין פליעכעל — יעצט: (נעהמט אראָב דעם הארטען הוט און בויגט אראָב צו איהם דעם קאָהלען קאָפ) ווא!

פריוועס (קוקט אן דעם קאהלען קאפּ). גלאַט —

גאָלדבערג. גוטער ברודער, דאָס קומט אויך פון פאַברי־ צירען!

פריוועס. יוקס!

גאָלדבערג (סטראַשעט איהם לאַצעדיג מיט א פינגער). עי... מ'קאָן אייך שוין באַלד מיטנעהמען... אַ נו, קומט נאָר אַהער —

פריוועס. אַ סוד! (געהט צו איהם צו).

גאלדבערג (רוימט איהם איין וואָס עס איז אין אויער. פויזע), נו?

פריוועס (ווערט בלאַסלעך, ערוועקט... בעדענקט זיך). ניין... (געהט צום טיש צו, גיסט זיך אן א גלעזיל טהע; פעסט). ניין! (פערלעשט).

גאָלדבערג. (קוקט אויף איהם דעם גאַנצען מאָמענט ציניש שמייכעלדיג). טאַקי — ניין?... נו־נו!... (אַב אין גאַס.

פריוועס (זעצט זיך עסען, עסט און טרינקט טהע. פויזע).

## זיעבעטע סצענע.

גרינשפאַן (קומט אריין העפטיג פון גאַס, רויטלעך, די אויגען שפּילען). הימעלשטיין?! (דערזעהט איהם אויפ'ן בעט שלאָפענדיג). הימעלשטיין שלאָפט!...

פריוועס. ער שלאָפט דער פּריץ!

גרינשפאַן (חאַפּט איהם אן פאר'ן אקסעל) Вставай, ты чортъ!

פריוועס. ער וועט אייך באַלד מאַכען אַ „מי שברך"...

גרינשפאן. הימעלשטיין! (פריוועס'ן) אַ וואָס?

הימעלשטיין (גיט א וויש מיט די הענד די אויגען). גרינשפאַן!

גרינשפאַן. נאָך אַ מאַסקענ־באַל פוילט מען אין בעט?! קום שוין, קום!...

הימעלשטיין. וואו ווילסטו מיך שלעפען?... ס'שלעפערט מיך, גרינשפאַן...

גרינשפאַן. ניט גערעדט! דו מוזט געהן...

הימעלשטיין. כ'מיין זיכער, גרינשפאַן...

גרינשפאַן. נו, נו!... אויפגעהויבען זיך און געגאַנגען! (פאַלט צו איהם צו אין התפעלות) גוטער ברודער!

הימעלשטיין (זעצט זיך אויף, קראַצט זיך אין פאַטיליצע). נו, רעד שוין, רעד...

גרינשפאַן. A ни слова! — אויפשטעהן זאָלסטו, און שוין מיט מיר אראָבגעהן...

הימעלשטיין. איך זאָג אָבער פריהער: טאָמער איז עס ניט אזוי... דײַנע מציאות!

גרינשפאַן. פערלאָז זיך, פערלאָז זיך!

הימעלשטיין. נאָך א נאַכט אויפ־זײַן דרעהט זיך מיר דער קאָפּ ווי אויף שרויפען...

גרינשפאַן. וואָס ווילסטו האָבען — אום פינף ביסטו אויעק!

הימעלשטיין (נעהמט ארויסציהען א קאמאש). ס'איז שוין אפילו געוועזען אַביסעלע שפּעטער... דו ביסט נאָך לאַנג געבליבען מיט דײַן ציגאַנקע?

גרינשפאַן (לויפט צו צום פענסטער, שטעקט ארויס דעם קאָפּ און רופט אראָב). Róża ?! W tej chwili Róża

הימעלשטיין (הויבט זיך אויף מיט איין אָנגעטהאָנענעם שוך, וויל צוגעהן צום פענסטער).

גרינשפאַן (מאַכט מיט די הענד) געה נישט צו צום פענסטער! Ruку дай הימעלשטיין! (שטרעקט איהם אויס א האנד).

הימעלשטיין. וואַרט, וואַרט... מיר וועלען צוערשט א קוק טהאָן... (וויל ווידער צוגעהן צום פענסטער).

גרינשפאַן. אין פענסטער זאָלסטו ניט קוקען!

הימעלשטיין (נײַגיעריג). טאָ זאָג שוין, ווער איז זי דאָס, די רוזשאַ?

גרינשפאַן (צוצויגען האלב־לויט) ... Цы-га-ноч-ка

הימעלשטיין (גלויבט ניט). נו?!

גרינשפאַן. וואָס דו הערסט!

הימעלשטיין (נײַגיעריג). די נעכטיגע, מיט וועלכע דו האָסט זיך אַרומגעשלעפּט איבער'ן זאַל?.. וואָס האָט אַזוי געהאָפּסט?!

גרינשפאַן. די, די!...

הימעלשטיין (נײַגיעריג). אָט די דיקינקע, מיט דאָס רונדיג געמבקעלע ארוים.

גרינשפאַן (שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ). וואָ... וואָ!..

הימעלשטיין. די ציגאַנקע, מיט די אײַנגעפאַלאַכטענע סטענגעס אין די שוואַרצע צעפּ?... ווײַסט, געמײַנער יונג, ס'איז

איהרע אייגענע האר! (זעצט זיך אויפ'ן בעט. נעהמט אַנטהון דעם צווייטען קאַמאַש).

גריִנשפאַן. איך ווייס, איך ווייס!..

הימעלשטיין (אויפציִעהענדיג דעם קאַמאַש), אוי-אַ!

פריִוועס (געהט צו אַווי-זיך, ווי גאר נישט טייִנעגדיג צום פענסטער און קוקט אַרויס).

גריִנשפאַן (געהט צו איהם צו פון היִנטען, נעהמט איהם אָן פאר'ן קאַלנער, וויל איהם אַבשלעפען). קיין חזיר זאָלט איהר ניט זיין!

פריִוועס (דרעהט צו איהם אום דאָס געזיכט, שטויסט איהם נגט אָב פון זיך). וואָן פון מיר!

גריִנשפאַן (פון וויטען אויפגערעגט, ערשטוינט אַביסל, מאַכט קולאַקעס). פון פענסטער זאָלט איהר אַוועק!

פריִוועס (האָט גאר ניט מורא) טאַ-קי?

גריִנשפאַן (שרייט). איהר זאָלט אַוועק פון פענסטער!

פריִוועס (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ אין פענסטער און ענטפערט ניט).

הימעלשטיין (שטעהט אויף פון בעט, גריִנשפאַנען). לאָז אָב, מיט אַנ'איִדיאָט שטעלסטו זיך אַוועק ריידען...

גריִנשפאַן. דאָס איז ער, דער שמענדעראָץ, דער „ראַוונער" אייערער!

הימעלשטיין (ווייזט איבער פריִוועסעס בעט). אָט איז עס, דאָס תפילין-זעקעלע — אַנ'איִדיאָט פון אַ יונג!

גריִנשפאַן. איך האָב דאָ געדאַרפט מיט איהם וואוינען! ער וואָלט ביי מיר נאָר אַנדערש געזונגען... ער וואָלט שוין ביי מיר צום פענסטער נישט צוגעהן, די פיס זיינע וואָלט איך איהם אָבגעהאַקט.

הימעלשטיין. מיט אַנ'איִדיאָט — — (פויזע).

פריִוועס (פייפט אַרויס אין גאַס, געהט דערנאָך, טהוט אָן דאָס קאַפעליוש'ל און געהט לאַנגזאַם אַרויס דורך דער גאַס טהיר).

גריִנשפאַן. מאַך עס גיכער, הימעלשטיין, דער פרוכאַק ריינער איז גאָר קיין נאַר ניט, ער איז אַראָב...

הימעלשטיין. וועגען דעם האָב קיין מורא ניט... ער שרעקט זיך, דער שוטה, פאַר אַ מיידעל ווי פאַר אַ שד.

גריִנשפאַן. מאַך עס, פונדעסטוועגען גיכער —

הימעלשטיין. איך זיך דאָך די שעפ... (דרעהט זיך אַביסל

אַרום) האָסט איהר אָבער דערצעהלט פון מיר? ווייסט דאָך, איך האָב ניט ליעב... אימגעריכט...

גרינשפאַן. דערצעהלט, דערצעהלט נאָך נעכטען —

הימעלשטיין (צופריעדען). נאָך נעכטען... פארך איינער, פאר וואָס האָסטו מיך ניט צוגערופען?... מיר איז עפעס נעכטען ניט געגאַנגען, אָבער גאר ניט... עטליכע מאָהל האָב איך מיך אָנגעבראָכט... גאר פיין...

גרינשפאַן. מיט דער וואקס׳אָווע?

הימעלשטיין. האָסט געזעהן?

גרינשפאַן. אַ יאָרעדיגע ווייבעל...

הימעלשטיין. הער זיך אָבער איין.... איך געה איהר אַזוי נאָך, און לאָז איהר איין מאָהל אַ פּאָר ווערטער אין אויער אַריין, דאָס צווייטע מאָהל — אַ פּאָר ווערטער... ברענענדיגע — ווייסט דאָך ווי איך הויב אָן —

גרינשפאַן. פי — צו ריזיקאַליש... גוטער ברודער!

הימעלשטיין. געה און ווייס אַז דער מאַנד׳ל איהרער, איז שוין געקומען פון דער רייזע, איז אויך דאָ אויף דער חתונה — און נעהט דיר פון הינטען נאָך!

גרינשפאַן (ערנסט, מיט אביסל שרעק) · נו?!

הימעלשטיין. וואָס דו הערסט!

גרינשפאַן. נו, און מכח פערפאָהרען אין Зубной переулокъ?

הימעלשטיין. פע... נאר ס׳האָט געהאַלטען דערביי.

גרינשפאַן. האָסט זיך בעצייטענס ארומגעזעהן —

הימעלשטיין. און זיך אָבגעטראָגען... דער צווייטער איגד ציידענט איז געווען נאָך אַ געפעהרליכערער; פערשטעהסט, אַ מענש נעהט צו מיר צו, און זאָגט מיר מיט אַ פולען מויל, איך זאָל מיך אָבטראָגען, — אַ ניט — רייסט ער מיר אַראָב די מאַסקע און פּאַטשט מיר אום די מאָרדעס!...

גרינשפאַן. אודאי אויך אַ מאַנן?

הימעלשטיין. וואָס דען... דער שוואַרץ יאָהר ווייס זיי! שלעפּען זיך נאָך זייערע ווייבער ווי די שפּיאָנען און לאָזען קיין האַנד ניט הייבען (עפּענט אויף די טהיר אין צווייטען צימער) מלמדים, די שעפּ וואו איז?

בעסקין (ענטפערט פון צווייטען צימער). מיר האבען זי ניט געהאלטען...

הימעלשטיין. גיט א קוק דארט, נעבען דראבקינ'ס בעטעל, ביי'ם וואשטיש'ל. געהט ער זעהן א כלה פערשלעפט ער אהין די שעפ... נו, Живо! (מ'רוקט איהם ארויס א שיפ).

גרינשפאן. דו געהסט זיך יעצט איינוואשען?... זעהסטו, דאס ווען דו וואלסט געקענט פערשפארען —

הימעלשטיין. איך וואש זיך ניט — איך וויל נאר אויסשווענקען דעם מויל. פי, א שטאל א גאנצער... פינף מינוט איך זאל נאר איבערדרעמלען — ווערט מיר דארט טרוקען און ביטער. (נעהמט אן א מויל וואסער, הויבט אויף דעם קאפ שווענקט) חל־חל־חל.

גרינשפאן. דו מאכסט שהיות! (געהט צו צום פענסטער) דער פראנטויק ... ערער דרעהט זיך ארום איהר ווי א קאטץ ארום א טעפעל מילך...

הימעלשטיין. וואס, די פרומע קאץ?

גרינשפאן. ארום דעם מעפיל מילך (נעהמט אב דעם קאפ פון פענסטער, גיט א פאטש מיט די הענד) Чортъ подери! מ'דארף דאך א מאהל זיין א ריזיקאנט!

הימעלשטיין (טהוט אן דעם רעקיל). א?

גרינשפאן. א האלבע נאכט האב איך אבגעפושערט אומזיסט! —

הימעלשטיין. וואס הייסט?

גרינשפאן. אומזיסט! פערשטעהסטו שוין? דריי שעה נאכאנאנד געשלייפט אומזיסט דעם צונג... דעם גאנצען שיר־השירים איהר אבגעזאגט — ביז איך בין צום שכל געקומען — און —

הימעלשטיין. און?

גרינשפאן. פערשטעהסטו מיך: איך נעהם זי פלוצלונג אן — (נעהמט הימעלשטיינען אן הויך ביי'ם ארעם) און זי — גאר ניט... אויף אזוי — שלעפ איך איהר שוין צום בופעט גאר אויף דאס ניי... מאך מיר דערנאך ניט ווימענדיג און — (נעהמט איהם צארט ארום...) און פערבלאנדזשע — ווייסט דאך דאס קאבינעטל אין קאנצערט־זאל, דאס ווינקעל קאבינעט'ל ביי דער רויטער טהיר... טהו, נעהם קוש — אלין! די מאסקע לאזט זי זיך אבער ניט אראב נעהמען...— "אין דער פריה! אין דער פריה!" — מילא!

הימעלשטיין (הערט איהם די גאנצע צייט און קוועלט זין). אָח־יעי!.. אָח־יעי!...

גרינשפאַן. אין דער פריה פערשטעהסטו מיך – (שטופט איהם׳ אביסל אב פון זיך) טאַמער געהסטו שוין?!

הימעלשטיין. וואַרט, וואַרט, איך נעהם נאַר דעם קאַפעליוש – (חאַפט דעם הוט און דעם שטעקל).

גרינשפאַן (עפענט אויף די גאס־טהיר). קום שוין, קום!

הימעלשטיין (ארויסגעהענדיג נאָך איהם). וואוהין געהן מיר?

גרינשפאַן (אונטער דער טהיר פונם פינסטערן קאָרידאָר). אונטען, אַלץ אונטען!.. (ביידע אַב).

# אכטע סצענע.

(דאָס צימער שטעהט א וויילע ליידיג).

פריוועס. (קומט פון גאס א בלאַסער; געהט לאַנגזאַם צום טיש צו, קלעהרט וועגען עפּעס, אַנגיעסענדיג זיך א גלאָז טהע).

דראַבקין (קומט פון גאס מיט אַנ׳אראָבגעלאָזענע קאָפּ, טהוט אויס שווייגענדיג דעם איבערמאַנטעל, העננט איהם אויף; טהוט אויס דעם פראַק, וועגט איהם אין האַנד; פאַר זיך.) אין לא פּיראָלתי!... (טראָגט איהם אריין אין צווייטען צימער, קומט באַלד צוריק און פריהערינען רעקיל, זעהט פריוועס׳ן איבער די פּוטערקיכלעך און טהע) או־אַ! או־אַ! פריוועס! גוט ג׳אָוועגד פריוועס! פרישע פּוטערקיכלעך? –

פריוועס. פרישע.

דראַבקין. ליטווישע?!

פריוועס. איך עס ניט דאָס פּוילישע טייג!

דראַבקין. אמת! איך נעהם ווייערע „טשיאַסטעס״ אויך אין מויל ניט אריין... (רוקט צו א שטוהל און זעצט זיך צום טישעל) א גלעזיל טהע וועט איהר מיר שענקען, פריוועס?

פריוועס (טאַפּט דעם טשייניק). ל׳וויים ניט צו ער איז יאָך הייס... נו, מען קען נאָך טרינקען – (רוקט איהם צו א גלאָז) פאַרזוכט א פּוטערקיכל, דראַבקין! (הויבט אָן אריינגיסען טהע אין דראַבקינ׳ס גלאָז).

דראַבקין. פון די פרישע, מהיכא־תיתא... ווייסט איהר וואָס? — שטעהט אויף פון האַלט איהם אב ער זאָל ניט פול גיסען דעם גלאָז טהע) מ׳דאַרף גאָר דעם טהע ניט! פאַר די פּוטערקיכלעך האָב איך – (ציעהט ארויס א פלעשעלע שנאַפּס) אָט וואָס איך האָב! (וויל

ערויסקלאפּען דעם פּראָפּען) פאַר אַזעלכע פּוטערקיכלעך איז דאָס בע־
שאַפען געוואָרען... האָפּ! (דער פּראָפּען שפּרינגט אַרויס) יעצט אַ קעלי־
שאָק, פּריוועס! И чокнемся!

**פּריוועס** (ברענגט פון שענקעל אַ קעלישאָק). אַזוי גוּר!

**דראַבקין**. און הימעלשטיין און אַלע (גיסט אָן און טרינקט אויס) וואו זענען זיי? (גיעסט אָן פאַר פּריוועסען) טרינקט פּריוועס, גזינן יעכט אויף זיי... די מלמדים דאָרט זיצען אפילו און אַ ווינקעל זיך ווענען נעכטיגען טאָג —

**פּריוועס** (טרינקט אויס).

**דראַבקין**. צו אַזוינע קיכלעך אָבער, איז בעסער וועצען זיך מיט וואָס ווייניגער עולם... (עסט און קריעגט התפעלות פון געבעקס, האַלט די האַנד אונטער'ן מויל) זיי צושיטען זיך, ממש זיי צושיטען זיך...

**פּריוועס** (רייבט זיך דעם שטערען, דערמאָנט זיך אין עפּעס, חאַפּט זיך אַרויס, פאַרזיך). פּשאַקרעוו!

**דראַבקין** (עסענדיג). ממש זיי צעשיטען זיך מיר אין מויל...

**פּריוועס**. פּשאַקרעוו —

**דראַבקין**. זאָרגט ניט, זאָרגט ניט, פּריוועס! יגיסט אָן פאַר זיך אַ קעלישאָק און טרינקט אויס) אָט וועל איך עט, פּריוועס שטעהט איהר כיך, אַראָבקומען פון וואַרשאַ מיט אַ כלה זון געלד, און ס'וועט זיין אַ באַל פאַר'ן גאַנצען כלל!

**פּריוועס**. וואָס עפּעס פּלוצלונג פון וואַרשאַ?

**דראַבקין**. אַזוי... פון וואַרשאַ, פון יענע קאַנטען... זאָלט איהר פּריוועס, זאָלט אייך אויך ליפערן אַ כלה פון וואַנען איהר קריעגט די פּוטערקיכלעך... דאָ — איז אַ פערפאַלענעש. נאָר פון דער היים, פון דער היים, פון וואַנען איהר קריעגט די פּוטערקיכלעך! Кстати וואָלט איך אייך זאָגען (שטילער) איהר זאָלט האַלטען אייער טשעמאָדאַן אויף אַ שלעסעלע — די מלמדים דאָרט, פּריוועס, שטעהט איהר מיך, קענען זיך צו זיי צוחאַפּען און איינשמירען מיט זיי אַ מיטאָג... (גיעסט אָן פּריוועסען שנאַפּס) טרינקט, טרינקט, פּריוועס, אייער נשמה איז אויך ניט קיין ראַשוינקע!

**פּריוועס** (טרינקט און פּלאַצט אַרויס פון'ם פולען מויל) רוזשאַ!

**דראַבקין**. וואָס זאָגט איהר, וואָס?

**פּריוועס** (שטעהט אויף אויפגערעגט). פּשאַקרעוו, רוזשאַ הייסט זי!

דראַבקין. ווער?

פריוועס. איהר ווייסט ניט פאַני דראַבקין, איהר ווייסט ניט וואָס דאָ איז געוועז! —

דראַבקין (קוקט איהם אָן). איך הויב שוין אָבער אָן צו פערשטעהן — פריוועס?!

פריוועס. יאָ — ?

דראַבקין (קוקט איהם אָן, גיעסט ווידער אָן פאר פריוועסען א קעל.שאַק). מיר וועלען זיך טיילען —! (ער טרינקט דאס איבעריגע פונ'ם פלעשעל).

פריוועס (טרינקט אויס זיינע).

דראַבקין. יעצט וועל איך אייך ערשט פרעגען: איהר האָט א דרייער'ל פאר אייערט-וועגען? איך האָב ניט פאר אייך אויסצולייגען.

פריוועס (קלאַפּט זיך אויף דער ברוסט-טאַש). איך האָב!

דראַבקין. אין ברוסט-טאַש — הייסט עס: פאַפּירגעלד?

פריוועס. ס'איז דען א נפקא מינא?

דראַבקין. ניין, ניין,-ווער זאָגט דען?...

פריוועס. פאַפּירגעלד! פאַפּירגעלד!

דראַבקין! Молодецъ, Привесъ! — טהוט זיך אָן און קומט... דאס ביסעל אייער'ס, אז איהר ווילט, קענט איהר אבערשטעלען צו מיר...

פריוועס טהוט אין דעם אויבערמאַנטעל, ווער'ט נתפעל) איהר פערשטעהט: אזא ברענענדיג'ם איז זי, אָט די רוזשא...— איך בין אַרויס —

דראַבקין (אביסעל אונגעדולדיג). אַלע זענען זיי אזעלכע... עה, אויפ'ן וואָיאַזש ווען איהר זאָלט מיט מיר א פאָהר טהון, פריוועס!

פריוועס (רוימט איהם איין מיט שמחה). דער „אַלטער" מיינער ניט מיר צום אנדער'ן סעזאָן מיט — א קאָלעקציעלע!..

דראַבקין (אביסעל ערשטוינט). פריד & ליטמאַן?

פריוועס (מיט שמחה). И на кавказъ, גוטער ברודער!..

דראַבקין. אַליין?!

פריוועס. נו... אַליין — — דערוויל נאָך ניט...

דראַבקין. איהר פאָהרט מיט איינעם מיט – אהא... נו קומט, קומט...

פריוועס (האַלט איהם אָב). יאָ, איך האָב אייך געוואָלט פרעגען: עס שאַדט ניט מיט אַנ'אַרבע־כנפות –?

דראַבקין. –Пустяки! קומט, קומט... (זינגט) חאָר'ז מאַרישקאַ, חאָר'ז מאַרישקאַ! (ביידע גייען אוועק, ענדע פון גאַס).

## ניינ'טע סצענע.

(פויזע. די סצענע שטעהט לעדיג).

גאָלדבערג'ס (אָנקומענדער קול הערט זיך אונטער דער טהיר:) נאַ דיר מיין קייטעלע! (ער קומט אַריין, נעהמט אַראָב דעם הוט, האַלט איהם אין האַנד, און געהט א דורך מיט'ן אָפענעם קאַהלען קאָפּ צו זיך אין צימער. דער גאַנג זיינער איז א מידער, א גאַנג פון אַנ'אַלטען אָבגעלעבטען „חאָליאַסטיאַק". פון צווייטען צימער דערהערט זיך אין א ווייַלע אַרום זיין קול). געגוג, געגוג! שלאָפען געהט, שלאָפען!

(בעסקין נאָך איהם — עפשטיין קומען אַריין פון צווייטען צימער, פערושטורען די אויגען פון פלוצלינגען ליכט).

בעסקין. איז די גאַנצע שרעק דיינע פאַר די אַראַבער, זיי זאָלען אונז ניט פערטרייבען –?

עפשטיין (פלעגמאַטיש, קאַלט). דאָס און נאָך וואָס...

בעסקין. די אַראַבער אָבער זענען ביי דיר דאָס וויכטיגסטע – ועהסטו פאַר אַלעמען אין דער וועלט האָב איך מורא, – פאַר'ן אַראַבער – ניט!

עפשטיין (קאַלט). איך — יאָ. (גיעסט זיך אָן א גלאָז קאַלטען טהע, טרינקט עס מיט גרויסע זופען אויס).

בעסקין. דו רעדסט פון דיין אייגענע פערזאָן?

עפשטיין. אַזוי ווי איך, אַזוי זענען מיר אַלע –

בעסקין. פלעגמאַ, פלעגמאַ! פערגאַרטעלסט זיך מיט דאָס גאַנצע פאָלק, אין דער צייט ווען דו שטעהסט אַליין!

עפשטיין. יאָ, איך שטעה אַליין...

בעסקין. נו?

עפּשטײן. מיר שטעהען אַלע אַלײן, אַ גאַנצער וואַלד אײנציגע בוימער.

בעסקין. אַ וואַלד זאָגסטו?

עפּשטײן. אַ וואַנדער־וואַלד ניט קײן אײנגעפלאַנצטער...

בעסקין (טרויריג). לײקען אָבער ניט אָב דעם פּאַלעסטינע־שמערץ...

עפּשטײן. איך לײקען איהם ניט אָב...

בעסקין. דו זאָגסט דאָך אָבער אַז ער איז גאָרניט —

עפּשטײן. נו יאָ ער איז גאָרנישט!.. (פּויזע).

בעסקין (געהט צו צום אָפענעם פענסטער, קוקט אַרויס). זעהסט — זײ זענען קײנער ניטאָ... צעגאַנגען זיך.

עפּשטײן. אַ זאָרג האָסטו.

בעסקין. אָבער אַ זאָרג!... הער נאָר, האָסט געלײענט דעם ארץ־ישראל־דיגען „העוֹבֵר"?

עפּשטײן. כ'האָב איהם געלײענט.

בעסקין. נו, האָסט ניט בעמערקט דאָרט די ערצעהלונגען און בילדער? עפּעס אַ מין מאָדנע הײטערקײט איז אויף זײ אויסגעגאָסען... אַ נײַער דור פון ציון'ס טעכטער וואַקסט דאָרט יעצט צווישען יהודה'ס בערג... פרעהליכע, זינגענדיגע...

עפּשטײן. ס'איז ניט וואָהר.

בעסקין. וואָס הײסט ניט וואָהר?

עפּשטײן. ניטאָ דאָרט, ניט קײן מײדלעך ניט קײן בחורים... דאָ זענען זײ!... אָט דער פּרומאַק דאָ — (ווײַזט אויף דאָס בעט'ל) פּריוועס, — ער איז אויך אַוועק מיט זײ... ווען ער וועט צוריק־קומען, וועט ער דיר מעהר פערצעהלען ווי די „העומר'ס" מיט אַלע זײערע שרײַבער...

בעסקין. דאָ זענען זײ?? נײן, נײן — הונדערט מאָהל נײן! דאָ בין איך קײן בחור ניט, און אין פּאַלעסטינע ווען דאָרט זאָל זײַן אַ מאַסקענ־באַל קום איך אויף איהם דער ערשטער!...

עפּשטײן (מאַכט אַוועק מיט דער האַנד). לאָז מיך לעבען...

(ער געהט צו צו בעסקין'ס בעטיל. פּויזע).

בעסקין (קומט אויך צו זײַן בעט'ל און שטעלט זיך דערנעבען אין דער ריײה). ס'מוז שוין שפּעט זײַן?

**עפשטײן** (הויבט זיך אן אויסצוטהון איבער'ן בעטל). דו ווילסט אפשר הײנט שלאפען בײ'ם וואנד?

**בעסקין** (טוט אויך אויס דאס רעק'ל). נײן, שלאף דו ווידער בײ'ם וואנד. (בײדע שטעהען נאך איבער'ן בעט).

**פערהאנג.**

יצחק קאַצענעלסאָן.

# דעקאַדענט

קאָמעדיע

1 אקט.

# פערזאנען:

**אברהם בערג.** 25 יאָהר-אַלט. אַ ליטעראַטאָר. מיט אַ קאָפּ לאַנגע פלאַקס-פאַרביגע האָר עטוואָס גע-גרויזט; עלעגאַנט געקליידעט, איבער'ן קראַגען אַ שוואַרצע בינדע.

**חוה גינצבורג.** 20 יאָהריגע בלאָנדינקע, מיט בלויע קלוגע אויגען, אָנגעטהון זומערדיג, העל.

**וויצמאן.** 26-יאָהר אַלט, אַ בראָנעט, מיט אַ שפּיציג קליין אינטעליגענט בערד'ל, אַביסעל נערוועז.

**ליפשיץ.** 23-יאָהר אַלט.

**טעמע.** 16-יאָהר, אַ בראָנעטען. אַ נאַאיוו-לעבעדיג מיידעל.

**גרונע.** אַ דיענסט-מיידיל וואָס שמייכעלט.

(ראָס קומט פאָר אין ווארשא, די לעצטע צייט)

## —י סצענע;

א צימער ביי אברהם בערגן; רעכטס פון פארענט א בע־טעל, טיפער אבּיסעל — די טהיר און קיך אריין. אין הינטער־גרונד, רעכטער — א ביכער־שענק׳ל, ווייטער אביסעל א קאכעל אויבען, נאך דעם אויבען א טהיר אין גאס. לינקס — צוויי פענסטער; א שרייב־טיש מיט א שרייבגעצייג און עטליכע שטוהלען שטעהען נעבען די פענסטער. פאר נאכט. די לאמפ איז שוין אנגעצונדען

**אברהם בערג** (שטעהט אויפ׳ן בעט׳ל און קלאפט צו מיט א העק־בעריל א פרויען־בילד אין וואנד. מ׳קלאפט אן אין טהיר). אריין!

**חוה גינצבורג** (קומט אריין). גוט׳ן אבענד, בערג.

**אברהם בערג.** אה חוה! (קלאפט א נעגעלע אין בילד) גוט׳נ־אווענד! גוט׳נ־אווענד!

**חוה גינצבורג.** איהר זענט אליין דא! ניט אומזיסט האט איהר אזוי הויך א זאג געטהון: „אריין!" — איהר האט מורא גע־האט מ׳זאל ניט קריגען חרטה און אומקעהרען זיך צוריק פון אונטער דער טהיר?

**אברהם בערג.** ניין חוה, ניט אזוי די מורא; איך האב סתם ליעב אז מען קומט צו מיר... שרייב איך ניט — איז אודאי גוט!... זיצט, פאר וואס זיצט איהר ניט, חוה? נאך איין נעגעלע וועט עס שוין האלטען. שרייב איך ניט, בין איך זעהר צופריעדען מיט יעדען וואס קומט צו מיר; איך לעב און איך דארף האבען מענשען! מעג זאראטוסטרא אבוואוינען זיין גאנץ לעבען אויף בערג און בעשינגען די איינזאמקייט, איך בלייב ביי מיינם. (קלאפט אין א נעגעל) מען־שען דארף איך האבען! — יא שרייב איך — איז גאר אנדערש, דאמאלס — איז נאר אליין!

חוה. נאָר אַליין?

בערג. נאָר אַליין! איהר ווייסט וואָס איך טהו? איך פֿער־שליעס זיך, נעהם אַרויס פֿון קלאַפּ־שלאָס דעם שליסעל און העננ איהם, אויף דער קליאַמקע אַ האַנטוך... קומט ווער — מיינט ער איך בין ניטאָ. —

חוה. גוט צו וויסען; יעצט קום איך צו אייך בוקא, ווען איהר שרייבט, איהר וועט מיר מוזען עפֿענען!

בערג. (ערנסט) איך וועל אייך ניט עפֿענען.

חוה. ע, איהר וועט ניט אַזוי שלעכט זיין...

בערג. ווען איך שרייב — ניט! ווייל איהר וועט מיר נישט־מעהר ווי שטערען...

חוה. (כלומרשט) איך וועל זיצען אין צימער און שווייגען.

בערג. ניין, ניין, ניין!

חוה. נו איז ניט, איז ניט!

בערג. עס דאַרף אייך ניט בעליידיגען; אַה, מיך פֿרעהט זעהר אייך שטענדיג ביי מיר צו זעהן... איך וועל עס אייך באַלד ערקלעהרען — (גיעט דעם לעצטען קלאַפּ אין וואַנד) יעצט איז עס שוין פֿערטיג! (שפּרינגט אַראָב פֿון בעט.)

חוה (געהט צו צום בעט). עפּעס אַ שען בילד?

בערג (נעהמט די לאָמפּ פֿון טיש). אין דער דונקעל וועט איהר ניט גוט זעהן...

חוה. מ׳דאַרף קיין לאָמפּ ניט, מ׳זעהט אלץ, אלץ... איהר אויך, בערג?...

בערג. וואָס?

חוה. שטעלט אַוועק די לאָמפּ, איך זעה...

בערג. אַה, אויף דעם פֿרעגט איהר עס גאָר? (שטעלט צוריק די לאָמפּ) יאָ, יאָ! איך אויך... און נאָר איך! (ווייבער) טהוט אוים די הוט, חוה...

חוה (ציעהט ארויס די הוט־שפּילקעס). טעה וועט איהר געבען?

בערג. אַ יע! (רופֿט צו דער קינד־טהיר). גרונע! (צו חוה׳ן) באַלד האָבען מיר טהע!

חוה. וויצמאַן קומט אויך באַלד.

בערג (שמייכעלט קוים). וויצמאַן?

חוה. וואָס לאַכט איהר?

בערג. אי, חוה, חוה... (נעהמט פון איהר צו ס'היטעלע).

גרונע (קומט אריין, בלייבט שטעהן ביי דער טהיר).

בערג (שמייכלענדיג צו גרונען). איהר וועט מאכען טהע... טהע! (דרעהט אין האנד חוה'ס היטעלע) איהר וועט עפעס עסען אויך, חוה?

חוה (בייזלעך). לייגט אוועק מיין היטעלע!

בערג (דרעהט דאס היטעלע ווייטער אין זיין האנד). איהר וועט אריינברענגען א פאר בייגעל אויך, גרונע.

גרונע (הערט איהם מיט א שמייכעל).

חוה (שטרענג). לייגט אוועק מיין היטעלע!

בערג. געהט, גרונע. (גרונע אב. בערג לייגט אוועק איהר היטעלע)

חוה (נאך א קליינער פויזע). א, איהר אויך, בערג?

בערג (ווייזט אויף דאס בילד). ווע..ען דעם?

חוה. יא!...

בערג. איך האב אייך שוין געזאגט: איך לעב, האב ליעב אלץ וואס דאס לעבען שאפט... כ'הע, איז עס ניט לעכערליך? דאס לעבען שעמט זיך ניט צו שאפען, די נאטור שעמט זיך ניט צו ערציעהען — און איך וועל מיך שעמען ברייטער עפנען אויף דעם מיינע אויגען? איך קניע פאר פסיכייען — און קוש זי ווען ערגעץ זעהט ניט... — פון דעסטוועגען שטערט עס מיר ניט צו זיין א שטרענגער מאראליסט... אייך, חוה וועל איך בעטען ניט פערביטען א שטרענגען מאראליסט מיט א פאנאטיקער א מאראליסט — איהר זאגט עס מיר צו?

חוה. יע!

בערג. נו איז גוט...

חוה. און טאמער וועל איך פערבייטען — ?

בערג. טהוט איהר א פערברעכען!... איך וויל ניט מ'זאל מיך האלטען פאר א מאראליסט א פאנאטיקער, איך בין ניש-מעהר ווי א שטרענגער... (פערטראכט זיך).

חוה (קרימט איהם אביסעל נאך). נישט מעהר ווי א שטרענגער... וואס האט איהר זיך אזוי פערטראכט?

בערג (חאפט זיך אויף). אט אין וואס! היינע האט געקענט שרייבען „דאס האהעליעד" און האט געקענט זיין דערביי א שטרענגער

מאָראַליסט... איִהר פֿערשטעהט: דאָס האָהעליעדו! ער נעהמט דאָרט אַ קערפּער פֿון אַ פֿרויענצימער – און בעזינגט איהם, יעדעס פּיצעלע, יעדעס ברעקעלע, איִהר פֿערשטעהט! יעדעס ברעקעלע! – איך בין אַ מאָראַליסט – איך דאַרשט אָבער נאָך שעהנהייט, איך דערשלאָף ניט אַ גאַנצען זומער, היט דאָס אָנקומען און דאָס פֿערגעהן פֿון יעדען טאָג... – (דערפֿרישט) איך דערצעהל אַנדערש די „מעשי בראשית״: ניט רייסען עפּעל פֿון עץ־הדעת האָט די שלאַנג אָנגערעדט חוה׳ן, נאָר מאַכען זיך אַ שערץ פֿון פֿייגענבלעטער... (פֿאַלט אַרײַן אין אַ נאָך העכערן טאָן) אַפּידיאַס האָט געהויט דער געטין „אַטיני״ פֿאַר זיין פֿאָלק אָן קליידער, ווי זי שטעהט און געהט!.. (שטעלט זיך אָב פֿאַר׳ן בעטיל און בעטראַכט דאָס בילד) איך וועל נעהמען און פֿערדעקען אַזאַ האַלז! אַנ׳אַלט וואָרט אַלבאַסטער – ס׳איז אָבער פֿאָרט אַנ׳אַלבאַסטער!

חוה (ביים טיש, אַנגעטער איהם לײַכט שמייכלענדיג). אמת!

בערג (קעהרט זיך ניט אום פֿון בילד). איך וועל נעהמען און פֿערשטיקען אין אַ בלוזע אַזאַ קלאָהרע שענע ברוסט!

חוה. הערט נאָר איהר, בערג, איהר ווילט רעקלאַמירען דאָס האָהעליעדו?

בערג (קעהרט זיך אום צו חוה׳ן). איבער מײַן בעט זאָל דאָס בילד הענגען! די שעהנהייט זאָל איבער מיך שטענדיג וואַכען... אַז איהר נעהט אַ וועק, חוה, בלייב איך ניט אַליין –

חוה. און אַז איהר שרייבט?

בערג. פֿערדעק איך איהר דאָס געזיכט; איהר זעהט די אויגען?

חוה. ווי לעבעדיג –

בערג. אהא!

חוה. פֿערדעקט איהר זי?

בערג. ווען איך שרייב... אַז איך שרייב, הייסט עס, איך שאַף! איך שאַף נייע לעבענ׳ס, נייע וועלטען, נייעס, נייעס שאַף איך! ניט געענדיגטע בעשעפֿעניִשען ציהען צו מיר אויס די הענד פֿון פּאַפּיער און בעטען מיר: ענדיג אונז! ענדיג! איך טאָר זיך פֿון זיי ניט אָבווענדען אין געדאַנקען אויף אַ האָר, קעהר איך מיך אויף אַ ווײַלע אָב, ווערען אַסך וועלטען חרוב...

חוה. חאַ... איהר מאַכט מיר שרעק, איך וועל שוין מעהר צו אײַך ניט קומען.

בערג. אח, איהר האט מיך שלעכט פערשטאנען: אדרבא, קומט, באלד וועט זיין טהע... אדרבא, ווייל איך דארף האבען מענשען – שטערען זיי מיר... א מענש איז פאר מיר א וועלט, ביז איך צו איהם ניט גלייכגילטיג... (ציעהט זיך צו איהר ליידענשאפטליך צו)

חוה. (שטעהט אויף פון שטוהל).

בערג. וואס האט איהר זיך אויפגעשטעלט? אה, אה... איהר פערשטעהט מיך ניט... אז איך שרייב, הייסט עס איך שאף, איך שאף וועלטען, קומט צו מיר ווער איז עס ווידער א וועלט... צוויי וועלטען אין איין צימער, אין אזא ענגע אטמאספער... פאר'ן קינסטלער וואס שטעהט צווישען ביידע איז עס געפעהרליך, ער קען זיך ניט אין גאנצען איבערגעבען זיין שאפען... און, בלייבט גאנץ גלייכגילטיג צו זיין גאסט, ס'הייסט, צו דער צווייטער וועלט...

חוה. או, ווי גוט... יעצט פערשטעה איך. הייסט עס, אין די בעסטע צייט ביי אייך צו זיצען ווען איהר שרייבט?... ס'הייסט ווען איהר „שאפט"...

בערג. ניין! ניין! מאהאמעד האט געהאט א הייסען טעמפעראמענט... דאך ווען ער האט גע‍דארפט בעשאפען זיין וועלט איז ער אוועק פונ'ם ישוב אין מדבר אריין; אין התבודדות און אין א שטילשווייגען האט ער זיין תורה געשריבען... און אז ער האט געדיינט זיין תורה פערטיג, איז ער צוריקגעקומען אין זיין ישוב מיט'ן קאראן און מיט'ן זעלבען טעמפעראמענט –

חוה. מיט'ן קאראן –

בערג. און מיט'ן זעלבען טעמפעראמענט!... ווען דיאגען פלעגט דארפען געבוירען א נייעם געדאנק האט ער געלאזען די שענע „העטערעס" לויפען און אין א פאס געלייגט זיך – איהר פערשטעהט, אין א פאס! היינט די קאטאסטראפע מיט משה'ן! משה האט זיך צופיעל געאיילט מיט זיינע לוחות, (אונטער דאס ווארט לוחות. פערשטעה איך זיין אידעאל, זיין ווערק..) פרישע און גליטשיגע, האט ער זיי געטראגען אין די הענד; ניי און ניט אין גאנצען רייף איז זיין אידעאל געווען... אראבקומענדיג פון בארג און דערזעהענדיג יודישע אויסגעפוצטע יונגפרויען טאנצען פאר'ן גאלדענעם קאלב, האט ער אן זיינע אייגענע וועלטען פערגעסען און פון די הענד זיי ארויסגעלאזען –

חוה. ער האָט אַוודאי אויך געהאַט אַ הייסען טעמפּעראַמענט?

בערג. אַוודאי, אַוודאי!

חוה. וואָ!... (קוקט איבער די 'פּאַפּיער'ן אויפ'ן טיש) איהר שרייבט וואָס?

בערג. איך שאַף —

חוה. וועלטען ... (קוקט אריין אין אַ פּאַפּיער. פּויזע). ?

בערג. איהר לייענט? איהר וועט ניט דערקענען מיינע קופ'ן.

חוה. פאַרוואָס שרייבט איהר אַזעלכע קופ'ן?

בערג (שפּאַרט זיך אויך אָן אויף דעם טיש, נעבען איהר, אינטים-פריינדליך). איהר האָט שוין געפונען אַ קופ?

חוה. איך פרעג נאָר... (זיי זוכען אַ ווײַלע. חוה רוקט זיך אַביסעל אָב פון איהם) וואָס האָט איהר עס געגעסען?

בערג (אַביסעל פערווירט). וואָס?... אַ געפּרעגעלטען הערינג...

חוה. אַ געפּרעגעלטען?

גרונע (ברענגט אריין טהע און געהט אָב).

בערג (נעהמט אָן עטליכע פּאַפּירען פון טיש, האַלט זיי הויך ווי ער וואָלט עס וועלען צערייסען, פערטראַכט זיך.)

חוה (מישענדיג איהר טהע). מישט אייך אוים דעם טהע, בערג, וואָס טראַכט איהר?

בערג (קוקט איהר אביסעל אן). זאָל איך צערייסען?

חוה. ס'הייסט, איהר ווילט צערברעכען די צווייטע לוחות?

בערג. די דריטע... די צווייטע פאָר האָט דער זעלבער משה בעשאַפען.

חוה. די דריטע...ס'הייסט, אייער ערשטע געשאַפענע פּאָר?

בערג (מְטַשְׁטֵשׁ). די ערשטע — ס'הייסט ניט די ערשטע; די ערשטע האָב איך שוין לאַנג אָנגעשריעבען (לאָזט אראָב דעם קאָפּ) און ניט צערבראָכען...

חוה. געדרוקט? אי קאַליקע!... וואָס האָט איהר צום ערשטען געדרוקט?

בערג. אַ ליעד.

חוה. אַה, דאָס ליעדל וואָס איהר האָט מיר געווידמעט?

בערג. יע...

חוה. דאָס!

בערג (מיט א ליעבליכען טאָן). דאָס ליעד איז געווען אין דער פריה אויפגעשריעבען; אויף דעם וועג צו דער רעדאַקציע האָב איך אייך געטראָפען, איז מיר איינגעפאַלען עס אייך צו ווידמען...

חוה. דער קאָנטראַסט פון משה'ן!

בערג. דער קאָנטראַסט? (קוקט איהר שטאַר אָן) יע, און ניין צוזאַמען! (קוקט איהר אָן נאָך אַמאָל) איהר פערשטעהט?

חוה. (טרינקענדיג די טהע, עסט שפּעטער בייגעל) אַ נו, רעדט...

בערג (וועצט זיך צו זיין גלאָז טהע). איך וועל עס אייך באַלד ערקלעהרען... (גיעט עטליכע זופּען) משה און איך, — משה אין אַ מִדְבָּר, צווישען אַ ניט־קולטיווירטעם פאָלק, איך — אין איי־ראָפּאַ צווישען איי־ראָפּעער! משה — אין דער אוראַלטער צייט, איך — אין צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט! נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גאָר ניִשט... משה, אַ געזעצגעבער, איך — מיט מיין מוזע. — אָט דאָ געהען מיר זיך פונאַנדער!... משה דער פּאָעט איז אַסך קלענער פאַר משה דעם געזעצגעבער... שטעלט אייך פאָר, חוה, דעם באַרג סיני! (צעשפּרייט פאַר וואונדער די הענד) אָח, דער באַרג סיני! אין אַ מדבר — אַ באַרג... און אַ מענש געהט אַרויף אויפ'ן שפּיץ, איינער אַליין שטעהט ער אויפ'ן סאַמע שפּיץ — אָח, ווי הערליך! די לופט איז אַזוי דורכזיכטיג, אַזוי קלאָהר, און, פּלוצלונג דונער'ן און בליצען; בליצען, בליצען און דונער'ן — אָח, ווי הערליך! אין מיט'ן אַזוי: עפענט זיך דער הימעל און, גאָט, — חוה, גאָט — בעווייזט זיך, ניִדערט אַראָב צו איהם אויפ'ן באַרג און — ווייזט איהם זיינע פּנים... — אָח, ווי הערליך!... חוה! שוין יאָהרען־יאָהרען ווי איך זוך גאָט און געפין איהם ניט — און ער... (בלייבט אַ ווײַלע שטיל בעזאָרגט) פערציג טעג און פערציג נעכט איז אַ מענש אָבגעזעסען אויפ'ן באַרג!... אַח, וואָס פאַר אַ איינדרוק! וואָס פאַר איבער־לעבונגען! אויפ'ן 41־סטען טאָג איז ער אַראָב, אַראָב — און ברענגט פון דאָרט צעהן געבאָט, צעהן טרוקענע געזעץ. — מ'קען ניט זאָגען: דאָס שענסטע בלעטעל אין נאַפּאָלעאָנ'ס קאָדעקס!

חוה. דאָס מיינט איהר די לוחות?

בערג. די לוחות! די לוחות! די שענע, פון ביידע זייטען קאַליגראַפיש אויסגעקינצעלטע אותיות אָבער טרוקענע חֻקים, אָהן אַ מאָגץ פּאָעזיע!... אַראָבקומענדיג מיט אַ שטראַהלענד געזיכט, האָבען איהם די יונגפרויען טאַנצענדיג אַרומגערינגעלט און געבע־

טען בײַ איהם ליעדער, ליעדער, ליעדער, גיעב אונז! ליעדער! — ער האט אבער ניט געהאט... אַ, ווען אויף די לוחות וואלטען ליעדער אויסגעקריצט געווען! זיי וואלטען איהם פון די הענד ניט געפאַלען און וואלטען ניט צערבראָכען ווערען!... פּאָעזיִ — אַט וואס איהם האט געפעלט!... (בלײַבט זיצען פערטראַכט מיט אַ אויפגעהויבענעם קאפּ).

חוה. וואס דערטרינקט איהר ניט אײַער טהע!...

בערג (נעהמט זופּען פינ׳ם טהע. צווישען איין זופּ און צווייטען). ליעדער! ליעדער!

חוה. בערג —

בערג (הערט ניט; פאלט וואס ווײַטער אַרײַן אין אַ גרעסערען עקסטאַז). ליעדער! בײַנאַכט צינדען זיי מיר אָן דעם מאָרגענשטערען, בײַטאָג שיקען זיי בלאַסע לבנה־שטראַהלען אין מײַן פענסטער... ליעדער! ווען טראָיאַ גופא האט געברענט האט קײַן אויג ניט געוויינט, נאָר ווען טראָיאַס פלאַמען האָבען זיך צעפלאַקערט אין האָמערס איליאַדע האָבען זיך מענשען בעגאָסען מיט טרערען... ליעדער — דאס איז אַ רײַנער געטליכער אַפּיום! וואס מעהר איך זינג אַלץ ווײַטער זעה איך; וואס מעהר איך זינג אַלץ העכער פליה איך — — — איך בין אויף דעם סאַטורן געווען, אָן זײַן אײַביגע תמוז־זון זיך געוואַרעמט, אין זײַנע אַלט לבנות זיך געשפּיגעלט, מיט די שענע גרויסע סאַטורן׳־טעלטער אַמוזירט זיך — — — (פערטראַכט זיך).

חוה (שמייכעלט). בערג —

בערג. יע?

חוה (קוקט איהם אַביסעל אָן). זאל איך זאָגען?

בערג. וואס?

חוה (שטעהט אויף פון שטוהל, לעגט איהם אַ האַנד אויפ׳ן אַקסיל). וויפיעל איהר זאָלט ניט רײדען, בערג, וועט זיך מיר אַלץ דאַכטען אַז איך בין קליגער פאַר אײַך.

בערג (שמייכעלט קוים, פערווירט). וואַ — — — וואס?...

חוה. איך; ווײַצמאַנ׳ן אויך. און לײקענט ניט אָב — אַ ניט רײַם איך אײַך אויס די טשופּרינע (נעהמט איהם פאַר די האָר).

בערג (הויבט זיך אַביסעל אויף פון שטוהל, מיט׳ן זעלבען פערווירטען שמייכעל). וואַ — — וואס?...

(אונטער דער גאס-טהיר הערען זיך עטליכע שטימען)

**חוה.** ס'איז ער! שא... שטיל!... לאזט, איך וועל מיך זעצען אויף אײער שטוהל, מיט'ן פּלייצע צום טהיר (זי שטופּט איהם אב און זעצט זיך, מאכט זיך לעזענדיג. מ'קלאפּט אן אין טהיר) איהר וועט עקסטרע זעהן, בערג, ווײצמאן וועט מיר צו האלטען די אויגען. (בעהאלט דעם קאפּ אין בוך) אריין!

**בערג.** וואָ— — —וואס?... (געהט צו נעהנטער צו דער גאס-טהיר.)

(ס'קומען אריין ווײצמאן, ליפּשיץ, טעמע).

**ווײצמאן** (גיעט בערג'ן די האנד, אהן ווערטער.)

**ליפּשיץ.** זײ זיצען דא טאקי!

**טעמע.** זעהט וואס עס טהוט זיך: טהע און בײגעל!

**ווײצמאן** (בעמערקט חוה'ן און ס'פאלט איהם וואס איין. ער ווײזט מיט א פינגער צום מויל מ'זאל שווײגען, און געהט צו אונטער חוה'ס פּלייצע, האלט איהר צו די אויגען, אלע בלײבען שטיל, שטעלען זיך נעבען ווײצמאנען, בערג שטעהט ווײטער אביסעל, נעבען בעטיל).

**חוה** (דאס געזיכט מיט די בעהאלטענע אויגען אין פּובליקום). טעמע'ס האנד!

**אלע.** (איפּער בערנען. בויגען זיך אין דרײען, ניטש צו לאכען.)

**חוה.** טעמע! טעמע! איך שפּיר... בערג, זאגט ווער איז עס! א יא טעמע!

**בערג** (פון ווײטען, טרוקען). נײן.

**חוה.** נו איז ליפּשיץ... ליפּשיץ! ליפּשיץ! איך דערקאן...

**אלע** (בויגען זיך אין דרײען פאר געלעכטער).

**חוה.** בערג, איז עס ניט ליפּשיץ?

**בערג.** נײן.

**ווײצמאן** (כאפּט אראב די הענד פון איהרע אויגען פערוואַרפט זיך א הינטער, ליפּשיץ און טעמע טהוען דאס זעלבע).

**חוה** (דרעהט אום דעם קאפּ, קוקט יעדען דורך די אויגען, שמײכלענדיג). בערג, ווער איז עס געווען?

**בערג.** ווײצמאן.

**חוה** (בערג'ן לאכענדיג) זײט איהר קלוג...

**טעמע** (נעהמט פון טיש א בײגעל און עסט). חברה, נעהמט בײגעל; א ניט – עס איך אויף אלע!

ליפשיץ (נעהמט א צווייטען בויגעל). א, אויף איהר קען מען זיך פערלאזען ... אין גאם נאך האט זי מיר איינגערוימט וועגען איהר אפעטיט.

טעמע. און איהר, וואס האט איהר מיר איינגערוימט – זאל איך אויסזאגען?

ליפשיץ. איך זאג אליין אויס: (קוקענדיג אויף איהר ליעב) איך האב איהר געזאגט: אז, אז –

טעמע. שוויינט! (לייגט איהם איהר האנד אויף'ן מויל).

ליפשיץ אהא!..;

וויצמאן. היים געבען טהע, בערג.

בערג (רופט אין דער קיך טהיר). גרונע!

חוה. מ'דארף איהר דא ניט האבען, געהט, זאגט איהר אין קיך!

בערג (אב אין קיך).

חוה. אט אוי! איך וועל איהם ווייזען...

טעמע. וואס ווילסטו?

חוה. כ'האב איהם פיינד.

ליפשיץ. נוטע בייגעל, וויצמאן, נעהם איינעם.

וויצמאן. טהע וויל איך! (נעהט איבער'ן צימער און בלייבט שטעהן פאר'ן בעטיל, בעקוקט דאס בילד).

טעמע. זעהט נאר, ער האט שוין אנגעגרייט געבען זיך דעם צווייטען (האפט אוועק פון געבען ליפשיצען דעם בייגעל).

ליפשיץ. ע'! דאס לאז איך שוין ניט אב... (געהט צו איהר צו ביים פענסטער, ראנגעלט זיך מיט איהר, נעהמט איהר פאר די הענד, וויל, נאר איילט זיך ניט צוגעהמען ביי איהר דעם בייגעל).

חוה (געהט צו אויף די שפיץ פינגער צו וויצמאנען ביי'ם בעטיל און פארשטעלט איהם פון אונטען די אויגען).

בערג (קומט פון קיך, זעהט ביידע פאר, רופט ארויין גראגען). גרונע!

גרונע (קומט ארין, בלייבט שטעהן נעבען טהיר, קוקט אויף בערג'ן און שמייכעלט).

בערג (שמייכעלט צו איהר צוריק). וואס האב איך איך געבעטען ברענגען?

גרונע. דריי גלעזער טעה. (שמייכלען די גאנצע צייט איינע צו די אנדערע).

וויַצמאַן (נעהמט אָן חוה'ס אַ האַנד). חוה! (דרעהט זיך צו איהר אום).

ליפשיץ (ברענגט אָב אַן טעמע'ס האַנד אַ האַלבען פון בייגעל). מיר אַ האַלב און אייך אַ האַלב!

בערג (שמייכלענדיג צו גרונען). גוט...

גרונע (אָב).

טעמע. בערג, דאָס מיינט איהר מיך מיט די אותיות ט, מ. און אייער היינטיג ליעד'ל?

בערג. אייך.

טעמע (צו ליפשיצען). אהאָ! יעצט גלויבט איהר שוין?

ליפשיץ (נעהמט אַרויס אַ ריגעס זשורנאַל). נו? איהר ווידמעט עס איהר?

חוה (חאַפּט אַרויס דעם זשורנאַל פון ליפשיצען). ווייזט נאָר, בערג'ס אַ ליעד'ל, אַ נייע וועלט!.. (מישט אין זשורנאַל).

בערג (מיט אַ לײַכטען פערדרוס). פריילין גינצבורג —

חוה. אָט איז עס: אַבְרָהָם בֶּערְג! מיט אַזוינע גרויסע אותיות! — הערט:

(גרונע טראָגט אַריין 8 טהע, אַלע זעצען זיך בײַ'ם טיש.

בערג (לייגט זיך אויפ'ן בענקעל, מיט'ן פנים אַרויף צו דער סטעליע, די הענד אונטער'ן קאָפּ).

חוה (לעזט). „פריהלינג'ס־עקסטאַז“.

וויַצמאַן (אונטערברעכענדיג, אביסעל פאַר־זיך). פריהלינג'ס עקסטאַז!.. (געהט צו צום טיש).

חוה (לעזט). געווידמעט: ט. מ.

טעמע. מיר, טעמע מאַרקאָוויטש! (טרינקט איהר טהע).

חוה (לעזט). „ווען דער טאָג הויבט אָן פערגליה'ן

„די זונן הויבט אָן זיך צו פערשטעקען;

„און דער הימעל ווי ברושטין —

„צינד זיך אָן אין אַלע עקען... —*)

וויַצמאַן (לייענט איבער נאָך אַמאָהל). און דער הימעל ווי ברושטין — צינדט זיך אָן אין אַלע עקען!..

---

*) די פיער שורות זיינען אַ פּאַראָדיע פון עפּעס אַ ליעד'ל.

ווײַצמאַן. אַבסורד!

בערג (פון בעט). וואָס געפעלט דיר ניט?

ווײַצמאַן. ווײַל ס׳איז אַן אַבסורד! (טרינקט זײַן טהע).

בערג (זעצט זיך אויף, אויפ׳ן בעט).

ליפשיץ (פאַר זיך, טרינקענדיג). — און דער הימעל ווי ברו־שטין — (העכער) ברושטין איז אַזאַ שטײַן, יע?

בערג (פון בעט). אַ רויטער שטײַן.

ליפשיץ (ווי ער פערשטעהט שוין). אַ רויטער שטײַן...

ווײַצמאַן (גיעט ליפשיצען אַ נעל פינגערנאַגל-שפּיצעל). מײַן סיגאַ־רען-שפּיצעל —

ליפשיץ. אַה, פון ברושטין? נאָר ניט אַזוי רויט...

בערג (פון בעט). וואָס אַנבעלאַנגט פאַרבען, פערלאָזט זיך אויף מיר, ליפשיץ.

ליפשיץ. איך פערלאָז זיך, איך פערלאָז זיך!..

חוה. פאַר וואָס עפּעס פאַרלאָזען זיך אויף אײַך?

בערג. ווײַל איך ווײס זיך אויף פאַרבען!.. ווײַל פאַרבען דאַרף מען שטודירען... די נעזעלשאַפט אין אַלגעמײַן האָט זעהר אַ קלײַנע אהנונג פון פאַרבען. קאָליאָרען זענען איבערהויפּט ווענינ אויף דר׳ערד... יאָ, דער הימעל איז רײַכער אין פאַרבען, און האָט זיי פיעל מעהר (בעטאָנט שטאַרק) ניט אַלע מענשען האָבען אָבער אַזוי ליעב דעם הימעל... און דערמאַן איך שוין יענע פאַרבען (הויבט אויף אַ פינגער צום באַלקען) מוז איך בעמערקען, אַז זיי זענען ניט אַזוי דויערענד ווי דאָ אויף דר׳ערד: דאָ בלוי — איז שטענדיג בלוי; גרין — איז שטענדיג גרין. דאָרטען — גיסען זיי זיך אײַן פאַרב אין דער אַנדערער. ערשט איז דער הימעל גוט רויט, נאָר אָט איז ער ווי ברושטין (נידעריגער אַביסעל) ניט אַזוי רויט...

ליפשיץ. ניט אַזוי רויט... אומהו...

בערג (הויבט זיך אויף פון בעט, צו ליפשיצען). און אַז איהר שטעלט זיך אָב ווענען פאַרבען, וועל איך אײַך אויסזאָגען אַ סוד... אַ סוד פון דער קינסטלער-וועלט: ס׳איז גרויסע ספקות! אַזוי ווי אומעטום אַזוי אויך ספקות אין פאַרבען —

ווײַצמאַן (שטעהט אויף פון טיש, געהט דעמאָנסטראַטיוו צום בעט צו און לײגט זיך אויף איהר ווי פריהער בערג; דאָס געזיכט אַרויף, די הענד אונטער׳ן קאָפּ.)

בערג (קוקט נאך וואס ער טהוט, רעדט דער נאך ווייטער). נעהמט א רעגען־בויגען, א פראסטען רעגענבויגען — וועט איהר שוין ווי־סען וואס הייסט ספקות אין פארבען... א רעגענבויגען! וואס איז א רעגענבויגען? א צוזאמענזאטץ פון פערשידען־פארביגע פאסען: רויט־בלוי, גרין־געל און נאך; נעהמט אבער און שטרייכט אונטער צווישען איין פארב און דער צווייטער, אוואו וועט איהר שטעלען דעם שטריך? וואו ענדיגט זיך איין פארב און, וואו הויבט זיך אן די צווייטע? אט האט איהר אנ׳אילוסטראציע פון ספקות! וואס מיינט איהר, פון וואהלטאג האט ליליען און די נייע שוהלע אב־געשניטען מיט אלע פארבען און מאהלען נאר שווארץ אויף ווייס?..

ליפשיץ. טאקי אזוי...

בערג (דערמאנט זיך). אט וואס די ספקות אין פארבען האבען נאך אויפגעטהון: יעדער אינדיווידיאום האט געקראגען אנ׳אנדער׳ן בעגריף פון איין און די זעלבע פארב... ניט ווייניג אזוי אינדיווידואליסטיש אין פארבען זענען מיר דאך אריינגעשלעפט געווארען אין דעם נייעם שטראם און, אונזערע מיינונגען זענען צעטהיילט געווארען אזוי, אז ווייצמאנען און אייך קען דער זאנען־אונטערגאנג שיינען פאר גוט רויט, (נידריגער) און מיר פאר ברוין... דער אינדיווידואליזם איז ניט נאר מאדער׳ן, ער זיצט שוין ווי איין אנגעגעסענע קרענק אין דער געזעלשאפט, צעריסען, צע־ברעקעלט איהר אויף פיצעלעך, געמאכט איהר אוים געזעלשאפט; א זאווערוכע האט זיך אריינגעחאפט אין גאנצע בערג צוזאמענגע־פאלענע, צוזאמענגעקלעבטע שנייעלעך, און צעיאגט זיי איינציגע אין דער לופטען, יעדעם שנייעלע פליהט בעזונדער; איך בין פון דער חיה ניט אין גאנצען צופריעדען, האטש איבסען האלט פון איהר שטאל און אייזען...

ליפשיץ. אבער —

בערג. אבער! וואס אבער? איהר זענט ניט די ערשטע קלוגע פרומע לייט, וואס זוכען אין יעדע זאך די עלטקייט... מיר קענען זיי שוין פון לאנג ווייל מיר זענען אליין געווען אזעלכע... געווען און זענען אבער נישט מעהר! איך אליין בין ניט לאנג ארוים פון אייער חדר, — איך בין אבער ארוים!... און איהר וועט אלע ארוים—, אלע, אלע! (איראניש) וועלכע ליעבען אזוי דאס עלטע, דאס אמת־וואהרע, ווייל פון צופיעל גראבלען זיך, כדי צו

דערנעהן דאָס געניִיע, איִז אַרויסגעשוואומען דאָס אונגעניִיע; פון צופיעל טיִעפען זיִך איִן פאַרבען האָט אַרויסגעשפּראָצט דער דעקאָראַנס איִן פאַרבען. לעאָניִד אַנדרעיעוו שרייבט אַנ׳ערצעהלונג:

Красный смѣхъ!

ליִפּשיִץ. אמת...

בערג. אַנדרעיעוו האָט געוואָלט עלט זיין — האָט ער זיִך אַזוי לאַנג פערטיִעפט איִן זיין געלעלטער, אַזוי לאַנג איִהם פונאַנדערגעגליִעדערט פאַר זיינע אויגען, ביִז ער האָט דערזעהן, בעשיינפערלעך דערזעהן, אַז ער איִז אַ רויטער —

ליִפּשיִץ. באַ!..

בערג. ניִט וויִלענדיִג ווערען מיִר אַריינגעשלעפּט איִן נייעם שטראָם; מיִר לעבען איִן אַזאַ צייט וואָס יעדער קוקט מיִט זיינע אייגענע אויגען, פיִהלט מיִט זיין אייגענעם האַרץ, מאָהלט ווי ער פערשטעהט אַליין...

וויִיצמאַן (פון בעט). אָבער העֶר נאָר דו, רעדסט אַזוי פיִעל אָן, — חוה, לעזט נאָר איִבער די לעצטע פון די פיִער שורות —

חוה (לעזט). ציִנדט זיִך אָן איִן אַלע עקען —

וויִיצמאַן (פון בעט). יע... „ציִנדט זיִך אָן איִן אַלע עקען!"

בערג. פאַר וואָס ניִט?

וויִיצמאַן. דער פאַר ווייל די זונן געהט אונטער איִן מעריב־זייט און, נאָר דער בערג, די זייט, אָרער ווי דו זאָגסט, כ׳הע, דער „עק" פון מערב־זייט ציִנדט זיִך אָן!

בערג. דו קריִכסט שוין גאָר אויף די גלייכע ווענד, וויִיצמאַן. מיִט וואָס זענען ברענען, זייטען — ווי דו זאָגסט, — שענער ווי עקען?

וויִיצמאַן (אויפגערעגט). זאָל שוין זיין עקען, עקען, עקען! אָבער אַלע ציִנדען זיִך דאָך ניִט אָן!

ליִפּשיִץ. מאַקע ניִט...

בערג (סקתר געווענדעט צו ליִפּשיִצען). קענט איִהר מיִר חושד זיין, איִך ביִן סענטיִמענטאַל...

וויִיצמאַן (זעצט זיִך אויף אויפ׳ן בעט). וואָס?

בערג (וויִיצמאַנען, פערענטפערט זיִך). איִך לייקען ניִט, איִך ביִן סענטיִמענטאַל...

וויִיצמאַן (שטעהט אויף פון בעט). אַ ליִגנער ביִסטו! (ער זעצט

זיך נעבען חוה'ן ביי'ם טיש, נעהמט איהרע א האנד אין זיינע, פאטשט אויף איהר לייבט).

**ליפשיץ** (הויבט זיך אויף פון טיש, געהט און לעגט זיך אויפ'ן בעט ווי וויצמאן). „אין אלע עקען" — א שטיקל נוזמא טאקי...

**טעמע.** בערג, איך נעהם ניט אן דאס ליעד'ל... אנ'אנדערס זאלט איהר מיר ווידמען.

**בערג.** אה, מע באיקאטירט מיין „פריהלינג'ס-עקסטאז"!

**וויצמאן** (דרעהט אוים דעם קאפ צו בערגען). ווייל ער איז פאלש.

**בערג** (טעמען). איך וועל אייך קיין אנדער ליד ניט ווידמען (זעצט זיך אויף א שטוהל טיעף אין מיט'ן צימער).

**טעמע.** פאר וואס?

**בערג.** ווייל ס'איז איינע פון מיינע געלונגענע מאטיווען...

**וויצמאן** (חוה'ן אינטים-איראניזירט). „דער הימעל צינדט זיך אן אין אלע עקען..."

**חוה** (אינטים-שטיל). אין אלע עקען?

**וויצמאן.** איהר געדענקט ניט? נעכטען —

**חוה.** אין פעלד?

**וויצמאן** (קומט אריין אין דער שטימונג). די זונן האט זיך געטרונקען —

**חוה.** אין מערב זייט...

**וויצמאן.** און אנגעצונדען האט זיך —

**חוה.** דער מעריב זייט...

**וויצמאן** (געהיימניס-פאל). דער מעריב זייט... און דער מזרח —

**חוה** (ציעהט זיך צו בענקשאפט און מורא). איז געווען גרוי — די נאכט האט זיך פון דארטען אנגערוקט.

**וויצמאן** (נעהמט איהר צארט ארום). די נאכט... (בלייבט אזוי זיצען) אין זייט האט דער טאג גע'גוסס'ט, געשפייט מיט בלוט, נשמה-ליכט אנגעצונדען און, פון דער אנדער זייט האט זיך געוועבט די נאכט... (פויזע).

**טעמע** (געהט אויף די שפיץ פינגער צו ליפשיצען צו, בקניעט ביי'ם בעט. רופט אין אוויילע ארום, שטיל). ליפשיץ —

**ליפשיץ** (דערוועהט זיך). אה, טעמע!.. (לעגט זיך אויף דער זייט דאס פנים צו איהר).

**טעמע** (שטיל). דאָס ליעד'ל איז גוט?

**ליפשיץ.** ניין, בעט אנ'אַנדערס...

**טעמע.** שרײַבט איהר אָן.

**ליפשיץ.** איך?

**טעמע.** איהר האָט נאָך קײנמאָהל ניט געשריבען קײן ליעדער?

**ליפשיץ.** ניין.

**טעמע.** פּרובט אַמאָל...

**ליפשיץ.** אָה, איך קען נאָך אויך האָבען א טעות און אָנמאַכען אַזעלכע צרות ווי ער...

**טעמע.** א דאַגה, האָט א טעות!...

**ליפשיץ** (נעהמט ארויס פון טאַש א בלײַ מיט א ווײַס שטיקל פּאַ־פּיער). אויף אײַער אחריות, געדענקט איהר האָט מיך געבעטען! (שרײַבט ליעגענדיג אויפ'ן בעט).

**טעמע.** גוט... איהר שרײַבט שוין?

**ליפשיץ** (הויבט אויף דעם קאָפּ פון פּאַפּיער). יע, איך רײד אָבער אוים פריהער: אָהן גראַמען. איך קען ניט מיט גראַמען...

**טעמע.** איז אָהן גראַמען, נאָר שרײַבט, שרײַבט...

**בערג** (הויבט זיך פּלוצים אויף פון שטוהל; הויך). עה, רעאַליס־טען! רעאַליסטען!

**אלע.** (אויסער ליפשיצען, האַפּען זיך אויף.)

**בערג.** אומזיםט אײַער מיה, איהר וועט מיר ניט אָנהענגען אײַער מאָדערנעם טרוקענעם רעאַליזם. ניבער וועט איהר נעמען אײַער אײַנגעדאַרטען שטײַס־בעזעם אין דער „שוויץ" און, אויספּאַ־רען איהם דאָרט אויף דער הויכע באַנק, אָנשטעקען איהם דאָרט מיט אַביסעל מיסטיקע. קענטיג טאַקע, אז דער קאָפּ אײַערער איז שטענדיג קלאָר און ניט געוואוינט צו א נעבעל... מעמערליַנג האָט זײַן מאַנאַ־וואַנאַ פון דער הויכער שוויץ־באַנק אַראָבגעבראַכט.

**ווײַצמאַן.** חוה, אפשר וועלען מיר געהן?

**חוה.** באַלד.

**בערג.** ווידער ווער הײסט אײַך לעזען פּאָעזיע? פאַר אײַך שרײַב איך פּראָזע, לעזט מײַנע פּראָזאַ! לעזט מײַנע ערצעהלונגען, מײַנע „בילדער פון לעבען", וואו איך בין רעאַל... רוקט זיך אָבער ניט — מײַנע ליעדער!

טעמע (געהט אביסעל אב פון בעט, דרעהט זיך בײ'ן גיבער-שענקעל, קוקט איבער ביכער. ושירנאלען).

וויצמאן. איהר געהט, חוה?

חוה. באלד...

בערג. אין מײנע ליעדער בין איך אנ'אנארכיסט, פרײ פון אלע רעגעלען, פרײ! כ'טהו וואס איך וויל —

וויצמאן (דרעהט זיך אום אויפ'ן שטוהל מיט'ן פנים צו בערג'ן, די נעמבע אויפ'ן ווענטיל פון שטוהל). נו?

בערג. איך טהו וואס איך וויל!

וויצמאן. קריכסט אויף די ווענד?

בערג. ריכטיג! ריכטיג בעמערקט... „איך קריך אויף די ווענד". זעהר כאראקטעריסטיש פאר דיר, כאראקטעריסטיש בעמערקט! (עקסטרע) — דער הימעל צינדט זיך אן אין אלע עקען!

וויצמאן (קעהרט זיך צו איהם שנעל אום מיט דער פלייצע).

בערג. און ווי דו ווילסט! שפרייט פונאנדער מיין פאנטאזיע איהרע פליגעל לאז איך איהר פליהען... מיט איין פונק צינד איך אן דעם גאנצען הימעל; דו וועסט דאס פייער ניט זעהן... פאר מיר אליין האט זיך דער הימעל פונאנדערגעפלאקערט... דו זאגסט: נאר דער איין מעריב זייט — גוט! פאר מיר אבער עקזיסטירען ניט די אנדערע הימעל-עקען; אין איין עק זעה איך אלע עקען... דער מעריב ענטהאלט אין זיך אלעמען: צפון, דרום, מזרח — טרעפסטו מיך אין אזא עקסטאז, — שטיל זײ, פראזאאיק! רעד קיין ווארט ניט! איך דארף זיך ניט אומקעהרען און זעהן די פינסטערע העלפט ווי דו, פערדארב מיר ניט, וויצמאן, מיין אילוזיע...

וויצמאן. טעמע, אנ'אנדער ליעד'ל זאל ער אייך ווידמען, איהר הערט?

בערג. האב איך איינגעמאהלט אנ'אונגעוועהנליכעס בילד, וועלכע דו האסט נאך אין לעבען ניט געזעהן, צערייס ניט דערפאר דעם לייוואנד... (גיעררינגער אביסעל און א ווייגענדיגען טאן) שענער איז דאך אוראי אז אלע עקען צינדען זיך אן, איטדער איין עק!...

וויצמאן (צו טעמען). אנ'אנדער ליעד'ל, טעמע!

טעמע. איך האב שוין בעשטעלט...

ליפשיץ (שפרינגט אויף פון בעט). בעשטעלט — און, שוין פארטיג!

טעמע (לױפט צו איהם צו), נו?!
ליפשיץ (מיט'ן פאפירל אין האנד). אומגעריכט האט זיך אריינגעכאפּט א גראם אויך!
טעמע (צופריעדען און פערוואונדערט). נו?!
ליפשיץ. אט וועל איך אייך ווייזען: (קוקט אין פאפיר'ל) וואנדער — אונטער!
בערג (געהט צו, לעגט זיך אויפ'ן בעט, אונטער'ן נאז). וואנ־דער־אונטער...
ווייצמאן. דו אויך, ליפשיץ?
ליפשיץ (פערשולדיגט, ווייזט אויף טעמען). פאר איהר...
ווייצמאן. עקספּראָמט!
טעמע. ליעגענדיג!
חוה. און אין א שטוב מיט מענשען. — איהר שרייבט אויך אזוי, בערג?
בערג. ניין.
חוה (שושקעט זיך מיט ווייצמאנען און איין ווינקעל געבען טיש. זי דערצעהלט איהם עפּעס, ווייצמאן שמייכעלט).
טעמע (נעהמט ליפשיצען פאר'ן ארעם, פיהרט איהם צו דער טוואנ־מעצע, בעט איהם). לייענט...
ליפשיץ (לעזט פון פאפירעל). איך וואוין אין מערב—
און טעמע וואוינט אין מזרח;
קום צו מיר אין מערב,
קום צו מיר! —
דו קומסט! דו קומסט!
צו וואס איז עס געגליכען?
איז עס ניט די זונן וואס ציעהט פון מזרח
צו דעם מערב? —
דו קומסט! דו קומסט!
אויף מיין שווארצען שאָטען,
אויף דעם מערב,
איז געפאלען —
דיין גאָלדנער גלאנץ...
איך בין א קינד פון מערב,
איך האב נאך דיר געבענקט אין דונקעל'ן,

אין שטילען האָב איך דיך גערופען,
יעצט קום איך דיך, מײַן קינד!
טעמע —
נעה ניט צוריק, נעה ניט צוריק—
דער קום פון מײַנע ליפען זאָל דיך ניט פערטרײַבען...
אָה, דו געהסט צוריק!!
איך בלײַב אלײן אין מעריב —
דו קעהרסט זיך אום נאָך מזרח,
אָה, שלעכטע, שלעכטע וואונדער:
ניט אין מעריב זינקט די זונן,
אין מזרח געהט זי אונטער!..

(פויזע. ער בויגט זיך קים אײַן צו טעמע'ס שטערען און קוסט זי).

טעמע (רוקט זיך אָב ווײַטער).

ווײַצמאַן (צעלאַכט זיך לײַכט פון חוה'ס ערצעהלונג, דערמאַנט זיך). אַ נו, ווײַז נאָר ליפשיץ דײַן אַרבײַט.

ליפשיץ (ניעט נישט דאָס פאַפּיערל; פרעגט טעמע'ן). זאָל איך איהם ווײַזען?

טעמע. נײַן!

ווײַצמאַן (טעמע'ן). פאַר וואָס?

טעמע. איהר קענט נאָך זאָגען אז עס טויג ניט; איך וויל ניט אז איהר זאָלט עס זאָגען... ווײַזט ניט, ליפשיץ!

ווײַצמאַן (געהט צו, צו ליפשיצען, נעהמט איהם דאָס פאַפּיערל פון די הענד לעזט פאַר-זיך).

חוה (קומט צו און קוקט אויך אַרײַן אין פאַפּיערל. פאַר-זיך, נײַגעריג). צו טעמע'ן... (פויזע)

ליפשיץ (טרעט נאָהנט צו צו טעמען פערטהײדיגט זיך שטיל, כלומר'שט ער האָט ניט געוואָלט נאָר ווײַצמאַן האָט אלײן דאָס ליעדל פון זײַנע הענד ארויסגענומען).

טעמע (פרעגט איהם פרײַנדליך). איהר וועט עס דרוקען, ליפשיץ?

ליפשיץ (גיעט אַ הויב מיט די פלײַצעס). אַח!...

טעמע. גוט... איך האָב בײַ מיר אין דער הײַם ליעגען אַנ'אַלבאָם, אַ דינעם מיט זײַדענע טאָוועלעך, איהר וועט עס מיר דאָרט איבערשרײַבען...

ליפשיץ. גוט. (זיי ריידען שטיל, טעמע דריקט איהם זיין תאגר. קליינע פויזע).

בערג (פון בעט). ליפשיץ—

ליפשיץ. איהר ווילט מיר עפעס זאגען?

בערג. וואס איינענטליך הייסט ביי אייך: „ציגדט זיך אן?"

ליפשיץ (פערהוירט, קוקט אן טעמע'ן דריקענדיג פעסט איהר האנד). ציגדט זיך אן —

טעמע. וואס פרעגט ער?

ליפשיץ (געהיימניס-פאל). וואס הייסט ביי מיר: ציגדט זיך אן...

בערג (זעצט זיך אויף). יע, יע, איך פרעג ביי אייך —

ליפשיץ (קוקט אויף טעמע'ן). ביי אונז ביידען?

בערג. ביי אייך ביידען — (ווארפט א בליק צו ווייצמאנען און חוה'ן) און ביי נאך... זאגט מיר די ריינע בעדייטונג פון: ציגדט זיך אן? איך וויל וויסען גענוי אייער פארשטעלונגס-קראפט; איהר גאנצע גרוים וועל איך אבמעסטען: מיר דאכט זיך אז איך וועל מיך ניט דארפען שטעלען אויף א בענקעל... אז איך שרייב: דער הימעל ציגדט זיך אן און אלע עקען — קומט ביי אייך אויס! דער הימעל איז אין אלע עקען רויט —?

ליפשיץ (חאפט זיך אן). יא, יא!

בערג. א, אט האב איך עס! (שטעהט אויף, לאכט—) ציגדט זיך אן, — איז ביי אייך נאר רויט, דוקא רויט — און, ניט אנדערש! אט וואס איך זאג אייך און נאך אנדערע... (ווארפט א קוק אויף ווייצמאנען און חוה'ן) די טעגליכע געוואוהנהייט פיהרט מיט אייער געהירען, די איינפאכע טעגליכע געוואוהנהייט; איהר זייט ווייט פון דעם נייעם מענשען און פון זיין שעפפערישען גייסט; קיין איין אריגינעלער מאמענט! אייערע אלע אהנונגען וואס איהר האט פון יעדע זאך זענען אלטע, אינסטינקטיווע געירש'נטע פון אייערע עלטערן... געטהע שרייבט: Ich singe wie der Vogel singt, der in den Zweigen wohnet. פאר וואס חאפט איהר זיך ניט אן, אן דעם? זינגט דען געטהע אזוי ווי דער פאגעל? געטהע'ן דאכט זיך אבער אז ער זינגט ווי א פויגעל, שרייבט ער, און איהר — מוזט אבווישען די ליפען און שווייגען!

ליפשיץ (ווישט די ליפען):

בערג. נעהט עקסטרע ארויין אין דאנטע'ס גיהנם און זעהט

וויפיעל שווארצע פלאַמען ער האָט דאָרט אָנגעצונדען... דאַנטע'ן קענן זיך אַזוינס דאַכטען, דאַנטע איז אַ קינסטלער, איהר זענט קיין קינסטלער ניט; דאַנטע איז אַ געניע און איהר זענט —

ליפשיץ. פּראָסטע מענשען —

בערג. פּראָסטע! פּראָסטע! איך, אַז איך שרייב: דער הימעל צינדט זיך אָן אין אַלע עקען, זעה איך פאַר מיר אַזאַ בילד (ער זעצט זיך אויף אַ שטוהל): דער מעריב צינדט זיך אָן רויט; דער דרום צינדט זיך גרוי אָן, אין אַ גרויען עלענד; דער מזרח צינדט זיך אָן מיט אַ שווארצע בענקעניש און דער צפון — דער צפון ברענט אויך מיט אַ דונקעלען טרויער...

ליפשיץ. איהר מיינט גאָר אַזוי?

בערג. אודאי, אודאי!

וויינצמאַן (לאָזט דאָס ליעד'ל ביי חוה'ן אין האַנד). ליפשיץ — דיין האַנד! (דריקט איהם הערצליך די האַנד) אָבער גאָר, גאָר וואויל!

ליפשיץ. נו?

וויינצמאַן (לייגט זיך אויפ'ן בעט); גאָר וואויל, ווי קומט צו דיר אַזאַ שטימונג?

טעמע (געהט דערווייל צו, צו חוה'ן קוקט אויך אַריין אין פּאַפּיער).

חוה (שטיל צו טעמען). ער וועט עס דרוקען?

טעמע. ניין.

חוה. וואָס האָט ער געזאָגט?

טעמע. אַז ער וועט עס מיר איינשרייבען אין אַלבאָם.

חוה. מיט די זיידענע טאָוועלעך?

טעמע. יאָ...

חוה. האָט שוין ווער דאָרט עפּעס איינגעשריבען?

טעמע. ניין... מיר איז אַ שאָד געווען די ראָזע בלעטלעך.

חוה (שמייכעלט). וועט עס זיין דאָס ערשטע ליעד'ל?

טעמע. דאָס ערשטע און דאָס לעצטע...

חוה (גיעט איהר אַ לייכטען שנעל אין נאָז.)

וויינצמאַן. מעגסט אַ קוק טהון, בערג, דאָס ליעד'ל.

חוה (הויך דעקלאַמירענד.) ניט אין מעריב זינקט די זונן, אין מזרח געהט זי אונטער... — וואויל!

בערג (קומט צו, צו חוה'ן און טעמען.)

חוה (גיעט איהם דאָס ליעד.) 2 נ'אַט לעזט, און דערוועגט

זיך אָבער ניט עפּעס אויסזעטצען אויף דעם!... (חוה זעצט זיך ביי'ם בעטעל נעבען ווייצמאַנען. טעמע דערנעבען אויף אַ שטוהל).

ליפשיץ. ניין, ניין, אַדרבא... ס'איז אינטערעסאַנט אויס-הערען אַ מיינונג...

בערג (האַלט דאָס ליעדעל ווייט פון געזיכט, לעזט ניט זויבטיג מיט איין פערמאַכטע אויג). נו, ניט שלעכט... (גיעט איבער ליפשיצען דאָס ליעד'ל) ע, ליפשיץ... איך האָב גאָר ניט געוואוסט אַז איהר זענט אַזאַ מאַכער... ס'איז אייער ערשטע ליעד'ל?

ליפשיץ. ס'ערשטע.

בערג. איהר ערלויבט זיך אַביסעל צופיעל, נאָר גאָר נישט... ס'איז אייער ערשט?...

ליפשיץ (קנייטש דאָס ליעדעל אין האַנד). ס'ערשטע און ס'לעצטע...

בערג. סיידען אַזוי... זעהט איהר, ליפשיץ, אַלץ וואָס מ'וויל קען מען זיך ערלויבען, נאָר ניט ריהרען אַנ'אַקסיאָמע. ריהרען אַנ'אַקסיאָמע -- הייסט אָבלייקענען איהר. דאָס איז שוין אַ שאַרלאַטאַניזם.

ווייצמאַן (אויפגערעגט, פון בעט). בערג!

חוה (פון צו קאָפּענס, האַלט איהם צו דאָס מויל). וואָס [illegible]ווילט איהר זאָגען?

ווייצמאַן. ער רעגט מיך אויף.

בערג (ליפשיצען). ווידער טראָגען אייערע עטליכע שורות אַנ'אַבטאָביאָגראַפישען כאַראַקטער; ווער דאַרף עס דען וויסען וואָס איהר וואוינט און וואו פריילעין טעמע מאַרקאָוויטש וואוינט!

ווייצמאַן (אין אויפרעגונג). בערג! —

חוה (האַלט איהם צו ס'מויל ווי פריהער). ער רעגט אייך אויף?

ווייצמאַן. ניט דעם מויל נאָר די אויער'ן מאַכט מיר צו.

חוה (פערמאַכט איהם די אויהרען). גוט?

בערג. מיט אייך, ליפשיץ, איז נאָך אַ האַלבע צרה: איהר וועט עס אַודאי ניט טראַכטען פון אָבדרוקען... אַנדערע אָבער שטעלען אויף אַזוינע ליעדלעך און קריעכען מיט זיי אין רעדאַקציעס...

חוה (פרעגט ווייצמאַנען, צוהאַלטענדיג איהם די אויער ן). איהר הערט?

ווייצמאַן. האָ?

חוה (שמייכעלט). איהר הערט גאר ניט?

וויצמאן. וואס?

חוה (בייגט אראב צו איהם איהר געזיכט). גאר ניט?

וויצמאן (קושט זי אויף די ליפען).

חוה (שפריגנט אב.)

וויצמאן (שטעהט אויף פון בעט). מיר וועלען גאר געהן (קוקט ארויס אין פענסטער) א שענע נאכט אין דרויסען. (געהט אב פון פענסטער).

חוה (טהוט אן די היטעלע).

בערג (קוקט ארויס אין פענסטער).

ליפשיץ (לייגט זיך אויף דער בעט, צערייסט מיט א גאלעכטער דאס ליעד'ל און, ווארפט די ווייסע פאפירלעך אויף טעמע'ן). וואס זיצט איהר אזוי, טעמע...

טעמע (געהט צו איהם צו). וואס האט איהר געטהון?

ליפשיץ. צעריסען! (נעהמט אראב פון איהר אקסעל א ווייס פא-פירל. לעזט), אט: טעמע וואוינט אין מזרח—

טעמע (נעהמט איהם אןביידע הענד). קומט צו מיר אין מזרח...

ליפשיץ. איך קום...

וויצמאן. ווער געהט נאך?

ליפשיץ (שפרינגט אויף פון בעט). מיר געהען אלע.

בערג (ארויסקוקענדיג אין פענסטער). איך בלייב.

חוה (שטיל צו אלעמען). ער וויל יעצט שרייבען... (העכער) בערג, איהר ווילט יעצט שרייבען?

בערג. ס'איז מיר וואס איינגעפאלען.

חוה (צו די פריהערדיגע). אהא! (העכער) וואס רעכענט איהר שרייבען, בערג?

בערג (פון פענסטער). גאר א נייע זאך...

חוה (שטיל). בא... ס'האט איהם אנגעשפארט! ער וויל יעצט בעשאפען וועלטען... חברה, איהרווארט אויף מיר אביסעל אין גאס—

וויצמאן. וואסי?

חוה. איך בלייב נאך אביס'ל דא, כ'וויל זעהן... ש-שא... (שטעלט זיך אוועק צווישען אויווען און ביכער-שענקעל) איהר עפענט אויף די גאס טהיר און זאגט איהם א גוטע נאכט.

טעמע (טהוט אָן די היטעלע, זי עפענט אויף די גאס טהיר, נאָך איהר ווייצמאַן און ליפשיץ געהען ארויס און זאָגען איינער נאָך דעם אנדערען). א גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!

בערג (קעהרט זיך פערטראַכט אום פון פענסטער, געהט צום טהיר צו). אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט! (פערמאַכט נאָך זיי די טהיר, פערשליסט זי, נעהמט ארויס דעם שליסעל פון בלאָט-שלאָס, הענגט אויף א האַנדטוך אויף די קלאַמקע).

חוה (שמייכעלט צווישען אזיוועֶן און דעם ביכער-שענקל).

בערג (דרעהט זיך אום ביי דער טהיר, בלייבט פערטראַכט שטעהן). אַ שענע נאַכט! (פערלעגט די הענד אויף דער ברוסט, געהט צו צום פענסטער און קוקט ארויס; קומט דער נאָך צו צום טיש, זעצט זיך, נעהמט אונבעוואוסט די פעדער אין האַנד, פערטראַכט זיך מיט אנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ) אַ שענע נאַכט... (לעגט אוועק די פעדער, שפּאַרט אָן ביידע עלענבויגען אויפ'ן טיש, גראָבט אריין אלע צעהן פינגער אין קאָפּ האָר, רעדט פערטראַכט נאָכאַנאַד) אַ שענע נאַכט, אַ שענע נאַכט, אַ שענע נאַכט... (הויבט זיך אויף פון שטוהל די הענד פערפלעכט אויף די פּאַטיליצע, שפּאַצירט הין און צוריק, געהט זיין געדאַנקען ענטקעגען, קעהרט זיך פּלוצלונג צוריק צום טיש, נעהמט פון דאָרט די פעדער און שפּאַצירט עטליכע מאָהל מיט איהר אין צימער. איילט אין מיט'ן דערין ווידער צום טיש און שרייבט עפּעס אויף, לעזט עס דערנאָך) איך בין דאָס האַרץ פון נאַכט... (ברעכט זיך דעם רוקען און צוכעט זיך, ווי ער וואָלט אָבגעשטהון אגרויסע לאַנגע אַרבייט.)

חוה (געהט ארויס פון איהר בעהעלטעניש, בלייבט שטעהן אין מיט'ן צימער).

בערג (דרעהט זיך אום, דערזעהט איהר, גיט א טראָט צוריק). אח!

חוה. פערצייה'ט, בערג...

בערג. חוה!

חוה. איך האָב אייך געוואָלט זעהן צווישען צוויי וועלטען...

בערג. איהר זענט דאָ געוועֶן, חוה?

חוה. און געזעהן; איהר האָט זיך נעבעך געמאַטערט...

בערג. איהר האָט געזעהן... אָה, איך שרייב ניט פריהער איידער איך האָב די גאַנצע שטימונג... פאַאוסט האָט זיך געשריבען 40 יאָהר... אָבער, זעהט נאָר, זעהט, ווי איך האָב פון גאָר נישט געוואַסט!

חוה. איהר האָט ניט געקענט וויסען... אַ נו, טרעפט וואו איך בין געשטאַנען?

בערג. איך הויב ניט אָן צו טרעפען... זאָגט מיר אפילו ניט אויס, ווייל איך גלויבען: פון הימעל ועגט איהר מיר געפאַלען...

חוה. פון צווישען איווען, בערג... איך שטער אייך?

בערג. אָה, ניין! מיט איין מאָמענט פריהער ווען איהר בעוויזט זיך וואָלט איהר מיר איבערגעפיהרט אַ וועלטענע שטימונג...

חוה. ריכטיג?

בערג (פרעהליך). איהר האָט עס אָבער ניט געטהון גליק־ליכערווייזע. אָה, איהר מוזט ניט זיין קיין שלעכטע!.. (וויל איהר אַ גלעט טהון איבער'ן געזיכט).

חוה. נאָ!

בערג (וויל פערבלעטען זיין ניט געשיקטע בעוועגונג, כאַפט פון טיש דעם בויגען פאַפיער). אָט איז עס... איהר זעהט: איך בין דאָס האַרץ פון נאַכט!

חוה. דאָס איז גאַנצען?

בערג. אין גאַנצען! דאָס איז די שטימונג! אין דער שורה האָב איך אַלץ אויסגעזאָגט; דער גרונד פון דאָס גאַנצע ליעד איז אין די פּאָר ווערטער! דאָס איבריגע איז שוין אַ קלייניגקייט.

חוה. שווער אָבער קומט אייך אָן, בערג, דער גרונד...

בערג. אמת... אמת... ס'הייסט — ניט אַזוי שווער, נאָר ערנסט, ערנסט חוה... פאַאוסט האָט זיך געשריבען 40־יאָהר!... די שטימונג מוז זיין אַ גאַנצע, און האָב איך זי שוין, דריק איך איהר אויס אין עטליכע ווערטער... דאָס איבריגע איז שוין אַ קליי־ניגקייט... יעצט קען איך גאַנץ רוהיג אוועקלייגען דעם בויגען פאַפיער אויפ'ן טיש און פערברענגען מיט אייך וויפיעל דאָס האַרץ געלוסט... די לירישע פאָעמאַ איז שוין ביי מיר ווי אין טאַש... קומט חוה, ועצט זיך נעבען פענסטער! (ער רוקט צו צוויי שטוהלען צום פענסטער ועצט זיך אויף איינעם, זינגט כמעט אַרויס) — „איך בין דאָס האַרץ פון נאַכט!..“ אַ שענער רעפרען פיר אַ לירישעם פאָעמאַ, וואָס? (קלאַפט אויף אַ צווייטען שטוהל) זיצט, חוה!... דאָס איבריגע איז אַ קלייניגקייט —

חוה (קוקט איהם אָן מיט חשד). שליסט אויף די טהיר, בערג, וויל געהן...

(ס'ווערט דונקעלער אין צימער).

בערג. אייך דוכט זיך אודאי אז די לאָמפּ געהט אויס! איילט זיך ניט... ס'וועט נאָך ברענען, חוה! און טאָמער ניט, צינד איך אָן אַ זונן אין צימער, אַמאָרגענזונן! אין אַלע ווינקעלעך וועט עס פֿערשיינען—

חוה. איהר זייט דאָס האַרץ פֿון נאַכט!

בערג. דאָס איבּריגע איז אַ קלייניגקייט. (שטעהט אויף, קומט צו נעהנטער צו איהר) ס'הייסט ניט קיין קלייניקייט, ס'דאַרף נאָך גע־מאָלט ווערען אַ בּילד פֿון אַ שענע פֿריהלינג'ס־נאַכט. אַ לבנה מאָהלען, שטערען שלייפֿען און איינפֿאַסען זיי אין אַ בּלויען הימעל, פֿערפֿלאַנצען אַלעען און געפֿינען דאָרט די הייליגע הייסגעליבּטע —

חוה. איהר האָט נאָך אַסך אַרבּייט, בּערג... שליסט אויף—

בערג (נעהמט איהר אָן פֿאַר אַ האַנד). בּלייבּט נאָך!... זעהט איהר, דאָס בּילד דאַרף זיין עכט, ניט אַזוי דאָס בּילד, ווי די בּלומען; אַראָבּ שמעקען דאַרף פֿון זיי און פֿערשכור'ן... און דער הימעלע זענט איהר אַ זומער פֿייגעלע, נאָר אַז איך וועל אייך ניט אויפֿשליסען די טהיר וועט איהר ניט אַוועק פֿליהען... דאָס בּילד פֿון אַ זומער נאַכט מוז זיין פֿאַרשטעלט און בּעשאָטען מיט פֿיאַלקען, ראָזען, ציפּרעסען מיט ריחות און זאַפֿטען, און עכט מוז עס זיין, ס'מוז לעבען!... אַז ראַפֿאַעלי האָט געמאָהלט אַ בּלום, האָט די בּלום געלעבּט, פֿייגעלעך פֿערבּייפֿליהענדיג האָבּען פֿון איהר גע־פּיקט, איהר פֿערשטעהט, געפּיקט! (גיעט איהר אַ קיצעל אין בּאַק).

חוה. (לאָזט איהם אַראָבּ אַ קלינגענדיגען פּאַטש). די טהיר שליסט מיר אויף!

בערג (בּלייבּט שטעהן פֿערלאָרען. די הענד אַראָבּגעלאָזט).

חוה (טרעט אויף איהם צו, שטרענג). שליעסט אויף די טהיר!

בערג (שליעסט שווייגענדיג אויף די טהיר).

חוה (אָב).

בערג. (פֿערשליעסט אונטער איהר די טהיר, לאָזט דעם שליעסעל שטעקען, בּלייבּט נאָך דאָרט אַ ווײַלע שטעהן, רופֿט דערנאָך צו דער קיך־טהיר: גרונע... גרונע, (קומט אַריין, בּלייבּט שטעהן בּיי דער טהיר און שמייכעלט.)

בערג (קוקט איהר אַבּיסעל שטאַר אָן, נעהט דערנאָך צום טיש און פֿערלעשט די לאָמפּ. ס'ווערט גאַנץ פֿינסטער).

פֿאָרהאַנג.

דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק

# אייזיק שעפּטעל

אַרבייטער דראַמאַ אין 3 אַקטען

פון

דוד פּינסקי

ארויסגעגעבען פון
א. מ. יעוואַלענקאָ
ניו יאָרק

Copyright, 1907
By A. M. Evalenko, Publisher

# פּערזאָנען:

אייזיק שעפּטעל, אַ שמוקלער.
ביילע, זיין פרוי.
גישינקע,
עליִנקע,
זייערע קינדער.
פּיניע, אייזיק'ס פאָטער, א משגענער.
נאָטע גאָלדין, אייזיק'ס בעל הבית.
מיכעל דער אַלטער,
בערע דער רויטער,
זעליג קאָמעדיאַנט,
לייוויק,
סענדער,
היליע,
יאָשקע,
גאָלדינ'ס אַרבייטער.
טעמע,
מלכה,
אַרבייטערקעס ביי גאָלדינען.
ציפּע,
דאָבע,
אייזיק'ס שכנות.
געליע, ציפּעס טאָכטער.
הינדע,
סאָסיע,
דאָבעס טעכטער.
וויכנע די קרעמערין.

די בעגעבענהייט קומט פאָר אין א גרויסער שטאָדט אין דער „טשערטא אסעדלאסטי" אין דעם אָנהעב פון די נײַנציגער יאָהרען פון דעם נײַנצעהנטען יאהרהונדערט.

# ערשטער אַקט.

איזיק שעפּטעל'ס קעלער־וואָהנונג. רעכטס ביי דער וואַנד צוויי הילצערנע בעטען, איינס הינטער דעם אַנדערן, בעדעקט מיט שמאַטעס, די ציכלעך אויף די קיסען זיינען קויט־שוואַרץ און מיט גרויסע שמוציג־געלע קינדער־פלעקען. פאָרנט אין מיטען צימער דער קליינער פיערפיסיגער טיש, אָהן אַ טישטוך, מיט דריי שטולען אַרום איהם. די רויטע פאַרב, מיט וועלכער דער טיש מיט די שטולען זיינען אַ מאָל בעפאַרבט געוועזען, האָבען אָנגענומען אַ שמוציג־גרוי אויסזעהן מיט מעהר אָדער ווענינער רויטע פלעקען. דער שטול לינקס איז אָהן אַ ווענטעל. פאָרנט ביי דער לינקער וואַנד אַ קליינע קאָמאָד, אויף וועלכער עס געפינען זיך אַ קליינער שפּיעגעל, דריי מעשענע לייכטער און אַ ברוין געוואָרענער שוואַרצער קאַפּעליוש; הינטער דער קאָמאָד אַ שטול, מעהר אַרויסגערוקט צום מיטען צימער. דערביי די טיר פון ציפּעס צימער. הינטען, נאָך דער טיר, דער גרויסער אויווען מיט זיין לאָך צו דער רעכטער וואַנד. צווישען דעם אויווען און דער לינקער וואַנד איז אַ געלעגער פון ברעטער, אויף וועלכען עס געפינט זיך דער אַלטער פּיניע. אין מיטען פון דער הינטערוואַנד די טיר, וועלכע פיהרט צום פאָרהויז און אין דאָבעס צימער, פּונקט ענטקעגען איהר איז די גאַסטיר. צווישען דעם אויווען און דער טיר שטעהט אַ לאַנג, שמאָל קיכענבייגקעל. אונטער דער באַנק איין עמער, אויף איהר אַ פּאָר טעפּלעך, איבער איהר פּאָליצעס מיט א קופּערנער פּאַן, אַ לאָקשענברעט און טעפּלעך, צווישען איהר און דעם אויווען ווילקעס, אַ לאָפּעטע, אַ גראָבאייזען, א בעזים. רעכטס פון דער טיר אַ געלער גלעזער־שראַנק, אויבען אַ ביסעל העלער, ווייל אונטען איז ער בעדעקט מיט שמוץ. אַ שטיקעל גלאָז אין דעם אויבערסטען ווינקעל פון דער שראַנקטיר ציינט, אַז אַ מאָל איז אין דער אויבערסטער העלפט געוועזען אַ גאַנצע שויב; יעצט איז דאָס לאָך פערקלעבט פון אינוועניג מיט אַ גרויסען בלויען בויגען פּאַפּיער, פון וועלכען די פאַרב האָט אַ ביסעל

אָבגעבליאַקעט. צווישען דעם שראַנק און דער רעכטער וואַנד, צוקאָפּענס איבער דעם הינטערסטען בעט, הייגגען קליידער, פערדעקט מיט אַ גרויען פאַר שמוץ און אין א סך ערטער צופאַלענעם ליילעך. נעבען דעם הינ־טערסטען בעט שטעהט יעצט דאָס וויעגעל. — אין צימער הערשט דאָס האַלב־דונקעל, ווי אין יעדעם קעלערצימער, פון וועלכען די פענסטער ליעגען אונטער דעם ברוק פון דער גאַס. די שויבען זיינען גרוי, בע־דעקט מיט שמוץ, און נור אן דעם העלען, אין גרין איבערגעהענדען שיין אויף די פענסטער דערקענט מען, אַז דרויסען שיינט די ליעבע זון. די געוויסטע וועגד זיינען שוואַרץ, פעררויכערט, מיט פלעקען פון שימעל און פייכטקייט. וואו נישט וואו קוקט אַרויס אַ העלער פלעק, ווי דאָס טרויעריגע אויג פון איין איינאויגיגען, און פערגרעסערט נאָך דעם או־מעט. שוואַרץ און פעררויכערט איז אויך די סטעליע, פון וועלכער עס פאַלט אָב די שטוקאַטורקע. און די פאָדלאָגע קאָן מען נישט דערקענען, פון וואָס זי איז געמאַכט געוואָרען: צו איז זי פון ברעטער צוזאַמענגע־שלאָגען, אָדער פון ציעגעל אויסגעלעגט, אָדער איז עס די שוואַרצע, קאַלטע מוטער ערד. אין צימער הערשט ניט אַזוי די אָרימקייט, וועלכע וואָלט זיך נאָך לאָזען פערדעקען, ווי דער עיקר די אָבגעלאָזענקייט, די נאכלעסיגקייט, די מידע פערצווייפלונג און די פערצווייפעלטע פער־ורעבטהייט.

א י י ז י ק  ש ע פ ט ע ל זיצט ביים טיש און שניידט מיט אַ מעסער אַ שטיקעל האָלץ. אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, דאַר און מאָגער, מיט איינגעצויגענע באַקען אונטער א געדיכטען בלאָנדען בערדעל. די בלייכע, דינע ליפּען האַלט ער איינגעפּרעסט, און אָפט בייסט ער די אונטערסטע אָדער די אויבערסטע ליפּ, אַרייגכאַפּענדיג בשעת מעשה דאָס האָר פון די קליינע וואָנצען. די אויגען טיעף איינגעפאַלען אונטער גע־דיכטע און לאַנגע ברעמען; זיין בליק איז פערקלערט, שאַרף, טיעף, בע־לויכטען פון אַן אינווענינסטען פייער. ער טראָגט אויף זיך איין אין די אַרבעל און אין די פאָלעס צוריסען רעקעל, וואָס איז צוגעשפּיליעט אויף דעם אונטערסטען קנאָפּ, ווייל די איבריגע פעהלען. דאָס העמד, וואָס קוקט אַרויס פון אונטער דעם אויבען אָבגעקנעפּטען רעקעל און פון די לעכער אין די אַרבעל, איז שמוציג און אויף דער ברוסט אָפען, אַזוי אַז

עס זעהט זיך אַרויס זיין מיט האָר בעוואַקסענע, איינגעפאַלענע ברוסט. די גרויע הויזען זיינען אין די קני פערלאַטעט מיט שטיקלעך פון אַ פיעל העלערער מאַטעריע, און די לאַטעס קוקען אויס ווי פענסטער; אונטען זיינען זיי אויסגעריבען און צוריסען. זיינע שטיעפעל זייען געל און ברויין, מיט צוקרימטע אָבזאַצען און געלעכערטע פאדעשוועס. דער נישט פערקעמטער, געדיכט בעוואַקסענער דונקעלבלאָנדער קאָפּף איז אָבגעדעקט.

— אויפ'ן טיש פאַר איהם אַלערליי רעדעלעך, גלייך צוגעשניטענע העלצ־לעך, אַ לאַנגער און ברייטער פוס פון אַ מאַשינקע, אין וועלכען עס איז אַריינגעשטעקט אַ לאַנג קיילעכדיג שטעקעל מיט לעכעלעך פון איין זייט און צוגעמאַכט געוואָרען אַ ראָד פון דער אַנדער זייט. צווישען דעם ראָד און דעם שטעקעל איין אַקס, אויך מיט לעכעלעך. ווייטער געפינט זיך אויפ'ן טיש אַ צירקעל, אַ קליין זעגעל, א לאָד־בויערער, שטיקלעך גלאָז, פאָדים א. ז. וו.

ב י י ל י ע זיצט אויף דעם פאָרדערסטען בעט מיט עלינקען, אַ קינד פון אַ יאָהר אנדערטהאַלבען, אויפ'ן ארם און גיט איהם די ברוסט. זי איז אין איינע יאָהרען מיט אייזיק'ן, מאגער, מיט אַ פלאַכער ברוסט, קויטיג, אויפ'ן געזיכט נעבען די אויערן ליעגען רצועות פון נישט אָב־געוואַשענעם שמוץ. דאָס ציצענע קלייד און קאָפּטע זיינען צוריסען און צופליקט און בעדעקט מיט לאַטעס. אויפ'ן קאָפּף אַ בונט טיכעל פון נישט צו דערקענענדע פאַרבען, וואָס ליעגט קרום און פון אונטער וועלכען עס שפּאַרט אַרויס איבער דער שטערן אַ פּוק קאַשטאַניענפארביג האָר. איהרע שיך זיינען שוין אויך לאַנג נישט געפוצט געוואָרען. דאָס קינד אויף איהר ארם טראָגט אַ לאַנג העמד פון אַ גרעסערן קינד.

פּ י נ י ע זיצט אויף דעם ברעטערגעלעגער צווישען אויזוען און קוקט אין דער ווייטענס מיט משגענע אויגען. זיין שוואַרץ־גרויליך בערדעל אַרום זיין געלען געזיכט איז אויסגעקראַכען און שיטער, ווי אויך דאָס האָר אויפ'ן קאָפּף, אויף וועלכען ער טראָגט איין אַלט, אויבען פעט געוואָרען און אין אַ סך ערטער צוריסען היטעל. אויף דעם הוילען

לייב אַ וואַטען קאַפּטעל, פון וועלכען דער איבערשלאַג איז כמעט אין גאַנ־צען צופאַלען; איבער דעם קאַפּטעל אַ לאַנגער אַלטער צופאַלענער שוואַר־צער מאַנטעל. ווען דער מאַנטעל איז אָפען, זעהט מען אַראָבהיינגען דיקע ציצית פון אַ שטאַרק צוריסענעם לאַנגען ארבע כנפות און אַ „סימן“ פון הויזען.

ביים הינטערסטען בעט נעבען שראַנק שטעהט ג י ש י נ ק ע, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פיער, און שפּיעלט זיך מיט איהר קוקלע — אַ שטעקעל, איינגעוויקעלט אין אַ שמאַטע. זי איז נישט געקעמט און ווי אַלע אין צימער שמוציג, מאגער, הויט און ביינער, אָבגעריסען און באָרפוס. זי רעדט פאַר זיך מיט איהר קוקלע: „אַנטון... ניט וויינען... שלאָגען... עסען...“

ביים אויווען שטעהט ד אָ ב ע, אַ קורצע, אַלטע, איינגעקאַרטשעטע אידענע פון אַ יאָהר 55 אין אַ ליאַמקע און ציעפּיק אויפ׳ן געגאָלטען קאָפּ; זי שטעלט צו איהר טעפּעל.

עס איז אַרום האַלבען טאָג. אין צימער איז שטיל. מען הערט נור אייזיק׳ס שווער שניידען מיט דעם מעסער, גישינקעס אונטערברומען און דאָבעס אַרומשאַרען מיט דער ווילקע אין אויווען. פון ציפּעס צי־מער הערט זיך צייטענווייז דאָס שטאַרקע קלאַפּען פון אַ זאַקענמאַשינע.

א י י ז י ק הערט אויף צו שניידען, בעטראַכט דאָס העלצעל, וואָס ער האָט געשניטען, און דאַן די רעדעלער, וועלכע ליעגען פאַר איהם אויפ׳ן טיש, און קניוטשט די שטערן, בייסענדיג די אויבערסטע ליפּ.

ב י י ל י ע העבט אויף איהם אויף אַ פרעגענדיגען בליק. — די זאָקענמאַשינע הערט אויף אַ ווײלע צו קלאַפּען.

פּ י נ י ע העבט זיך לאַנגזאַם אויף, וויקעלט זיך איין אין דעם מאַנטעל, בלייבט שטעהן נעבען ציפּעס טיר און בעטראַכט זי; דאַן געהט ער צום טיש, קוקט אויף אייזיק׳ס אַרבייט, מאַכט עטליכע שריט צום הינ־טערגרונד, קוקט אַ ווײלע אויף גישינקען, פערקערט זיך וויעדער צום אויווען און בלייבט שטעהן מיט׳ן געזיכט צו זיין געלעגער, אַראָבגעלאָ־זענערהייט די אויגען. ביסלעכווייס העבט ער אויף זיין בליק, שטעלט איהם אָן אין דער ווייטענס און מיט אַ קול ווי פון אַ קבר, לאַנגזאַם דרע־הענדיג זיך, העבט ער אָן צו ציעהען: דער הימ—מ—מעל—ל איז

— —ז גע—שטאָררבען, די עררדד איז געשטאָרבען, גאָט—ט איזזז גע—שטאָררבען, אַלץ איזזז גע—שטאָרר—בען. אַלץ — — — בלייבט שטעהן און לאָזט אַראָב דעם קאָפּף.

ד אָ ב ע שטעלט אַוועק די ווילקע, מאַכט צו דעם אויוועז און בורציעט. עס וויל גאָר ניט קאָכען. מסתמא זעהר גוט געהייצט.

ב י י ל י ע מאַכט בעלייזדיגט מיט'ן קאָפּף. שטענדיג איז איהר קנאָפּ געהייצט.

ד אָ ב ע אַרויסגעהענדיג. דער וואַרמעס מוז שטענדיג ארויס-קומען ביי דער נאַכט.

ב י י ל י ע קוקט איהר בייז נאָך און שפּייט אויס מיט האַרץ. אַלטע מכשפה!

פ י נ י ע דרעהט זיך. טויטטט. גע—שטאָררבען. גע—-שטאָררבען. געשטאָררבען. טויטטט. אַלץ...

ב י י ל י ע בייז. הערט שוין אויף צו דרעהען זיך. עס דרעהט זיך שוין מיר אַזוי אויך גאַנץ גענוג אין קאָפּ און אין האַרצען און אין אַלע גלידערים.

פ י נ י ע בלייבט שטעהן מיט איין אָפענעם מויל, מיט'ן רוקען צו ביילען, נור דעם קאָפּף דרעהט ער אויס לינקס און איהר זייט און הערט זיך צו. ווען זי ענדיגט, דרעהט ער צוריק אויס דעם קאָפּף, לאָזט אַראָב דעם בליק צו דער פּאָדלאָגע און געהט לאַנגזאַם צו זיין אָרט צווישען אויווען, וואו ער זעצט זיך אַוועק, ווי פריער.

שווייגען.

א י י ז י ק, פערטיעפט אין זיין אַרבייט, שטיל פאַר זיך. אָט אַ דאָ אַ פעהלט מיר. — אַז אָט אַ דאָ אַ וואָלט...

ב י י ל י ע גיפטיג... דאָס וויפיעלטע מאָל הער איך שוין: „אָט אַ דאָ אַ, אָט אַ דאָ אַ!“ — און עס איז נאָך אַלץ קיין סוף ניטאָ.

א י י ז י ק קנויטשט אָן אַ ביסעל די שטערן, די רעכטע האַנד אויף זיין אַרבייט, די לינקע צוזאַמענגעדריקט אין אַ קולאַק אויף דער שטערן.

ב י י ל י ע. גאָר נישט, געמאַכט זיך אַ יום טוב און געהט

נישט דריי טעג אין ווערקשטאט! מאשינעס ווילט זיך איהם אויס־טראכטען! די גרויסע פרנסות, וואס מען האט דא פון זיינע מא־שינעס. גאָלדינקען רייך מאכען!

א י י ז י ק קוקט אויף ביילי'ען פון אונטער דער לינקער האנד, ווי ער וואָלט וועלען וויסען, וואס רעדט זי אזוינס.

ב י י ל י ע. גאָר נישט, דריי טעג! און איך ווייס הייסט עס שוין, אז ער איז פארטיג.

א י י ז י ק. אז דו וועסט אזוי שטענדיג רעדען, וועל איך גע־ווים נישט פארטיג ווערען.

ב י י ל י ע. איך שטער דיר נור, איך...

א י י ז י ק נעמט זיך פלוצלונג צו דער ארבייט מיט האסט.

ב י י ל י ע וואַרפט אויף איהם אַ בליק פול גיפט און דרעהט אַוועק דעם קאָפּ צו דער וואַנד. עלינקע הערט אויף צו זויגען. זי מאַכט צו דעם בוזים און לאָזט אַראָב דאָס קינד אויפ'ן שוים.

פ י נ י ע, ווען עס ווערט שטיל, העבט ווידער אָן לאַנג צו ציעהען. טויטטט. גע—שטאָרבען. וויסט. אויס...

ב י י ל י ע. איהר זאָלט זיצען שטיל, זאָלט איהר זיצען!

פ י נ י ע בלייבט זיצען מיט איין אָפענעם מויל, ביסלעכווייס צומאַכענדיג עס.

שווייגען.

א י י ז י ק אַרבייט שנעל.

ב י י ל י ע קוקט אָן אַ זייט פערביטערט און בייז.

ג י ש י נ ק ע פון נעבען שראַנק. מאמע, וואָס שטעהט דאָ אין טעלער? איך וועל דאָס אויפעסען.

ב י י ל י ע מיט שרעק און בייז. שטעל אויף גיך אַוועק צוריק דעם טעלער! וויפיעל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אז דו זאָלסט דעם טעלער אונטער'ן אָלמער נישט ריהרען! דאָס איז מישיאַק פאַר מייז!

ג י ש י נ ק ע. מישיאַק פאַר מייז איז דאָס? איך וועל מיר נעהמען נור אַ שטיקעלע, אַ קליין שטיקעלע.

ב י י ל י ע שפרינגט אויף, מיט עלינקען אויף דער לינקער האַנד, און לויפט צו צו גישינקען. זאָלסט מיר גלייך אוועקשטעלען דעם טעלער! רייסט ביי איהר אַרויס אַ שטיקעל מישיאק פון הענד, וואַרפט עס אַריין צוריק אין טעלער, שטופט אונטער דעם טעלער מיט'ן פוס אונטער'ן שראַנק און שלאָגט גישינקען איבער די האַנד.

ג י ש י נ ק ע. אָי! אָי!

ב י י ל י ע שטופט זי אָב פון שראַנק. דאָס איז דאָך סם, דערפון שטאַרבט מען. איך וועל דיר אַ טויט מאַכען, אז דו וועסט דיך נאָך אַ מאָל צוריהרען צום טעלער. זיץ אויפ'ן בעט רוהיג אָדער געה אין גאַס. געהט צוריק אויף איהר אָרט. זי וועט זיך נאָך אַ מאָל פער'סם'ען, אז אומעדום קריעכט זי.

צ י פ ע, אַ אידענע פון אַ יאָהר פופציג, מיט צוויי קאָשיקעס, אָנגעלאָדענע מיט עפעל און מיט באַרנעס, אויף די הענד, קומט אַריין פון דער פאָרהויז־טיר און געהט דורך אין איהר צימער. זי טראָגט אַ גלאַטען פּאַריק, וועלכער זיצט יעצט קרום, אַ ציצען קלייד און קאָפטע מיט אַ גאַרטעל, אויף וועלכען עס הויגט אַ גרויסע לעדערנע קעשענע.

ג י ש י נ ק ע בעשעפטיגענדיג זיך מיט איהר קוקלע. איך'ן געהן אויפ'ן גאַס.

ב י י ל י ע. כאַטש אין כף הקל'.

ג י ש י נ ק ע נעמט איהר קוקלע און געהט אַרויס.

ב י י ל י ע. זאָלסט מיר דאָרטין נישט אַרומשפּרינגען און נישט שלאָגען זיך, איך וועל דיר צושינדען די הויט! זי טראָגט איבער איהר בליק פון דער אַוועקגעגאַנגענער גישינקע אויפ'ן שראַנק, שטעהט אויף, געהט צו צום שראַנק, לאָזט זיך אַראָב אויף די שפּיץ פינגער און פעררוקט דעם טעלער. א י ך האָב דאָס גאָר בעדאַרפט אויפעסען, וואָלט געוועזען א סוף צו מיין ביטערען לעבען. זי זעצט זיך צוריק אויף איהר אָרט.

צ י פ ע קומט אַריין, שוין אָהן די קאָשיקעס, נור די לעדערנע קעשענע איז אַרומגעבונדען אַרום איהר. זי נעמט אַרויס אַ טעפּעל, קוקט אין איהם אַריין און גיסט צו אַ ביסעל וואַסער. הם! עס איז נאָך

גאַנץ רוי, נאַ! *שטעלט אַריין דאָס טעפּעל 'ין גענט צוריק אין איהר צימער.*

ב י י ל י ע. דער איז אויך אַלץ ווי ' פייער! *זעצט אַוועק אַוועק עלינקען אין בעט און געהט צום אויווען.* דאָס קינד העבט אָן צו וויינען. זעה אַ טשיקאַוועס, אייזיק. מאָגסט צוגעהן אַ קוק טון. איך זאָג דיר, עס איז אַ מצוה אַ קוק צו טון. האָט פאַרנאַנדערגע־רוקט די טעפּלעך, אונזער שטעהט שוין גאָר אויפ'ן פּריפּעטשיק, און איהרען האָט זי אַריינגערוקט אין רעכטען מיטען זשאַר. קום נאָר, אייזיק, טו נאָר אַ קוק. אַז נישט דערהאַרען וועט זי דאָס ביי מיר! *עוסק'ט זיך אין אויווען.*

א י י ז י ק *בעטראַכט זיין אַרבייט.* שלעכט, עס וועט גאָר נישט אַרויסקומען.

ב יי ל י ע *שטעלט אַוועק די ווילקע.* אַזוי וועט איהר וואַרמעס אויך פאַרטיג ווערען. *קערט זיך אום צו איהר אָרט מיט נצחון און נעמט צוריק דאָס קינד אויף די הענד.* *מיט האַס.* און דו שריי נאָר! אַ מינוט טאָר מען איהם נישט אַראָבלאָזען פון די הענד. *זעצט זיך און זעצט איין דאָס קינד ביי זיך אין שוים מיט בייזקייט. אין גיכען שלאָפט דאָס קינד איין.*

א י י ז י ק *לעגט אַוועק די אַרבייט און העבט אָן אַרומצוגעהן איבער'ן צימער. ער בייסט זיך די ליפּען, דריקענדיג זיי מיט'ן ציינגע־פינגער פון דער רעכטער האַנד אן די ציין, און מיט דער לינקער האַנד פיהרט ער זיך איבער די שטערן און דאָס האָר.*

ב י י ל י ע *קוקט איהם נאָך איראָניש.* אָט אָ דאָ אָ, אָט אָ דאָ אָ, העהעהע. — מסתמא אַרויסקומען אין צעהן חדשים אַרום ווי די פרעס, הם. — אויב עס וועט איבערהויפּט אַרויסקומען. — אָט אָ דאָ אָ, אָט אָ דאָ אָ! — גאָר נישט, געמאַכט זיך אַ יום טוב.

א י י ז י ק *בלייבט שטעהן.* טאָמער ווערסטו אַ מאָל אויפ־הערען צו רעדען? *געהט ווייטער.*

ב י י ל י ע *אויפגעבראַכט.* ווערסט מיר אפשר פערשטאָפּען דאָס מויל, איך זאָל שוין אַ וואָרט נישט אויסרעדען, האַ?! נאַ, נו, פערשטאָפּ מיר דאָס מויל, פערשטאָפּ, נאַ! „טאָמער וואָלסטו

אויפהערען צו רעדען!" איך בין א נאר, אז איך רעד! געדארפט נעמען אָט די גאנצע מאכעריי און צוברעכען ביז א האָר, וואָלט איך יעמאָלט פערשפּאָרט צו רעדען.

א י י ז י ק דריקט די ציין, קנוטשעט די שטערן און געהט אום.

ב י י ל י ע. ווען איך זאָל דאָס דערציילען, וועט מען מיך דאָך האַלטען פאר א משוגענע, וואָס איך לאָז דאָס גאָר צו! גאָר נישט, מאכען זיך א יום טוב און נישט געהן דריי טעג צו דער ארבייט! איך וואָלט זאָגען, אז ער וועט אריינכאַפּען דערפון די גרויסע גליקען. גאָר נישט! אָבגעארבייט אויף דער פּרעס צעהן חדשים נאכט אין נאכט — און וואָס? געקראָגען וועלכע צוואַנ־ציג קארבאָוואנצעס און רייך געמאכט גאָלדינקען! און וואָס האָסטו געהאַט פון דער פּעטליצעס־מאַשינקע? אויף א סך מעהר קעראָסין פערברענט!

א י י ז י ק געהט צו צום טיש און נעמט זיך פאר די רעדלער, אָנ־שפּאַרענדיג זיך מיט'ן קני אָן שטול.

ב י י ל י ע געלאַסענער. מען זעהט, אז עס געהט נישט, ווארפט מען עס איק ציאַרטו און א מעשה מיט א סוף און מען געהט צו דער ארבייט, נישט דריי טעג...

א י י ז י ק הערט ווידער אָן ארומצוגעהן.

שווייגען.

נ אָ ט ע ג אָ ל ד י ן קומט אריין. איין עלטערער איד מיט פּאות, א ברייטער באָרד און געדיכטע אונטערגעשאָרענע וואָנצען; א סאַמעטהיטעל אויפ'ן קאָפּ, די הויזען אין די שטיפעל, א לאַנגער, שוואַר־צער סיורטוק מיט פּעטע פלעקען, צוגעקנעפּט אויף דעם אויבערסטען קנעפּעל; איבער דעם סיורטוק א לאַנגער, אָבגעקנעפּטער שוואַרצער מאַנטעל מיט לאַנגע, ברייטע קעשענעס; א ווייסער אָבגעלעגטער קראַגען. אויף דעם קראַגען ליעגט דאָס שוואַרצע שנירעל, אויף וועלכען עס הייננט זיין קעי־שענע־זייגער; אויסערדעם הייננט דער זייגער אויף א שווערער זילבער־נער קייט, וועלכע זעהט זיך ארויס פון די פערנאַנדערגעעפענטע פּאָלעס. די הענד האַלט ער דאָס רוב אין די קעשענעס און ווען ער רעדט, רוהיג

אָדער העפטיג, שלעפט ער און ציעהט און וואַרפט אום מיט די פּאַלעס. זיין געזיכט איז אָנגערוקט, ער רעדט ווי ברגז, נור זעלטען אַ וואַרף טוענדיג אַ בליק אויף דעם, מיט וועמען ער רעדט.

א י י ז י ק  גיט זיך אַ נערוועזען טרייסעל, ווען ער דערזעהט גאַלדינ׳ען.

ב י י ל י ע  קוקט אויף אייזיק׳ען מיט נצחון, ווי זי וואָלט ווע־לען זאָגען: „אָט האָסטו דיר, נאַ!“

ג אָ ל ד י ן. נאַ, נו, דו שפּאַציערסט דאָך גאָר ארום.

ב י י ל י ע  איראָניש. דאָס בעקלערט ער אזוי.

ג אָ ל ד י ן. די גאַנצע דריי טעג בעקלערסטו דאָס אזוי?

ב י י ל י ע. אָט אָ דאָס האָט ער אויסגעמייסטערט. העבט אויף די רעדלעך מיט די העלצלעך און שיט זיי אוים איינציגווייז צוריק אויפ׳ן טיש.

ג אָ ל ד י ן  געהט צו צום טיש און בעטראַכט די אַרבייט.

א י י ז י ק  געהט אויך צו צום טיש, קוקט אויף גאָלדינ׳ס הענד מיט דער פריערדיגער פערטראַכטקייט, אָבער מיט דעם אויסדרוק פון פּערדרוס, וואָס גאָלדין בעריהרט די אַרבייט.

ג אָ ל ד י ן. וואָס איז דאָס אזוינס?

א י י ז י ק. אַ מאַשינקע.

ג אָ ל ד י ן. אַ מאַשינקע! איך זעה, אַז נישט קיין לאָקשענ־ברעט. וואָס פאַר אַ מאַשינקע?

ב י י ל י ע. זאָל ער אזוי וויסען פון זיין קאָפּ, ווי ער ווייס אליין. פּאָרקעט זיך און פּאָרקעט זיך...

ג אָ ל ד י ן. דו מוזט דאָך וויסען, וואָס דו מאַכסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאַשינקע? פאַר טעמליאַקעס?

א י י ז י ק. ווייסט איהר דאָך.

ג אָ ל ד י ן. און ביי דיר זיינען די ווערטער טייער?

א י י ז י ק  נעמט אַרוים די מאַשינקע פון גאָלדינ׳ס האַנד און העבט אָן עפּיס צוזאַמענצושטעלען.

ג אָ ל ד י ן  קוקט איהם נאָך.

ב י י ל י ע. אָט אזוי אָ זיצט ער די גאַנצע דריי טעג און

קוים וואָס מען קריעגט ביי איהם אַרויס אַ וואָרט. איז אויפגעשטאַנען זונטאג גאַנץ פריה מיט אימפּעט: איהם איז איינגעפאַלען אַ טייערע זאַך! און נישט איינגעוואַשען זיך און נישט געדאַווענט און געכאַפּט זיך פאר דער אַרבייט. ער איז דאָך אַזוי משגע ווי זיין טאַטע. איהם אַז עס שפּאַרט עפּים אָן...

ג אָ ל ד י ן. ניין, ער פלעגט דאָך שטענדיג מייסטערן ביי נאַכט — וואָס איז איהם יעטצט איינגעפאַלען גאָר ביי טאָג און צו דער אַרבייט נישט געהן?

ב י י ל י ע. זאָל איך אַזוי וויסען פון זיין לעבען! טאָג אַזוי ווי נאַכט, די גאַנצע דריי טעג זיטצט ער און פּאָרקעט זיך, שניטצט און מייסטערט, מייסטערט און שניטצט. עס איז איהם נישט אָבצורייסען פון אָרט. און איך וואָלט זאָגען, ער האָט עפּים דערפון. מיר ווייסען שוין די גרויסע גליקען, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פאר זיינע ערשטע צוויי מאַשינעם.

ג אָ ל ד י ן. נאַ, איך האָב איהם נישט געבעטען. פאר מיר איז גלייכער, אַז ער זאָל זיטצען און אַרבייטען. ביי מיר איז יעטצט אַרבייט אַריבער און אַריבער און דאָ מוז זיין שטול שטעהן לעדיג. וואָס איז? אייזיק׳ען האָט דער טירוף פערדרעהט! ער וויל נישט אַרבייטען? איז אַ מעשה מיט אַ סוף, ווייס איך עס, זעץ איך איין אַנדערן אויף זיין אָרט. און איך בין טאַקי געקומען דיר צו זאָגען, אַז אויב דו וועסט היינט־מאָרגען נישט קומען צו דער אַרבייט, זעץ איך איין אַנדערן, איך קאָן נישט וואַרטען. די קונדען וואַרטען מיר אויך נישט.

ב י י ל י ע. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועלען מיר האָבען פון זיינע מאַשינעם.

ג אָ ל ד י ן בעטראַכט די אַרבייט אין אייזיק׳ס האַנד. איז וואָס וועט עס זיין? טאַקי פּאַר טעמליאקעם? קריעכט אייזיק׳ען אין די הענד. בעוויין נור, וואָס ווילסטו דאָ מאַכען.

א י י ז י ק יסורים׳דיג. איהר וועט דאָ גאָר נישט פערשטעהן. איהר וועט שוין זעהן פאַרטיגערהייט.

ג אָ ל ד י ן. וועט עס דען אַ מאָל פאַרטיג ווערען?

ב י י ל י ע. מסתמא, אז משיח וועט קומען. וועט זיך ציע־הען ווי די פּרעס...

ג אָ ל ד י ן. נאַ, איך האָב מיינס געזאָגט. פון מיינעטוועגען מאָג עס יעטצט דויערן כאָטש וויפיעל צוויי פּרעסען. נישט מיין דאגה.

ב י י ל י ע. איך וויים, אז דאָס איז נישט אייער דאגה. וואָס זאָל עס זיין אייער דאגה? די מאַשינקע וועט סיי ווי סיי צו אייך אָנקומען.

ג אָ ל ד י ן ווענדט זיך אין פּיניעס זייט, הערט זיך צו צו ביילי׳עס רעד, מאַכט אַ בעוועגונג עפּיס צו זאָגען איהר, מאַכט מיט דער רעכטער האַנד אין קעשענע, טשמאָקעט מיט די ליפּען, בלינצעלט מיט די אויגען: „נישטאָ, הייסט עס, מיט אַ אידענע וואָס צו רעדען״; דאַן פרעגט ער: נאַ, ווי געהט עס דיר, פּיניע?

פּ י נ י ע שטעלט אויף איהם אַן זיין בליק און העבט אָן לאַנג־זאַם צו רעדען. דער הימעל איז געשטאָרבען, די ערד איז געשטאָר־בען, גאָט איז געשטאָרבען...

ג אָ ל ד י ן. שאַ, שאַ, פּע, וואָס רעדסטו פאַר אַ ווערטער! פאַר וואָס לאָזט מען איהם רעדען אַזעלכע ווערטער?

ב י י ל י ע. פאַר אונז איז גאָט געשטאָרבען.

ג אָ ל ד י ן אויפגעבראַכט. וואָס איז — וואָס איז — וואָס איז עס פאַר אַ ווערטער? ווי רעדט עס אַזוי אַ מענש?

ב י י ל י ע. עט, אַלץ איינס.

ג אָ ל ד י ן. טפוי, אויף מיין וואָרט! ווי־ווי־ווי.... אה, נו! נע.... דערפאַר שטראָפט עס אַזוי גאָט...

ב י י ל י ע ווישט זיך די אויגען מיט׳ן שפּיץ פון איהר קאָפּטי־כעל. אַזוי אָדער אַזוי, אונזער לעבען איז שוין סיי ווי סיי פער־שפּיעלט.

ג אָ ל ד י ן דרעהט מיט׳ן קאָפּף און מיט די אַקסלען. נאַ! געהט צו דער טיר. טיק זאָג איך דיר נאָך אַ מאָל, איך וועל קיין סך נישט וואַרטען. קומסטו נישט היינט־מאָרגען צו דער ארבייט, זע׳ן

איך איין אַנדערן אויף דיין אָרט. איך־איך־איך... נאַ! קוסט די מזוזה און געהט אַוועק.

שווייגען.

ב י י ל י ע. אַט דאָס וועט נאָך זיין דער סוף, אז ער וועט אוועקזעצען איין אַנדערן און מיר וועלען נאָך בלייבען אָהן ברויט.

א י י ז י ק. דו קלאָג נור. ער וועט קיין אַנדערן ניט אוועקזעצען.

ב י י ל י ע. א ודאי וועט ער קיין אַנדערן נישט אוועקזעצען! אָהן דיר, הייסט עס, קאָן ער דאָך נישט אויסקומען. ער מוז דיך דאָך שטאַרק האָבען. ווי וועט ער עס גאָר זיין אָהן דיר!

א י י ז י ק אויפהעבענדיג צו איהר דעם בליק, ליידענד און פעסט. נו, וועט ער אוועקזעצען איין אַנדערן און הער אויף צו ריפען מיר אויפ'ן הארצען. איך בין שוין באַלד פארטיג. זיי כאָטש א ווילע שטיל.

ב י י ל י ע ווישט זיך די אויגען און רעדט פאַר זיך. א מענש האָט זיך אויסגעטאָן פון דער גאַנצער וועלט און וואָלט איהם כאָטש עפּיס א האָר אָנהעבען צו אַרען.

שווייגען.

פ י נ י ע העבט אָן לאַנגזאַם אַרומצוגעהן איבער'ן צימער, שטעלט זיך אָב אַ פּאָר מאָל, קוקט אויף די פּאדלאָגע, שטעלט אָן זיין בליק אין די ווייטעניס, בעטראַכט דעם אָרום און געהט ווייטער. ענדליך בלייבט ער שטעהן נעבען דער קאַמאָד, קוקט אויף איהר אַ ווילע און קערט זיך אום מיט'ן רוקען צום אויוועז, שטעלט אָן זיין בליק אויף די פּאדלאָגע און זאָגט לאַנגזאָם אַרויס: געשטאָרבען. דער הימעל. די ערד. די גאַנצע וועלט.

ב י י ל י ע ווײנט און רעדט פאַר זיך. וואָלט עס כאָטש געווען אמת, וואָלט שוין געוועזען א מעשה מיט א סוף.

פ י נ י ע. און גאָט.

ב י י ל י ע מאַכט אַוועק פערצווייפעלט מיט דער האַנד.

פ י נ י ע. אַלץ איז געשטאָרבען.

ב י י ל י ע. איך בין נאָך ערגער ווי א געשטאָרבענע.

פ י נ י ע. אלץ. טויט.

ב י י ל י ע. אין גיהינום שטעהט מען זיך נישט אויס, וואס איך שטעה מיך אויס.

פ י נ י ע. געשטארבען. געשטארבען.

ב י י ל י ע. אז דער אויבערסטער וואלט מיך צוגענומען צו זיך, וואלט איך דאמאלסט געוואוסט, אז עס איז פראן א גאט אויף דער וועלט.

פ י נ י ע. טויטטט. אלללץ.

ב י י ל י ע. איך וואלט עפּים אויסגעלויזט געווארען...

א י י ז י ק בלייך, אויפגערעגט, שווער עטמענדיג, קרעכצענדיג. אך, זאל באטש א ווײלע שטיל זיין, א ווײלע שטיל זיין! לעגט פערצווייפעלט ביידע הענד אויפ'ן ברעג טיש און פיהרט אום מיט די אויגען אין אויסדרוק פון גרויסע יסורים. — באלד דריקט ער איין די שטערן מיט ביידע הענד, אנשפארענדיג זיך מיט די עלענבויגענס אן טיש.

פ י נ י ע העבט אויף דעם קאפּ, בויגט אן דאס לינקע אויער, פערוואונדערט און נייגיעריג צוהערענדיג זיך צו אייזיקס געשריי, און דאן לאזט ער אראב דעם קאפּ, ווי ער וואלט עפּים בעקלערט, און געהט לאנגזאם צו זיין ארט.

ב י י ל י ע ווישט זיך די אויגען. שווייגען. — הינטער דער וואנד אכצעט און קרעכצט די זאקענ־מאשינע.

ו ו י כ נ ע ד י ק ר ע מ ע ר י ן קומט אריין. א אידענע פון א יאהר פיערציג, אין א העלער ציצענער קאפּטע, פון אונטער וועלכער עס שטעקט ארויס פארנט איין אנדערע א טונקעלע, מיט א גרויסען פאר־טוך ארום זיך, איינגעריכט אין מעל, בעדעקט מיט פלעקען פון קעראסין און אויל. אויפ'ן קאפּ א גלאטער פאריק פון שווארצע האר, דורך וועלכען עס קריעכען ארויס ערטערווייז איהרע אייגענע שוין גרויע האר. איבער איהר ברייטען מויל ליעגט א זיסער שמייכעל און מיט איהרע אויגען שיעסט זי אין אלע זייטען. די לינקע האנד האלט זי אין דער לעדער־נער קעשענע, וועלכע הייגט אונטער דעם פארטוך, און קלינגט מיט די

מטבעות. גוט מאָרגען אייך!

ב י י ל י ע טרויעריג. גוט יאָהר אייך, וויכנעטשקע!

ו ו י כ נ ע. איך בין געוועזען ביי דאָבען, זאָג איך מיר, אז מען איז שוין דאָ, דארף מען שוין אריינגעהן צו ביילי[ע]ן א קוק טון, וואָס הערט זיך נייס.

ב י י ל י ע. אָך, נייס.

ו ו י כ נ ע זעטצט זיך אויפ'ן שטול ביים טיש לינקס. ווי שטעהט עס מיט זיין ארבייט?

ב י י ל י ע. זאָל איך אזוי וויסען פון איהם.

ו ו י כ נ ע נעמט אַראָב איין האַנד אייזיק'ס פון זיין שטערן. רב פאני שעפטעל, איהר ווילט גאָר אַפילו נישט א קוק טון אויף מיר? איהר קוקט נישט אויף ווייבער?

א י י ז י ק סטאַרעט זיך צו שמייכלען, עס געלינגט איהם אָבער נישט. ער וויל בעפרייען זיין האַנד.

ו ו י כ נ ע קוקט זיך אין איהם שאַרף איין און לאָזט אַרויס זיין האַנד.

א י י ז י ק שטעהט אויף און הערבט אַן אַרומצוגעהן איבער'ן צימער.

ו ו י כ נ ע זעצט זיך איבער אויף זיין שטול. צו ביילי[ע]ן מיט א האַלבען קול. וואָס איז ער עפּיס אַזאַ צוקראַכענער?

ב י י ל י ע. וואָס איז ער אַזאַ צוקראַכענער, דער משגענער!

ו ו י כ נ ע. ער איז דאָך עפּיס גאָר א מטושטשער!

ב י י ל י ע. א משגענער ווי זיין טאַטע. אז עס שפּאַרט איהם עפּיס אָן, ווערט ער מטושטש און מבולבל און ווייס נישט אויף וואָסער וועלט ער איז. יעמאָלט מאַג ברענען און ציטערן און ער וועט גאָר נישט הערען.

ו ו י כ נ ע קוקט נאָך דעם אַרומגעהענדען אייזיק. איין עבירה די שטיפעל, אייזיק.

ב י י ל י ע. איהם ארט טאַקי א סך.

א י י ז י ק, אין געדאַנקען. די שטיפעל זיינען מעהר נישט ווערט.

ו ו י כ נ ע. און אז מען טראַכט שוין אויס מאַשינעס, דאַרף מען דאָך אַלע זיין א מענש. צו ביילי׳ען. דעם באַנקיר מאַגיד־סאָנס זוהן טראַכט אויך אויס מאַשינעס. ער איז איין אינזשעניער, האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע, און אַלע פּראָפּעסאָרען האָבען גע־זאָגט, אז דער מענש איז... אַה! ער האָט אויף זיך א מורא׳דיגען קאָפּף. און זיינע מאַשינעס, וואָס ער טראַכט אויס, זאָגט מען, זיי־נען... פּשוט צו משגע ווערען. און ער איז געזונד און פעט, און זיין רויטקייט אין די באַקען איז אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרען. מילך און בלוט. און זיינע מאַשינעס זיינען מסתמא א ביסעל בעסערע אויך, הע! צעהנדליגע טויזענדער בעקומט ער פאַר זיי...

ב י י ל י ע. וואָס איז פראַן וואָס צו רעדען, וואָס? א מענש האָט געשטודירט.

ו ו י כ נ ע. ניין, איך זאָג עס אקעגען דעם, אז אַט טראַכט א מענש אויך אויס מאַשינעס און איז נישט מטושטש און איז נישט מבולבל און איז א מענש מיט אַלעמען צוגלייך.

ב י י ל י ע. געפונען וועגען וועמען צו רעדען. אין אייזיק׳ס זייט. ע ר איז אויך מיר א מענש.

ו ו י כ נ ע בעטראַכט די אַרבייט אויפ׳ן טיש. וועט ער כאָטש קריגען פאַר דאָס א גוטע מטבע?

ב י י ל י ע. א גוטע! ער וועט קריגען א גוטע מטבע! ער וועט עס אריינטראָגען צו גאָלדינ׳קען און וועט נעמען, וואָס יענער וועט געבען.

ו ו י כ נ ע צו אייזיק׳ען. זייט איהר דאָך, זאָלט איהר מיר מוחל זיין, גאָר קיין מענש נישט.

א י י ז י ק געהט אום און זאָגט גאָר נישט.

ו וי כ נ ע צו ביילי׳ען. איז ער דאָך גאָר קיין מענש נישט. ווי קאָן מען דאָס אזוי זיין? גאָלדין גיט א שלעכטען מקח, טראָגט מען אַריין די מאַשינע צו באַשקעוויטשען אָדער לעווינען.

ב י י ל י ע. הערט, דאָס האָבען מיר אַלע דאָך מיט איהם

גע׳טענ׳עט: „טראג עס אריין און טראג עס אריין צו באשקעווי־טשען אדער צו לעווינען. וואס דוקא האט דיר אנגעשפארט גאל־דינקען?“ און ער — ניין. ער מוז זיי האבען נעבען זיך. ער ארבייט ביי גאלדינ׳ען, מוזען זיינע מאשינעס דארטין אויך זיין. ער קאן זיך מיט זיי נישט צושיידען.

אייזיק בלייבט שטעהן און לעגט ארויף די רעכטע האנד אויף די שטערן. באלד געהט ער צו אויף גיך צום טיש, שארט דארט אריבער אלע רעדלעך און קלעצלעך אויף די לינקע זייט, זעטצט זיך און העבט אן צו ארבייטען. — וויכנע און ביילע בעגלייטען איהם מיט די אויגען.

וויכנע. אט אזוי א, זייט א מענש, זעטצט זיך אנידער און ענדיגט אייער ארבייט און זעהט בעקומען פאר איהר א גוטע מטבע. די מאשינקע מאג כאטש אוועקפאהרען אונטער די הרי חושך. דאס געלד וועט אייך צוניטץ קומען, נישט קשה. וועט מיר אבצאלען, וואס מיר קומט — איהר ווייסט, אז איהר שטעהט שוין ביי מיר אין זעקס רובעל?

ביילע מיט שרעק. אין זעקס רובעל?!

וויכנע. יא, יא, אין זעקס רובעל. וואס דען האט איהר געמיינט? מאנטאג פאר אכטטאגען, געדיינקט איהר, איז געוועזען פיער רובעל און זיעבציג קאפיקעס, געדיינקט איהר?

ביילע. איז שוין זעקס רובעל?!

וויכנע. וואס דען האט איהר געמיינט? און איך האב אייך טאקי געוואלט זאגען, אז איך וואלט טאקי וועלען זעהן פון אייך א פאר רובעל. און טאקי גאר אין גיכען. ווארום באלד וועט שוין זיין זיעבען רובעל און אכט רובעל... וויכנע איז אפילו א גוטע און גיט, אבער באלד וועט זיך ביי וויכנען אויך אויסנעמען. איך האב נאך קיין קלויסטערס נישט אויסגע׳גנב׳עט. צו אייזיקען. ווען איך וואלט אויסגעטראכט מאשינקעס, וואלט איך אפשר אויס־געטראכט א געלד־מאשינקע, אבער אזוי...

ביילע קוקט זיך איין אין אייזיק׳ען, וועלכער ארבייט זעהר פלייסיג און הערט דאכט זיך גארנישט. זעהט איהר דאך, אט זיטצט ער, א, און וואלט ער כאטש געהערט.

וו י כ נ ע. ער הערט, נישט קשה. קלאַפּט אייזיק׳ען איבער׳ן אַקסעל. איז ארבייט טאַקי, מאַכט אויף אַ גוטע מאַשינע, בעקומט פאר איהר אַ סך געלד און צאָלט אייך טאַקי מיט מיר פארנאַנדער. שטעהט אויף. נאַ, און איך וועל שוין יעטצט געהן. שוין אַ צייט, אַז איך בין אוועק פון קראַם. דאָ אַ ביסעל זיטצען און דאָ אַ ביסעל זיטצען און אַזוי פערפליהט די צייט. נאַ, אַ גוטען טאָג אייך!

ב י י ל י ע. אַ גוט יאָהר אייך, וויכנעטשקע!

וו י כ נ ע. טרייסלענדיג אייזיקען. אַ גוטען טאָג אייך, אייזיק. ענטפערט אָב, אַז מען זאָגט אייך אַ גוטען טאָג.

א י י ז י ק. אַ גוטען טאָג אייך, וויכנע, אַ גוטען טאָג!

וו י כ נ ע. נאַ, אַ גוטען טאָג. געהט אַרויס.

שווייגען.

ב י י ל י ע. ווישט זיך די אויגען. שוין זעקס רובעל. — באַלד וועט זי אויפהערען. עס איז אַ גוטסקייט פון איהר, אַז זי האָט אָנגעגעבען אויף אַזוי פיעל. — וויינענדיגער. און די שטעל אויך נאָך אָנווערען. צואווייגט זיך.

שווייגען.

א י י ז י ק. אַרבייט נערוועז.

ב י י ל י ע. ווערט שטילער און שטילער.

ג י ש י נ ק ע. לויפט אריין. מאַמע, איך וויל עסען.

ב י י ל י ע. טריקענט זיך די אויגען.

ג י ש י נ ק ע. העבט זי אָן צו ציהען פאר דאָס קלייד׳על. איך וויל עסען. גיב מיר עפּיס עסען.

ב י י ל י ע, אַ שטויס טוענדיג זי פון זיך. אוועק פון מיר!

ג י ש י נ ק ע. דערשראָקען. איך וויל עסען.

ב י י ל י ע. נאַ, געה, אונטערן אַלמער שטעהט דער טעלער מיט׳ן מישיאַק, נעם און עס דאָס אויף, וועל איך כאָטש פון דיר פטור ווערען.

ג י ש י נ ק ע. איך וויל קיין מישיאַק נישט. איך וויל עסען. מישיאַק איז פאר מייז. גיב מיר עפּעס. איך וויל אַ שטיקעל ברויט. שלעפּט ווייטער ביילי׳ען פאַר דאָס קלייד.

ב י י ל י ע. זאָלסט אװעקגעהן פון מיר, הערסטו! גיט זי אַ שטויס.

ג י ש י נ ק ע פאַלט און צװאַוײנט זיך שטאַרק.

א י י ז י ק לעגט אַװעק די אַרבייט, בלייך, אויפגערעגט, װאַרפט אַ בייזען בליק אויף בייליען, שטעהט אויף, געהט צום שראַנק, נעמט אַרויס דאָס ברויט, שנײַדט אָב אַ שטיקעלע און גיט גישינקען. נאַ, גי־שינקע, און וויין נישט, באַלד וועלען מיר עסען וואַרמעס. שטעה אויף און וויין נישט. ער העבט זי אויף און געהט צוריק אויף זיין אָרט. ער האַלט אַ ווײַלע דאָס געזיכט אין בײדע הענד און דאַן נעמט ער זיך ווידער צו דער אַרבייט.

ג י ש י נ ק ע, אין איין האַנד דאָס ברויט, די אַנדערע אין קע־פּעל, געהט צו צו אייזיקען, שפּאַרט זיך אָן אָן זיין קני און עסט שלוכ־צענדיג.

ב י י ל י ע ווישט זיך די אויגען, דעם קאָפּף אויסגעדרעהט צו דער וואַנד. זי וועט זיך נאָך אָנוויינען, אז זי וועט באַלד גאָר נישט האָבען וואָס צו עסען. אָי, מיין לעבען, מיין לעבען! ברעכט אויס אין אַ יאמער.

א י י ז י ק אַרבייט צוערשט זעהר נערוועז, דאַן לעגט ער אַוועק זיין אַרבייט מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ און שפּאַרט זיך אָן אָן װענטעל פון זיין שטול, קוקענדיג פאַר זיך אין די ווייטענים, מיד און אָבגעמאַטערט, די הענד אַריינגערוקט אין די הויזענקעשענעס.

ב י י ל י ע האַלט איין דאָס וויינען און טריקענט זיך די אויגען.

ג י ש י נ ק ע וויינט שוין נישט מעהר און עסט רוהיג איהר ברויט.

שווייגען.

ג י ש י נ ק ע. וועלען מיר באַלד עסען וואַרמעס?

א י י ז י ק שווייגט.

ג י ש י נ ק ע. טאַטע, וועלען מיר באַלד עסען וואַרמעס?

א י י ז י ק זעצט זיך אויף. יאָ, גישינקע, יאָ. העבט ווי־דער אָן צו אַרבייטען.

שווייגען.

ג י ש י נ ק ע. טאטע, מאכסט א מאשינקע? — —א גוטע מאשינקע מאכסטו? — — וועלען זיך די רעדעלעך דרעהען? — — ועסט מיר בעווייזען די מאשינקע? נעמט דאָס לאַנגע שטעקעל מיט די לעבעלעך. וואָס איז דאָס, טאטע?

א י י ז י ק. לאָז ליעגען, טשעפּע נישט.

ג י ש י נ ק ע. דאָס איז אויך אַ מאשינקע? עסט איהר ברויט.

שווייגען.

ג י ש י נ ק ע. וועלען מיר באַלד עסען וואַרמעס?

א י י ז י ק. יא, גישינקע, יא. שטעה נור רוהיג.

ב י י ל י ע, בייז. געה אוועק פון איהם! וואָס האָסטו דיך אוועקגעשטעלט דורען א קאָפּ?

ג י ש י נ ק ע בלייבט אַ ווײלע שטעהן אַנגערוקטערהייט און דאַן געהט זי אָב פון אייזיקען, העבט אויף איהר קוקלע, זעצט זיך צו נעבען אייזיקען אויף דער ערד, שפּיעלט זיך און רעדט דערביי צו: באַלד וואַרמעס עסען... דיר אויך געבען... שטיל זיין... באַלד העבט זי זיך אויף און געהט אַרויס.

שווייגען.

צ י פּ ע בעוויזט זיך אין איהר טיר, בלייבט שטעהן און רעדט אַריין אין איהר צימער. עס מוז שוין זיין פאַרטיג. איך האָב דאָך מעהר קיין צייט נישט. געהט צום אויוועו, עפענט איהם אויף און וויל אַריינרוקען אַ ווילקע. זעה, ווער האָט זיך שוין א קער געטאָן? וואַרפט אַ גיפטיגען בליק אין בייליעס זייט. וואָס זאָגט מען דערצו? דאָס איז דאָך... עוסקט זיך אין אויווען. אַבדאַרען זאָלען יענעם די הענד, רבונו של עולם! דאָס איז דאָך אַ מין רשעות, וואָס פער־לויפט זיך נישט. נעמען און לכתחילה אַרויסרוקען מיין טעפּעל נאָר פון פּאַרנט. יעצט געה נעם עס. איך דאַרף שוין אַוועקגעהן און דאָס פליישׁ האָט נאָך נישט אָנגעהויבען צו קאָכען. שטעלט אוועק די ווילקע. איך וואָלט מעהר נישט וועלען וויסען, וועמעס מלאכה דאָס איז.

ב י י ל י ע, מיט כעס. און ווי נעמט מען עס און מע רוקט

פארנאנדער אלע טעפלעך און רוקט אריין אייער טעפעל אין רעכ־
טען סאמען זשאר! ? דעם אנדערנס טעפעל דארף זיך גאר ניט
קאכען? מיר דארפען שוין גאר קייןווארמעס נישט עסען?

צ י פ ע, מיט שטעכעדיגער איראניע, שאקלענדיג מיט'ן קאפף.
אי, ביילינקע, ביילינקע! מען דארף דאך האבען א הארץ פון א
גזלן...

ג ע ל י ע, א מיידעל פון א יאהר פינף און צוואנציג, אין איין
אויפגעשפיעליעטער וויסער בלוזע מיט א נישט־גענדיגטער זאק אין די
הענד, בעוויזט זיך אין ציפעס טיר. וואס איז עפּיס שוין ווייטער?

צ י פ ע. מיינסטו, אז דער ווארמעס איז שוין פארטיג?
וואו, עס העבט זיך גאר נישט אן! ווארום וואו, מיינסטו, איז גע־
שטאנען אונזער טעפעל? קום זעה א טשיקאווע. איך עפען אויף
דעם אויוועך — דאס טעפעל שטעהט אויפ'ן רעכטען פריפעטשיק...

ב י י ל י ע שטעהט אויף און לעגט אריין עלינקען אין וויעגעל.
עלינקע צושרייט זיך, און זי וויעגט איהם. און איך וועל דאס אלע
מאל אזוי טון. די אנדערע זיינען אויך מענשען, דארפען אויך
עסען.

ד א ב ע קומט אריין. וואס איז שוין עפּיס דא מיט די
טעפלעך?

צ י פ ע. איהר פערשטעהט, איך דארף שוין אוועקגעהן, קום
איך צו צום אויוועך, שטעהט מיין טעפעל...

ב י י ל י ע לויפט צו צו דאבען. האט פארנאנדערגערוקט
אלע טעפלעך, און אריינגעשטעלט איהר טעפעל אין רעכטען סאמען
זשאר... לויפט צוריק צום וויעגעל און וויעגט.

ד א ב ע רוקט זיך צו צום אויוועך און עפענט איהם אויף.
זעה, און מיין טעפעל שטעהט שוין גאר נעבען זאסלינקע! מיין
טעפעל דארף זיך שוין גארנישט קאכען.

ב י י ל י ע, אנווייזענדיג אויף ציפען. דאס איז זי יעצט גע־
וועזען ביים אויוועך.

צ י פ ע מיט היץ. זאָל איך אזוי לעבען, ווי איך האָב מיך צו אייער טעפּעל נישט צוגעריהרט...

ב י י ל י ע, אָבגעהענדיג פון וויעגעל, צו דאָבען. וואָלט איהר זעהן, האָט פערנאַנדערגערוקט אַלע טעפּלעך... געהט צוריק צום נישט.

ג ע ל י ע. און ווען זי האָט אריינגעשטעלט דאָס טעפּעל אין זשאַר, איז וואָס? זי מוז דאָך אָוועקגעהן און איהר זייט אַ היימישע. איהר דארפט היינט אייזיקען נישט טראָגען עסען. אַי־ראָניש. ער זיצט דאָך מיט זיינע מאַשינעס.

ב י י ל י ע, אומגעהענדיג אויפגערעגט נעבען וויעגעל, פעררוקענדיג דאָס האָר און פערבינדענדיג בעסער דאָס קאָפּטיכעל. די אַנדערע זיינען אויך מענשען, דארפען אויך עסען! צו געליען. און זיינע מאַשינעס זיינען נישט אייער קאָפּוועהטאָג, פערשטעהט איהר מיך!

ד אָ ב ע, בעשעפטיגט מיט איהר טעפּעל. איך ווייס מעהר נישט, אז מיין טעפּעל האָט זיך נישט אָנגעהויבען צו קאָכען.

ג ע ל י ע שטעכעדיג. זעה, אַקאָרסט, ווי זי איז דאָס אויפגעבראַכט געוואָרען, מען האָט אָנגעריהרט איהר מאַנס מאַשינעס....

ב י י ל י ע. וועגען מיין מאַנס מאַשינעס דארפט איהר נישט רעדען.

ג ע ל י ע. אַי, אַי, אַי...

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע מיט האַנדאַרבייט אין די הענד קומען אַריין פון דער הינטערטיר. הינדע איז אַ מיידעל פון אַ יאָהר איין און צוואַנציג, סאָסיע פון אַ יאָהר זיעבצעהן. הינדע איז קאָקעט פערקעמט. איהר שוואַרצע מיט גרויסע ווייסע פּינטעלעך בלוזע און איהר קלייד זיינען שוין היבש אָבגעטראָגען, אָבער געהען צום געזיכט. דער הויכער קראַגען פון דער בלוזע נעמט ענג אַרום איהר האַלז און איז געקנעפּעלט לינקס אויפ'ן אַקסעל. סאָסיע מאַכט נאָך אין אַלץ דער עלטערער שוועסטער, זי איז נור אַ ביסעל אָבגעלאָזען.

ה י נ ד ע. שאַ, וואָס איז עס פאַר אַ מין חתונה!

ב י י ל י ע, אַלץ נאָך נישט פאַרטיג ווערענדיג מיט איהרע האָר. זי רעדט אויך וועגען זיינע מאַשינעס!

ד ו ב ע  צו די טעכטער. מיר צאָלען שוין גאָר קיין דירה־געלד נישט. אונזער טעפּעל דאַרף שוין גאָרנישט צוגעשטעלט ווערען.

ב י י ל י ע, אָנווייזענדיג אויף ציפּען, דאָס איז זי אַלץ, אַלץ זי. האָט פערנאַנדערגערוקט אַלע טעפּלעך...

צ י פּ ע. זאָלט איהר אַזוי האָבען אייערע הענד...

א ר ק ע  ג אָ ל ד י ן בעוויזט זיך אין דער הינטערטיר. אַ בחור פון אַ יאָהר פינף — זעקס־און־צוואַנציג, אָנגעטאָן מעשה פראַנט, געגאָלט, מיט פערדרעהטע וואָנסעלעך, אין אַ גרויעם געהראָק און העלע קאַמאַשען, דער געלער האַרטער קאַפּעליוש אויף אַ זייט, אַ שטעהקראַגען מיט אַ בונטער קראַוואַטע, אין וועלכע עס שטעקט אַ דימענטענע שפּילקע; אויף די פינגער פון ביידע הענד רינגען, און אין די הענד אַ גראָבער שטאָק מיט אַ גרויסען הירשענהאָרענעם קאָפּף. ער בלייבט שטעהן אין טיר און רופט אויס: אַ הו, אַ הו, וואָס איז דאָס פאר אַ יריד'ל! דאָס געשריי פון די ווייבער לעגט זיך. געליע פערשווינדט צו זיך אין צימער, ציפּע נעמט אַרויס דאָס טעפּעל און געהט אַוועק נאָך געליען. דאָבע שטופּט די טעכטער צו דער טיר, נור זיי מאַכען זיך בעשעפטיגט מיט זייער אַרבייט און בלייבען שטעהן. ביילע נעמט ארויס עלינקען, וועלכער האָט שוין דערגרייכט די העכסטע נאָטען, זעצט איהם אַוועק אויף די לינקע האַנד און קלאַפּט איהם אָן אין די ווייכע טיילען, דאַן לעגט זי איהם אַוועק אויף די הענד און שאָקעלט איהם, אומגעהעדיג איבער'ן צימער. אייזיק בויגט זיך נאָך מעהר איבער זיין אַרבייט.

א ר ק ע, אַריינטרעטענדיג אין צימער, לוסטיג. עס איז דאָך דאָ גאָר פריילעך!

ה י נ ד ע  לאַכט און סאָסיע האַלט איהר אונטער.

ב י י ל י ע. אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען אונזער פרייליכקייט! אז גאָט וויל אימיצען שטראָפען, שמייסט ער איהם מיט אַלע בייטשען... טאָמער האָבען נאָך אונז געפעהלט גוטע שכנים...

א ר ק ע, וועלכער איז דערוויילע צוגעגאַנגען צו אייזיק'ען. און ער זיצט און ארבייט און ס'ארט איהם גאָר נישט. מאַלאַדיעץ! ווי שטעהט עס מיט דיין ארבייט?

א י י ז י ק, שוואַך אַרויסרעדענדיג. איך וויים נאָך נישט.

ב י י ל י ע. דער שד וויים עס. ע ר וויים טאַקי אַ סך זאַכען!

ס אָ ס י ע. אַז ער וואָלט נישט וויסען, וואָלט ער דאָך נישט געאַרבייט.

ב י י ל י ע. דער משגענער!

א ר ק ע בויגט זיך איבער איבער'ן טיש. בעוויַיז נור, וואָס מאַכסטו אַזוינס. — דאָס איז פאַר טעמליאַקעס? — העבט אויף אַ רעדעל. וואוהין געהערט דאָס? העבט אויף נאָך אַ טייל און פּאַסט צו צום רעדעל. דאָס געהט אַהער? — נו, רב מאָשע, גיב ווערטער.

ה י נ ד ע לאַכט און סאָסיע האַלט אונטער.

א ר ק ע. שטעהסט יעצט שמנה עשרה, טאָרסט נישט רעדען?

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע לאַכען נאָך מעהר.

ב י י ל י ע. אַנדערע מאָגען רעדען און לאַכען, וויפיעל זיי ווילען, וועט ער זיך דערפון נישט אויסמאַכען. אָט איך זאָל זאָגען אַ וואָרט, וועט ער אויף מיר גלייך אָנפאַלען, ווי אַ משגענער הונט.

א ר ק ע נעמט אַ קיילעכדיג העלצעל און שפּאַרט ערגיץ אין אַ לאָך פון דער מאַשינקע, וועלכע אייזיק האַלט אין דער האַנד.

א י י ז י ק נעמט עס אַרויס פון ארקעס האַנד, לעגט עס אַוועק און טוט זיך זיינס.

א ר ק ע קוקט זיך וויַיטער צו צו דער אַרבייט.

ב י י ל י ע. קיינער שטערט איהם נישט, נור איך שטער איהם.

ד אָ ב ע אין טיר צו די טעכטער. וואָס שטעהט איהר דאָ? איהר האָט קיין שטוב נישט? געהט זעצט אייך ביי אייך אין שטוב און זיצט.

ה י נ ד ע. גוט, גוט. ווענדט זיך צו ביילינע, ווייזענדיג איהר איהר ארבייט. זעהט נור א העמד...

ד א ב ע פערשווינדט בורטשענדיג. האבען זיך אוועקגע־שטעלט....

א ר ק ע. ווארט, ווארט... דאס נעם אהער... ניין, דו מאכסט שלעכט. אך, איך זאג דיר, דאס נעם אהער... וואס ארט דיך, הער מיך, איך זאג דיר... האלט אייזיקען מיט דער לינקער האנד און מיט דער רעכטער נעמט ער די מאשינקע.

א י י ז י ק מיט איינגעהאלטענעם כעס און שטארק ליידענד. אך, לאז צורוה. דו ווייסט נישט, וואס איך וויל.

א ר ק ע. דו ווייסט נישט, וואס דו ווילסט, איך פערשטעה שוין גראד.

א י י ז י ק. ארקע, געה, זעה, איך בעט דיך.

א ר ק ע קלאפט איהם איבער'ן קאפ. ביזט א חמור, האסט א פערשטאפטען קאפ. צו די מיידלעך. ווי איך בין א איד, אז איך פערשטעה שוין די מאכערייי בעסער פאר איהם. ער וואלט מיך געלאזען, וואלט איך עס איהם אויפגעמאכט אין איינס און צוויי.

ה י נ ד ע קאקעט. דאס דוכט זיך אייך נור אזוי.

א ר ק ע, העזה'דיג. ווילט איהר, וועטען מיר, אז איך בע־ווייז אייך נאך א גרעסערען קונץ.

ה י נ ד ע. דהיינו.

א ר ק ע. צופיעל מענשען אין שטוב.

ה י נ ד ע און ס א ס י ע ווערען רויט און מאכען בעשיידענע און בעליידיגטע געזיכטער. הינדע מאכט מיט'ן מויל און ווענדט זיך צו ביילינע, ווי זי וואלט איהר עפּיס וועלען זאגען.

א ר ק ע קוקט אויף די מיידלעך מיט נצחון און קוועלט, בע־מערקט פּיניען און ווענדט זיך צו איהם שקאצעוואטע. נו, רב פּיניע, ווער איז געשטארבען?

פּ י נ י ע העבט אויף איהם אויף די אויגען און לאזט זיי גלייך ווידער אראב און רעדט ארויס שנעל. דער הימעל איז געשטארבען.

א ר ק ע. און ווער נאך?

פ י נ י ע שנעל. די ערד איז געשטאָרבען, גאָט איז גע־שטאָרבען....

א ר ק ע. זייט איהר געוועזען ביי זיין לויה?

פ י נ י ע. געוועזען.

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע לאַכען.

א ר ק ע. וואו האָט מען איהם בעגראָבען?

פ י נ י ע. אין טויטען הימעל.

א ר ק ע. און בעשאָטען?

ב י י ל י ע. אייער טאַטע האָט דאָס געדאַרפט הערען.

א ר ק ע. מיין טאַטע וואָלט דער ערשטער אריינגעוואָרפען עפּים אין צדקה־פושקע, אז גאָט וואָלט געשטאָרבען.

ב י י ל י ע. סיידען אזוי. צו די מיידלעך העפטיגער. און וואָס „לאַכעט" איהר? מען מאג דען גאָר אויסהערען אזעלכע ווערטער? לאַכען!

ה י נ ד ע לאַכט. ניין, ווי דער אַלטער ענטפערט אָב.

ב י י ל י ע בייז. איז וואָס איז פראַן צו לאַכען פון וואָס א משגענער רעדט?

ד אָ ב ע קומט אריין, אָנגערוקט. האָבען זיך אוועקגעשטעלט און שטעהען. געהט צו צום אויוועז.

ב י י ל י ע. יענער רעדט און זיי לאַכען.

ד אָ ב ע צו די טעכטער. וואָס שטעהט איהר דאָ? איך וועל נעמען די ווילקע, וועל איך...

ה י נ ד ע שאַרף. דו ווילסט דאָך עפּים טון אין אויוועז, טיק טו, וואָס דו ווילסט.

א ר ק ע. די מאַמע קען געבען מיט דער ווילקע, הא?

ד אָ ב ע נעמט אַרויס דאָס טעפּעל. נו, קומט עסען, קומט. אין טיר. איך גיס שוין אריין אין טעלער.

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע געהען נאָך, אָהן חשק.

א ר ק ע שרייט זיי נאָך. מיט א גוטען אַפּעטיט!

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע אין טיר, לאַכענדיג. א דאַנק! אב.

ב י י ל י ע. האָבען זיך אוועקגעשטעלט די...

א ר ק ע קוקט װידער אַרײַן אין אײזיקס אַרבײט. נו, װען װעט שױן בײ דיר זײן א סוף?

א י י ז י ק דריקט מיט די אַקסלען.

א ר ק ע. װאָס דריקסטו מיט די אַקסלען, װאָס? דער טאַטע האָט מיך געשיקט זאָגען דיר נאָך א מאָל, אז ער װעט אװעק־זעצען אײן אנדערן אויף דײן אָרט. ער לאַכט נישט. ער מײנט דאָס ערנסט.

א י י ז י ק דריקט װײטער מיט די אַקסלען.

ב י י ל י ע. דריקט מיט די אַקסלען, דריקט ער.

א ר ק ע. האָסט ניט װאָס צו דריקען מיט די אַקסלען. הײנט אָדער מאָרגען זאָלסטו קומען צו דער אַרבײט. מען דאַרף נישט דײנע מאַשינעס, פערשטעהסטו מיך. און אַז מען װעט דאַרפען, װעט מען אויסקלערען אָהן דיר. זאָלסט קומען אַרבײטען. צו בײליען. איהר זאָלט זעהן, אז ער זאָל קומען אַרבײטען, מען װעט געװיס אװעקזעצען אײן אַנדערען.

ב י י ל י ע. איך טענ'ע שױן מיט איהם די גאַנצע דרײ טעג.

א ר ק ע העבט זיך אויף אַװעקצוגעהן. איראָניש. די „מאַ־שינע“, אז ער װיל שױן, קאָן ער מאַכען בײ דער נאַכט, מאָג כאָטש די גאַנצע נאַכט זיצען.

צ י פ ע בעװײזט זיך אין טיר מיט בײדע קאָשיקעס. זאָלסטו שױן געהן.

ג ע ל י ע בעװײזט זיך אויך אין טיר מיט דער לינקער זײט, צוקנעפּענדיג אויף זיך אַ בלוזע און װאַרפט אַ בליק אויף ארקען. גוט, גוט, זעהסט דאָך, אז איך טו מיך אָן.

צ י פ ע שפּרײזט ארום בורטשענדיג. נו, אײן עסען איז דאָס געװעזען. אַלץ רוי!

א ר ק ע זעצט זיך װידער. צו געליען. װאָס זײט איהר עפּיס ענטלאָפען, פרײלײן?

ג ע ל י ע. איך האָב געװאָלט ענטלױפען, בין איך ענטלאָפען.

א ר ק ע. מײדלעך בײס איך נישט.

ג ע ל י ע. איך האָב פאר בײסען קײן מורא נישט, איך האָב אַלײן צײנער. פערשװינדט צו זיך אין צימער.

א ר ק ע קלאפט אייזיק'ען מיט'ן עלענבויגען. דו האסט דאך עפּים גאר נישקשה'דיגע שכנות. מען דארף גאר אנהעבען ווערען ביי דיר איין אפּטער ארייגנעהער.

ב י י ל י ע. יענמאלט וועלען זיי שוין גאר נישט ארויסגעהן פון אונזער צימער.

א ר ק ע דרעהט זיך די וואנסעלער. בין איך ווירקליך טאקי איין אינטערעסנער קאוואליער?

ב י י ל י ע. אט ביי זיי מאכט עס א ודאי אוים — א גאנז, איין ענדיג, אבי איין עוף...

א ר ק ע צו אייזיקען. דיין ווייב קאן גאר קיין קאמפּלי־מענטען נישט מאכען.

ב י י ל י ע שטעכעדיג. איך האב ליעב צו זאגען דעם אמת.

ג ע ל י ע אין א געלען היטעלע, בלויען קלייד און העלער פּע־לערינע געהט דורך פון איהר צימער, מיט א קליינעם פּעקעל אונטערן ארם.

א ר ק ע שטעהט אויף. נו, טא זאלסטו קומען צו דער אר־בייט. ביזטו מארגען אין דער פריה נישטא, קאנסטו זיכער זיין, אז מיר זעצען איין אנדערן און מאגסט שוין גאר נישט קומען. איילט ארוים נאך געליען.

ב י י ל י ע בלייבט שטעהן אין דער הינטערטיר, שטארק פּעראינ־טערעסירט, ווי זיי וועלען ביידע צוזאמען ארויסגעהן.

א ר ק ע עפענט אויף די גאסטיר און לאזט ארוים געליען פאר־אוים: ביטע זעהר, א דאמע פאראוים.

ה י נ ד ע און סאסיע קומען ארוים פון זייער צימער.

א ר ק ע נעמט אראב דעם הוט און פערבויגט זיך: גוטען טאג,

ה י נ ד ע און ס א ס י ע לאכען. גוטען טאג, גנעדיגער הערר!

ב י י ל י ע דרעהט זיך אוועק פון דער טיר מיט כעס און עקעל, אויסשפּייענדיג, און שלינגט אראב א זידעלווארט.

ה י נ ד ע און ס א ס י ע קומען אריין.

ב י י ל י ע געהט אום און קוקט אפילו אויף זיי נישט.

ה י נ ד ע. דאָס איז דאָך דער יונגער גאָלדין?

ב י י ל י ע ענטפערט נישט און קוקט נישט אויף איהר.

ה י נ ד ע. אזא מין פראַנט איז ער. גאָר נישט ווי זיין טאַטע.

ב י י ל י ע. זיי זיינען ביידע זעהר גוט. אזא יענע וועלט זיי.

ה י נ ד ע. געגאָלט, געדרעהטע ווענסעלעך.... מאַכט אַ בעווע־גונג מיט ביידע הענד איבער דער אויבערסטער ליפּ, גלייך זי וואָלט זיך פערדרעהט די וואָנצען. די שליאַפּע אויף אַ זייט. מאַכט אַ בעוועגונג מיט ביידע הענד איבערן קאָפּ, ווי זי וואָלט אַנגעבויגט דעם הוט אויף אַ זייט.

ס אָ ס י ע. גאָר מעשה פּריץ.

ה י נ ד ע. מיט רינגען אויף די הענד. האָט איהר געזעהן, וויפיעל רינגען ער טראָגט?

ב י י ל י ע, אונגעדולדיג, בייז. איך האָב אַנדערע דאגות אויפ'ן קאָפּ, ווי צו צוקוקען זיך, וויפיעל פינגערלעך ער טראָגט.

ה י נ ד ע, ווי נישט זי מיינט מען. און וואָס פאַר אַ שטיבע־לעטלעך...

ב י י ל י ע, אויסשרייענדיג. און איהר האָט שוין קיין אַנ־דער קאָפּ־וועהטאָג ניט!

ד אָ ב ע בעווייזט זיך אין דער טיר, צו די טעכטער. וואָס האָט איהר זיך שוין ווידער דאַ אוועקגעשטעלט? איהר האָט נישט וואָס צו טון?

ב י י ל י ע. האָבען זיך אַוועקגעשטעלט ארומשרייבען, ווי גאָלדינס בן־אָקעל איז אַנגעטאָן. קיין אַנדערע דאגות האָבען זיי שוין נישט.

ד אָ ב ע, ארויסטרייבענדיג די טעכטער. געהט, טוט, וואָס איהר דאַרפט טון, ווארום איך וועל נעמען אַ ווילקע...

ב י י ל י ע. ווי זיי דערזעהן אַ פּאָר הויזען, ווערען זיי פער־ברענטע. געהט אום און שיעסט בליקען אויף אייזיקען.

## א קורץ שוויינען.

א י י ז י ק קוקט מיט פערצווייפלונג אויף די מאַשינקע אין זיינע הענד, זיפצט. עס געהט נישט און געהט נישט.

ב י י ל י ע בלייבט שטעהן צווישען טיש און בעט און שיעסט אַרויס: נו, וואָס זאָגסטו איצטער? ער וועט נישט זעצען קיין אַנ־דערען?

א י י ז י ק, אין פערצווייפלונג, קוקט מיט לעבלאָזע אויגען אויף זיין אַרבייט.

ב י י ל י ע שאַרפער. איך זאָג דיר, אייזיק, איך וועל שוויי־גען ביז א צייט...

א י י ז י ק פערצווייפעלטער. עס געהט נישט און געהט נישט.

ב י י ל י ע נאָך העפטיגער. איך וועל כאַפּען דיין גאַנצע מאַ־כעריי און וועל דאָס צוברעכען אויף פּיצ־פּיצ־פּיצלעך. איך וועל דאָס אין פייער אריינוואַרפען. איך...

א י י ז י ק ביטער. הם. שאָקעלט פערצווייפעלט מיט'ן קאָפּף.

ב י י ל י ע. איך וועל דיר בעווייזען, אז איך האָב נאָך אויך א שטיקעל דעה. איך וועל דיך נישט לאָזען טון, וואָס דו ווילסט און מיר זאָלען צושטאַרבען פאַר הונגער. אויף גאַר הויכע טענער: דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, אָדער נישט? ! איך וועל...

א י י ז י ק, בלייך, ציטערנדיג אין גאַנצען קערפּער, מיט צו־נויפגעדריקטע ציין, וואַרפט מיט'ן גאַנצען כח די אַרבייט אויף דער ערד, שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטעל פון שטול, ציעהט אויס די פיס, לאָזט אַריין די הענד אין די קעשענעס און קוקט טופע אויף דעם ברעג פון טיש.

ב י י ל י ע בלייבט מיט'ן וואָרט אויף די ליפּען און קוקט דער־שראָקען אויף איהם.

פ י נ י ע קוקט אַ ווײלע אויף די רעדלעך און קלעצלעך, וועלכע זיינען פערפלויגען צו איהם, און הערבט אָן לאַנגזאַם אראָבלאָזען זיך צו זיי.

# צווייטער אקט.

גאָלדינס ווערקשטאַט. אַ גרויס, ברייט צימער. לינקס צוויי וועבשטולען, הינטער דעם צווייטען אַ הויכער קאַמין. אין דער רעכטער וואַנד צוויי פענסטער, אונטען מיט נישט־דורכזיכטיגע שויבען. דאָס הינטערסטע פענסטער איז פערשטעלט מיט אַ דריטען וועבשטול. ביים פאָרדערסטען פענסטער שטעהט אַ טיש מיט צוויי שטולען ביי די זייטען. צווישען דעם טיש און דעם וועבשטול שטעהט אייזיקס פרעס און פעטלי־צעסמאַשינקע. אין דער הינטערוואַנד די טיר, וועלכע פיהרט רעכטס אין הויף און לינקס אין געשעפט. צווישען דעם קאַמין און דער טיר שטעהט אַ טישעל און אַ שטול צווישען איהם און דעם קאַמין. אין מיטען צימער, פון פאָרנט, אַ טיש מיט פיער שטולען אַרום איהם. רעכטס פון דער טיר אין ווינקעל שטעהען גרויסע לעדער, אַ פאָר אַלטע שוידען פון שאַשקעס, גרויסע בויגען קארדאָן. איבער דער הינטערסטער וואַנד ציעהען זיך פאָליצעס, אויף וועלכע עס ליעגען אַלערליי קאַרדאָנס, קעסטעלעך, שטיקלעך געוואַנד פון אַלערליי פאַרבען, אַלטע עפּאָלעטען און טרעסען. די פּאָדלאָגע איז שמוציג און בעדעקט מיט שטיקלעך פּאַפּיער, קאַרדאָן, געוואַנד, נאָדלען, גאָלדענע פעדים, פליטערלעך, שטיקלעך גאַלונעס א. ז. וו. אויף דעם פאָרנסטען טיש שטעהען פיער געוואַנד־טעצעלעך, אויף וועלכע עס ליגען אָנגעשניטען ווייסע און געלע זילבערנע פעדים און פליטערלעך און עפּאָלעטען, פאַרטיגע און נאָך נישט פאַרטיגע, אויפ׳ן הינטערסטען טיש ליעגען צוגעשניטענע קארדאנס צו טרעסען און רויט און בלוי געוואַנד.

עס איז מיטטאָג־צייט. נעבען טיש אין מיטען צימער מיט׳ן רוקען צו דער טיר זיצט ז על י ג און ענדיגט זיין עסען; פינף־און־צוואַנציג־יעהריג; לאַנגע, נישט פערקעמטע דונקעל־בלאָנדע האָר; אַ גאַנץ קורץ אָבגעשאָרען בערדעל און קליינע וואָנצען; אַ גרוי אויסגענעהט העמד איבער די הויזען, ארומגעבונדען מיט אַ רויטען שנור מיט קוואַסטען. ער ענדיגט

זיין עסען; פאַר איהם שטעהט אַ טעלער מיט לעפעל, גאָפּעל און מעסער. אויפ׳ן פאָרנסטען האַלב־אָפענעם פענסטער זיצט ס ע נ ד ע ר, קוקט אַרויס אין הויף און פייפט אונטער. פון זעליג׳ס עלטער; קאַסטאַניען־פאַרביג, מיט אַ שייטעל פריזירט האָר, ריין געגאָלט, מיט דיקע, פער־דרעהטע רויטליכע וואָנצען; אין פאָרהעמד און קראַגען און קליינער קראוואטע, אין וועסט און רעקעל. צווישען דיביידע וועבשטולען לינקס ליעגט מ י כ ל דער אַלטער, גאַנץ גרוי מיט אַ מישונג פון געלע האָר, אָהן אַ ראָק, אין איין ארבע כנפות איבער׳ן העמד, וואָס איז אָפען אויף דער ברוסט. ביים הינטערסטען טיש זיצט י אָ ש ק ע, אַ אינגעל פון אַ יאָהר 14—15, דעם קאָפּף אַוועקגעלעגט אויף דער לינקער האַנד, און דרעהט אום אויפ׳ן טיש מיט אַ בלייפען, וועלכע ער האַלט אין דער רעכ־טער האַנד. ער טראָגט גרויסע שטיבעלעטען פון אַ דערוואַקסענעם. — פון געשעפט הערט מען אָפט דאָס קלינגען פון אַ גלעקעל, וואָס איז צו־געשלאָגען צו דער גאַסטיר.

ז ע ל י ג ענדיגט דאָס עסען, שפּאַרט זיך אָן אָן ווענטעל פון שטול, רייניגט זיך די ציין מיט אַ שוועבעלע, בלאָזט פון זיך און ווענדט זיך צו יאָשקען אויף „דייטשמעריש“, מאַכענדיג איין ערנסט געזיכט. קעלנער, אַ פלאַשע פּאָרטוויין! — אבער שנעל, איך קאַנן נישט וואַרטען. אבער, קעלנער!

י אָ ש ק ע, קוים ריהרענדיג זיך. זאַראַז, פּראָשע פּאַנאַ. זוכט אַרויס פון צווישען קאַמין די קעראָסין־פלאַש און ברענגט זי איהם, פויל געהענדיג און שטאַרק קלאַפּענדיג מיט זיינע גרויסע שיך. דאָ האַ־בען זי, שמעקט נור אביסעל מיט קעראָסין.

ז ע ל י ג מאַכט איין אונצופריעדענע מיענע. מיין הערר, וואָס ערלויבען זי זיך! ווענן זי קיין פּאָרטוויין האבען, דא ברענגען זי מיר באָרדאָ אָדער שאטא לאַפּפּיק.

י אָ ש ק ע. שאַדע, לאַ־פּפוי־איק? זאַראַז, פּראָשע פּאַנאַ, דאָס האָבען מיר פון דעם בעסטען סאָרטע.

ז ע ל י ג. אבער שנעל!

יאשקע, שווער און קוים בעוועגליך, שלעפּט אַרויס פון הינטער דעם קאַמין אַ פון בוימאויל שמוציגע ביערפלאַש, פון וועלכער דער אוי־

בערסטער טייל איז אָבגעבראָכען. דאָס וועט אייך זעהר געפעלען זיין, פּראָשע פּאַנא.

זעליג צושרייט זיך מיט נישט דייטליכע טענער און ענדיגט מיט: לאַבוזיע, פּסיא קרעוו!

מיכעל, אויפגעוועקט פון שלאָף. הא, זעליגעל האָט זיך שוין צושפּיעלט.

זעליג בלייבט זיצען מיט אַ וויכטיגען ערנסטען געזיכט, דרעהט זיך די וואָנצען און קוקט בייז אויף יאַשקען.

יאַשקע שטעלט צוריק אַוועק די פלאַש און זעצט זיך אויף זיין אָרט, אָנכנעמענדיג די פריערדיגע פּאָזע.

שווייגען.

סענדער פּייפט אָב אַ פּאָר מאָל, ווי ער וואָלט עמיצען געגעבען אַ צייכען.

זעליג. נאַ, איך זאָל נישט האָבען מיין ווייַן נאָכ׳ן עסען! נע, מעהר געה איך שוין אין דעם רעסטאָראַן ניכט עסען! שטויסט דעם טעלער פון זיך. קעלנער, צאַהלען!

מיכעל. אַ פּגירה זאָל ער איינגעמען, דער קאַמעדיאַנט, ווי ער לאָזט מיר נישט שלאָפען.

זעליג דרעהט זיך זיינע וואָנצען מיט אַ שטרענגער מיענע.

סענדער שרייט אַרויס פון פענסטער הויך, אָבער איינגעהאַלטען, מאַכענדיג מיט די הענד. וואו האָט איהר געשטעקט? ערשט אָבגעגעסען? אַ פּנים זיעבען געריכטען?

זעליג שפּרינגט אויף. וואָס? די דיקע? שפּרינגט צו צום פענסטער, וואו סענדער זיצט, קוקט אַרויס און העבט אָן צו מאַכען אַלערליי פערבויגונגען. גוטען טאָג, ווי געהט עס? צו סענדערן זי ווערט, דאַכט זיך, פון טאָג צו טאָג דיקער.

סענדער. נעכטען זייט איהר נישט געוועזען ביי דראָביטשען אין דער טאַנץ־שול? ניין? געוועזען? אַ סך געטאַנצט?

זעליג צו סענדערן. פרעג ביי איהר, וואו איז באַשע. שרייט אַרויס מיט איין איינגעהאַלטענער שטימע. וואו איז באַשע?

באַ־אַ־שע! — די לאַנגע! אין צווייטען צימער? שיקט זי אהער. אהער שיקט זי — אין דעם זעלבען אָטעם שטילער — אין דיין טאַטען אריין! — פערנומען? יעצט פערנומען?

ס ע נ ד ע ר. לאָז, איך וויל זי רופען אויף היינט פאַר נאַכט אין גאָרטען. שרייט. וואָס האָט איהר היינט ביי נאַכט צו טון?

ז ע ל י ג. בעט זי אויף שבת אין גרויסען וואַלד.

ס ע נ ד ע ר שרייט. טאָ קומט אין גאָרטען. אין דער לאַנגער אַלעע. אין דער לאַנגער אַלעע! אין דער לאַנגער!

ז ע ל י ג העלפט שרייען. אין דער לאַאַאַנגער — אין דעם זעלבען אָטעם שטילער — אין דיין טאַטען אריין מיט דער מאַמען פערבייסען! הויך. און שבת אין גרויסען וואַלד!

ס ע נ ד ע ר שרייט. ניין, שבת צו דראָביטשען.

ז ע ל י ג שלאָגט איהם. אין דר'ערד געה, אין וואַלד איז בעסער. שרייט. אין וואַלד איז בעסער! אמת, בעסער? ניין? צו דראָביטשען? טייטעלט מיט'ן פינגער. באַשע אויך? אויך? איז גוט. טאָ טאַנצען מיר. העבט אָן צו טראָמפּייטען מיט די ליפּען דעם וואַלצער „די דאנוי וועללען" און טאַנצט. די האַנד אויפגעהויבען און וויגענדיג אין דער לופטען, דעם אונטערקערפּער אַראָבגעצויגען און די פיס אונטערגעבויגען, דרעהט ער זיך איבער'ן צימער, ביז ער טאַנצט צו צום אַלטען מיכעל און פאַלט אויף איהם אַרויף.

מ י כ ע ל העבט איהם אָן אָבצושטויסען און צו בעאַרבייטען מיט די פיס.

ז ע ל י ג. פאַרדאָן, פאַרדאָן... טפּררר! אָי, אָי, אָי.... נישט בריקען זיך, נישט בריקען זיך.

מ י כ ע ל. איך וועל דיר דעם קאָפּ צושפּאַלטען, קאָמעדיאַנט!

ז ע ל י ג אויפשטעהענדיג און אָבשטויבענדיג זיך. ער בריקעט זיך דאָך גאָר. לויפט צו צום פענסטער, וואו סענדער האָט עפּיס אָבגערעדט מיט זיין וויזאַווי אויף די פינגער, און שרייט אַרויס. אָי, איין אַלט פערד האָט מיך ערשט געבריקעט!

מ י כ ע ל מורמעלט. אַ פּגירה אויף איהם.

ז ע ל י ג צו סענדערן. דערווייליע האָסטו דאָ שוין עפּיס אָב־

געמאַכט מיט איהר. העבט אויך אָן צו רעדען אויף שטום־לשון. פון הויף לאָזען זיך הערען אַ סך קולות און געלעכטער און גלייך קומען אַריין בערע, הילע, לייוויק, מלכה און טעמע.

ז ע ל י ג רייסט איבער זיין שטום געשפרעך און ווענדט זיך צו די אַריינקומענדיגע אין דעם אַלטען גאָלדינעם קול. וואָס איז — וואָס איז — וואָס איז פאַר איין אופן? ווי קומט מען אזוי שפּעט? נא, אז מען געהט אַוועק, ווערט מען גאָר פערפאַלען!

מ י כ ע ל זעצט זיך אויף. אויף אַ מינוט ווערט ער גאָר נישט שטום.

ב ע ר ע, אַ יאָהר 45, מיט אַ גרויסען געלען באָרד, אַ גרויסער, דיקער, פון שנאַפּס קארמעזינפאַרביגער נאָז אויף אַ ברייטען קנאָכיגען פּנים, אין אַ לאַנגען, שוואַרצען, פאַר אַלטקייט גרין געוואָרענעם און צוריסענעם ראָק, נעמט אַראָב זיין היטעל פון קאָפּף, טוט אָן איין אַלטע, פערשמאָלצענע, שפּיציגע סאַמעטענע יארמאלקע, וועלכע ער נעמט אַרויס פון בוזים־קעשענע און מאַכט זיך צו טון נעבען דעם וועבשטול רעכטס.

ה י ל י ע, עטוואָס איבער צוואַנציג, מיט אַ נישט ריין געגאָלטער מאָרדע, קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך, דאָס שוואַרצע האָר קורץ אָבגעשאָרען, אין אויבערהעמד און קראַגען אָהן קראַוואַטע, אָנגעטאָן ריין און גאַנץ. זעצט זיך אַרויף אויף יאָשקעס טיש און נעמט זיך צונויפדרעהען אַ פּאַפּיראָס.

ל י י ו ו י ק, מיטען די צוואַנציגער, אָהן באָרד און וואָנצען, דער קאָפּף געדיכט בעוואַקסען מיט דונקעלבלאָנדע האָר, גוטמוטיגע אויגען, אָנגעטאָן ריין און גאַנץ אין אַ ווייס־גרויען אנצוג, אויבערהעמד, קראגען און האַלזטוך, געהט צו צום פענסטער נעבען סענדערן און קוקט אַרויס.

מ ל כ ה, איין עלטערע מיידעל, קאָקעט אָנגעטאָן מיט איין אָבשטעהענדיגען קאָרסעט, נעמט אַראָב דעם טעלער פון טיש און שטעלט איהם אַוועק אויף אַ פּאָליצע.

ט ע מ ע, אַ יונג מיידעל, מיט אַ ביסעל פער׳חלום׳טען פּנים, בלייבט שטעהן מיט אַ ברייטען שמייכעל נעבען זעליגען.

ז ע ל י ג, אין זיין נייער ראָליע. אַ נייע הויט ציעהט זיך

גאַר אַן אויף זיי, אז זיי דארפען נישט ארבייטען. די געהען אוועק און ווילען גאַר צוריק נישט קומען, און דער — ווייזט מיט ביידע הענד אויף מיכלען — לעגט זיך אוועק פּאָפען, איז איהם נישט אויפצואו־וועקען, וואָלט ער אָבגעפּאָפט דעם גאנצען טאָג. נאַ, פון היינט אָן און ווייטער איז נישטאָ נישט קיין ווארמעס עסען געהן און נישט קיין שלאָפען.

מ ל כ ה. וועט איהר מסתמא העבערען די שכירות, הערר מייסטער?

ז ע ל י ג. וואָס? וואָס? וואָס נאָך וועסטו ווע‎לען? שכירות וועל איך העבערן!

ל י י ו ו י ק און ס ע נ ד ע ר לויפען אָב פון פענסטער מיט געלעכטער.

ז ע ל י ג, שטאַרק פעראינטערעסירט, פאַלט ארויס פון זיין ראָלע. וואָס איז דאָרטין געוועזען? וואָס איז דאָרטין געוועזען? לויפט צו צום פענסטער, זעהט אָבער גאַר נישט און ווענדט זיך וויעדער צו די לאַכענדיגע סענדער און לייוויק. איז די אַלטע צוגעגאַנגען צום פענס־טער? — וואָס לאַכט איהר? רעדט! נעמט וויעדער אָן גאָלדינס טאָן. און די וואָלטען א גאַנצען טאָג געשטאַנען ביים פענסטער און איבערגעקוקט זיך מיט מיידלעך! א חברה איז עס! נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי.

ל י י ו ו י ק, אויפהערענדיג צו לאַכען. פערשטעהסט, די אַלטע איז דורכגעגאַנגען, האָט ער...

מ ל כ ה און ט ע מ ע פון נעבען פענסטער. אייזיק געהט, אייזיק געהט! אַלע איילען צום פענסטער. מיכעל שטעהט אויף פון דער פּאדלאגע. מען שרייט: ברוך הבא, אייזיק! שלום עליכם, אייזיק.... האָסטו די מאשינע?

ס ע נ ד ע ר. ער געהט דאכט זיך אָהן א מאשינע.

ה י ל י ע. ער געהט מיר עפּעס מיט איין אראָבגעלאָזענער נאָז. אַלע שטעלען זיך אויס געגען טיר.

ז ע ל י ג. מיר וועלען איהם מקבל זיין מיט א הורא און מיט א מארש.

א י י ז י ק קומט אריין, בלייך, טרויריג, ניעדערגעשלאגען. א פרעהליכער „הורראַ!“ בעגריסט איהם.

ז ע ל י ג העבט אָן צו טראָמפּייטען מיט די ליפּען אַ מאַרש מאַ־כענדיג מיט די הענד ווי אַ קאַפּעלמייסטער.

י אַ ש ק ע און ט ע מ ע זינגען אונטער.

א י י ז י ק געהט אַרום פון דעם רעדעל נאָך טרייעריגער און ניע־דערגעשלאָגענער און געהט צו דעם פאַרנסטען וועבשטול לינקס. קעמפּפט מיט זיך, נישט צו צושרייען זיך.

ב ע ר ע. וואָס איז עס מיט דיר, אייזיק? — וואו איז דיין נייע מאַשינע?

א י י ז י ק ענטפערט נישט.

ה י ל י ע. הפנים, אז מיט דער מאַשינע איז עס שוואך.

א י י ז י ק, אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם קאַפּעלוש, בייז און ביטער. שרייט „הורראַ“, שרייט!

ל י י ו ו י ק. איז נאָך די מאַשינע נישט פאַרטיג?

ה י ל י ע. איז זי נ אָ ך נישט פאַרטיג אָדער וועט זי קיינ־מאָל נישט פאַרטיג ווערען?

ז ע ל י ג. אָדער האָט די פּלונית'טע ארויסגעטריעבען פון שטוב?

ס ע נ ד ע ר. אָדער דו ביזט שוין טראַגעדיג מיט אַ נייער מאַשינע?

א י י ז י ק, עוסקענדיג זיך ארום דער שטול, בייז. וואָס זייט איהר צוגעשטאַנען? וואָס איז עס אייער דאגה?

מ י כ ע ל. טאַקי, וואָס? וואָס? וואָס?

ז ע ל י ג. שאַ, אונזער אינזשענער איז נישט צו שפּרעכען. ששש, שטיל.... געהט אויף די שפּיץ פינגער, הויך העבענדיג די פּיס.

אַ וועקער קלינגט: צייט צו אַרבייטען. מען צוגעהט זיך צו די פּלעצער. זעליג, הילּיע, מלכה און טעמע ביים מיטעלטיש: זעליג לינקס, מלכה רעכטס, טעמע נאָך הינטען, הילּיע נאָך פאָרנט; סענדער און לייוויק נעבען טיש ביים פענסטער: לייוויק נאָך הינטען, סענדער נאָך פאָרנט; יאַשקע ביים הינטערסטען טיש. מיכעל און בערע בלייי־

בען נאָך נעבען אייזיקען, זיי קוקען זיך אין די בערד פערזאָרגט און רעד־זען נישט קיין וואָרט.

א י י ז י ק  זעצט זיך צו דער אַרבייט.

מ י כ ע ל  קוקט איהם טרויריג אָן. איז גאָר נישט? — וואָס, א שווערע מאשינקע? — דאַרף א סך דויערן? אז ער קריגט נישט קיין ענטפער, זיפצט ער אָב און לאָזט ווידער אַראָב די אויגען אין באָרד.

ב ע ר ע  זיפצט אויך אָב. דאַן געהען זיי ביידע צו זייערע וועב־שטולען; מיכעל נעבען אייזיקס שטול, בערע צום וועבשטול רעכטס.

א ר ק ע  בעווייזט זיך אין דער טיר. בעמערקענדיג אייזיקען גיט ער אַ מאַך מיט'ן קאָפּ ווי: אהאַ, ער איז דאָ! מאַכט אַ בעוועגונג אַריינצוגעהן אין צימער, דערמאָנט זיך אָבער עפּעס און געהט אַוועק צוריק אין געשעפט.

ז ע ל י ג  מיט אַ לוסטיגען זיפץ. אָך, די מאַשינע האָט זיך ניט אויסגעמאַשינקעט.

מ ל כ ה.  דערווייל דריטהאַלבען טעג נישט געאַרבייט.

ה י ל י ע.  זאָל זיך איהם נישט וועלען זיין קיין אויס־טראַכטער.

ל י י וו י ק.  דאָס איז לייכט צו זאָגען. עס ווילט זיך נישט, עס ליעגט שוין אזוינס אין דעם מענשען. איך ווייס, אז איך בין געוועזען א קליינער אינגעל, האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט ווערען א מאָלער...

ס ע נ ד ע ר.  אפשר א מיהלער און מאָלען מיט די ציין?

ל י י וו י ק.  וואו איך פלעג קריגען א שטיקעל פּאַפּיער, פלעג איך מאָלען: מענשען, סאָלדאַטען, פערדע...

ה י ל י ע.  זיך הייסט עס.

ל י י וו י ק.  אין דער היים און אין חדר פלעגט מען מיך שלאָגען מכות אכזריות דערפאַר, ווייל איך האָב גאָר נישט געטאָן און נור געמאָלט. אז מען האָט מיך אוועקגעגעבען צו א שמוקלער, האָב איך געוויינט.

ס ע נ ד ע ר,  וויינענדיג. הור'אום.

ל י י ו ו י ק. און יעצט נאָך, אז איך זעה א מאָל א גוט בילד, ווערט מיר אזוי אומעטיג, עס זיצט עפּעס אין מיר און ציעהט און ציעהט.

ז ע ל י ג. אָי, אין מיר אויך.

ה י ל י ע. אָך!

ל י י ו ו י ק. ניין, און איין אנדערס מאָל, ווען איך ליעג אזוי און טראַכט, וואָלט זיך מיר געוואָלט אזוי מאָלען....

ז ע ל י ג. און איך וואָלט אזוי געוואָלט זיין איין אקטיאָר.

ה י ל י ע. אפשר א קלאאון אין צירק?

ז ע ל י ג. ניין, טאַקי איין אקטיאָר. ארויסגעהן אויפ'ן סצענע און רעדען.... ער לעגט אַרויף די לינקע האַנד אויף דער ברוסט, די רעכטע העבט ער אויף אין דער לופטען, פערדרייסט דעם קאָפּף און דעקלאַמירט. „ווי ליעב ביזטו מיר, מיין טייער הארץ!“

ס ע נ ד ע ר. אָך, און מיר אויך.

ז ע ל י ג. „דו, ענגעל...“

ט ע מ ע. מיר ווילט זיך טאַקי אויף צו־נ־אמת שפּיעלען אויפ'ן סצענע.

מ ל כ ה. ווי געפעלט אייך די ארטיסטקע?

ה י ל י ע. ווייסט איהר וואָס, פאָרט אייך ביידע צונויף און מאַכט — אַ טרופּע.

ז ע ל י ג. לאָזט זיך פלוצלונג אראָב אויף די קני פאַר טעמען

ט ע מ ע. דערשרעקט זיך. אָי!

ז ע ל י ג. שפּרייט אוים די הענד. קום אין מיינע ארעמס, דו קרוין פון מיין קאָפּ! מען לאַכט.

מ י כ ע ל און ב ע ר ע. בעטראַכטען די סצענע מיט קאָפּף־שאָקלען. הינטער דער טיר דערהערען זיך טריט.

ז ע ל י ג. שפּרינגט אויף. — מען אַרבייט.

מ י כ ע ל. א חברה איז דאָס א ביסעל.

ב ע ר ע. אין גם אחד צווישען זיי.

מ י כ ע ל. נישט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי.

ב ע ר ע. לאבוזעס, ליידאקעס.

א ר ק ע קומט אַריין און גערט גלייך צו צו אייזיקען. נו, וואָס הערט זיך מיט דיין מאַשינע?

ז ע ל י ג. האָט זיך ניט אויסגעמאַשינקעט.

א ר ק ע. וואָס? עס קומט טאַקי גאָר נישט אַרויס? האָסט דו זי דאָ?

י אָ ש ק ע. דער הערר אינזשענער איז נישט צו שפּרעכען.

ב ע ר ע. דו שוויינ, דו!

ז ע ל י ג שלעפּט דעם שטול פון אונטער אייזיקען.

א י י ז י ק אויפגעבראַכט. דו, קאָמעדיאַנט, זאָלסט זיצען רוהיג!

א ר ק ע. אָבער איך האָב איהם גלייך געזאָגט, ווי איך האָב נור א קוק געטאָן אויף זיין מאַכעריי, אַז ער האָט נישט וואָס צו זי־צען און רייבען די צייט. איך האָב גלייך בעמערקט, אַז עס איז איין עברה זיין טרחה. און אַז איך האָב איהם געוואָלט עפּעס בע־ווייזען....

ל י י ו ו י ק. ווער? איהר האָט איהם שוין עפּים געוואָלט בעווייזען?

א ר ק ע. אויף מיין עהרענוואָרט, אַז ער וואָלט מיך געלאָ־זען, וואָלט איך איהם עס געמאַכט אין איינס און צוויי.

ז ע ל י ג קרעהט אויס. קוקערעקו האָן!

י א ש ק ע. א פּטשיק!

ל י י ו ו י ק. ווי לאַנג זייט איהר דאָס געוואָרען אַזאַ מאַכער?

ס ע נ ד ע ר. ער קאָן עסען, קאָן ער.

א י י ז י ק דרעהט אויס דעם קאָפּף צום צימער. פרעגט ביי איהם... האַקט אָב און רעדט נישט מעהר.

ה י ל י ע. נו, נו, גיב ווערטער.

א ר ק ע זעצט זיך אויפ׳ן ברעג טיש נעבען זעליגען. אָבער האָט ער מיידלעך שכנות!... געפינט גאָר קיין ווערטער נישט פאַר ענטציקען און מאַכט מיט דער רעכטער האַנד און מיט׳ן קאָפּף.

ס ע נ ד ע ר. אָט יעצט הערט מען פון דיר א לעבעדיג וואָרט.

מ י כ ע ל און ב ע ר ע קוקען זיך איבער, שאָקלען מיט די

קעפּף און זיפּצען טיעף אָב. — אין געשעפּט קלינגט דאָס טיר־גלעקעל.

א ר ק ע לויפט אַרויס.

ז ע ל י ג שריט איהם נאָך. דוקא ביי די אינטערעסאַנ־טעסטע.

ל י י ו ו י ק. אָבער ווי ער איז עס מיט א מאָל געוואָרען א פערשטעהער.

מ ל כ ה. ער קען דאָך א קאַץ איין עק נישט פערבינדען.

ב ע ר ע. דאָס איז פון די בעל גאוה'ס, וועלכע עס איז גוט צו שלאָגען.

מ י כ ע ל. דער אַלטער אויך אַזוי: ער קאָן אויך אַלץ.

מ ל כ ה. נור מיט'ן מויל.

ל י י ו ו י ק. האָט ער דיר טאַקע געוואָלט עפּעס בעווייזען, אייזיק?

מ ל כ ה. ער איז היינט נישט צו שפּרעכען, דער מאַשינען־מאַכער.

ז ע ל י ג. ניין.

ל י י ו ו י ק. איך שטעל מיר פאָר, ווי ער האָט איהם דאָר־טען גוט דערעסען.

ב ע ר ע. ער קאָן שוין דערעסען.

ה י ל י ע. מיר דערעסט ער נישט.

ט ע מ ע. דיר זאָל ער נאָך דערעסען.

ה י ל י ע. וואָס ווערסטו רויט?

ט ע מ ע. אַז איהר וועט זיך נאָך א מאָלביידע צו מיר צו־ציעפּען, וועט איהר שוין ביי מיר גוט קריעגען.

ז ע ל י ג נעמט אַרום טעמען. וואָס, מיין טעמינקען ציע־פּעסטו? גלעט איהר איבער דער באַק. טעמינקע, דערצעהל מיר, וואָס האָבען זיי געוואָלט פון דיר.

ט ע מ ע שטויסט איהם אָב. לאָזט אָב, קאָמעדיאַנט.

א ר ק ע קומט אַריין.

מ ל כ ה. נו, אויף גיך וועגען די שכנות.

ה י ל י ע. וואָס ווילט זיך אייך? צו ארקען. איהר ווילט זיך אויך.

א ר ק ע פערוויכערט אַ פּאַפּיראָס; ציהענדיג, זי זאָל זיך גוט פערנאַנדערברענען, געהט ער צו צום מיטעלטיש און זעצט זיך אַרויף אויפ'ן עק נעבען זעליגען. אָבער איך זאָג אייך, עס איז פאַראַן אויף וואָס צו קוקען. ער וואָהנט פּשוט אין א גן עדן. צו אייזיקען. ווי הייסט די מיידעל, מיט וועלכער איך בין אַוועק?

ז ע ל י ג. מיט איינער איז ער שוין געגאַנגען!

א ר ק ע. אָבער עף־עף! ווי הייסט זי, אייזיק? — וואָס ביזטו משגע, אייזיק? קאָנסט נישט ענטפערן? לאָזט איהם אַראָב אַ שטאַרקען פּאַטש איבער דאָס קני. ענטפער, זאָג איך דיר.

א י י ז י ק אַ צוק טוענדיג מיט'ן קערפּער פאַר וועהטאָג, מיט קוים איינגעהאַלטענעם כעס. לאָז מיך צו רוה! האָסטו זי געזאָלט פרעגען....

א ר ק ע. ער מאַכט מיר עפּעס צופיעל קוראַזש.

א י י ז י ק. און זיי מיר נישט קיין פאַני בראַט און פּאַטש מיר נישט איבער'ן קני.

א ר ק ע. צופיעל קוראַזש מאַכט ער מיר עפּעס.

ב ע ר ע און מ י כ ע ל מאַכען מיט די הענד און בעטען איהם שטום, ער זאָל שווייגען.

מ ל כ ה. איך קען דאָך זיינע שכנות. די צוויי שוועסטער, הינדע און סאָסיע — דו קענסט זיי דאָך אויך, טעמע — זיינען גאַנץ שייניננקע. אָבער די אַנדערע, די געליע, געפעלט מיר נישט, אַ גרוים מויל...

א ר ק ע. זי פערשטעהט טאַקי אַ סך זאַכען. צו מלכה'ן. איהר זייט אַ שיינע, ווי?

מ ל כ ה. יענע האָט דאָך זומער־שפּרענקלעך אין געזיכט! וואָס זאָגסטו, טעמע?

ט ע מ ע. זאָל איך אזוי לעבען.

ז ע ל י ג. דאָס האָט ער פערזעהן.

א ר ק ע. אך, גער, זיי ווייסעןביידע א סך וואס זיי רעדען. אז איך זאג אייך...

מ ל כ ה. אט הינדע און סאסיע זיינען טאקי שיינע מיידלעך.

א ר ק ע. אז איך זאג אייך, מען דארף ווערען איין אפטער אריינגעהער צו איהם.

ז ע ל י ג. מאך א באל...

א ר ק ע. לכבוד דער מאשינקע, וועלכע ער האט נישט גע־מאכט.

מ י כ ע ל בייז. וואס? וואס? וואס? נא־א! דריקט מיט די פלייצעס.

ז ע ל י ג. און פעררוף אונז אלעמען.

ב ע ר ע. דו, קאמעדיאנט, מאגסט שוין אויפהערען צו קא־לאטירען.

א ר ק ע. וואס איך דאס אייך פאר א דאגה? ארבייט! וואס נעמט איהר זיך אן פאר אייזיקען?

ב ע ר ע און מ י כ ע ל מאכען פערצווייפעלט מיט די הענד.

א י י ז י ק איינגעהאלטען. איך בעט קיינעם נישט פאר מיר זיך אנצונעמען. — עס קלינגעלט אין געשעפט.

א ר ק ע לויפט ארויס.

שווייגען.

ב ע ר ע. דאס איז א זוהנדעל!

מ י כ ע ל. מ־מ־מ־נא־א!

מ ל כ ה לאכט. איהם געפעלט די געליע! א גרויס מויל, זומער־שפרענקלעך, לאנג און דאר... אט די שוועסטער...

ז ע ל י ג. איהם געפעלען דאך אלע דריי.

ס ע נ ד ע ר. ביי מיר פון מויל ארויסגענומען.

ה י ל י ע. מיר וועלען זיך פערלאזען אויף אייזיקס מבינות. אייזיק, וואס זאגסטו? מיט אונז מאגסטו דאך רעדען. הא? ווי? דאס איז דאך זעהר וויכטיג?

מ י כ ע ל. זאל איך שוין זיין געננג, גענוג זאל איך שוין זיין! ד ע ר אויך! ארקעס קאמפאניאן!

שוויגען.

**זעליג, סענדער, מלכה, טעמע און יאשקע** זינגען, אלע בעזונדערע ניגונים.

**סענדער**, איבעררייסענדיג דאס זינגען. אייזיק, דיין פלונית'טע געהט.

**מלכה** לאזט זיך צום פענסטער. טאקי, און זי טראגט...

**זעליג** גיט איהר א שטאך מיט א נאדעל און איילט צוריק אויף זיין ארט.

**מלכה** שרייט אויס. אי! קוקט זיך ארום. ווער האט מיר א שטאך געטאן, הא? — — איך זעה שוין, אז דאס איז זעליגעל. העבט איהם אן צו שלאגען.

**זעליג** אבבארענדיג זיך. וואס? וואס? ווער האט אייך געשטאכען?

**ביילע** קומט אריין. אין די הענד א טעפעל איינגעבונדען אין א טיכעל, וואס איז נאס פון דעם טעפעלס אינהאלט. אויף איהר „גוט מארגען", ענטפערט מען איהר: „גוט יאהר", „גוט מארגען", „באן זשור", „דיען דאברי".

**אייזיק און הילע** שוויגען.

**ביילע**, צוגעהענדיג צו אייזיקען. נא, איך האב דיר געבראכט דעם ווארמעס. זאלסט עסען, זאלסטו, הערסטו! — ביטערער. נעם שוין און עס. — — נאך ביטערער. הער מיך שוין אויף צו פוילען.

**אייזיק** שטיל. איך וויל נישט עסען.

**ביילע** פערצווייפעלט. ווי הייסט, דו ווילסט נישט עסען! פון וואס ביזטו זאט, פון וואס?

**טעמע**. איז ער גאר אוועקגעגאנגען אהן ווארמעס?

**ביילע**. אהן ווארמעס! און אזוי האט ער עפּיס געגעסען? איז אויפגעשטאנען, ווי עס איז נור געווארען ליכטיג און גענומען זיך צו זיין אונגליקליכער מאשינע, האט ער נאך גאר נישט אין זיין מויל געהאט. צו אייזיקען מיט טרערען. נעם און עס, נעם!

ב ע ר ע. מאַך דיך נישט נאַריש, אייזיק. נעם און עס. וואָס איז דאָס פאַר איין אופן? פע, ד'לעבען!

ב י י ל י ע ווײנט. די גאַנצע דריי טעג אזוי: נישט געשלאָפען און נישט געגעסען און נור געוועזען בעשעפטיגט מיט זיין אונגליקליכער מאשינע. צו אייזיקען. וועסטו עסען צו נישט?

א י י ז י ק ווי פריער. איך וויל נישט עסען.

ב י י ל י ע. נו, זאָגט איהר שוין אליין, קאָן מען עס איבערטראָגען? יאמערט. איך קאָן עס שוין נישט איבערטראָגען.

מ ל כ ה. וואָס אַרט אייך, אז ער עסט נישט. פשששש, מיך וואָלט דאָס טאַקי א סך אַרען.

ב י י ל י ע. ווי הייסט, א מענש עסט נישט א גאַנצען טאָג.

ב ע ר ע לעגט אַוועק די אַרבייט, געהט צו צו אייזיקען און נעמט איהם אָן פאַר די האַנד. נו, זיי נישט קיין נאַר, לעג אוועק די אַרבייט און וואַש דיך און עס.

אי י י ז י ק. אַך, לאָזט מיך, איך קאָן נישט עסען.

ב ע ר ע. ווי הייסט, דו קאָנסט נישט עסען? וואָס איז דאָס פאַר ווערטער? שיק נאָך א שנאַפּס, נעם א ביסעל בראַנפען, וועסטו קענען עסען. געה, יאָשקע, ברײנג איהם א שנאַפּס.

ב י י ל י ע האַלט איין דאָס וויינען. שיק טאַקי נאָך א שנאַפּס.

א י י ז י ק. איך האָב קיין געלד נישט און וויל קיין שנאַפּס נישט.

ב ע ר ע. געלד אויך א זאַך. וועט זיך מסתמא ביי ווֶעמען געפינען. רב מיכעל, האָט איהר וואָס?

מ י כ ע ל דריקט מיט די אַקסלען. א גראָשען נישט.

ז ע ל י ג קערט אויס די קעשענעס און פייפט; קלאַפּט הילען מיט'ן פוס. דו האָסט דאָך מסתמא?

ה י ל י ע. ביזט ביי מיר געוועזען אין קעשענע?

ל י י ו ו י ק. איך קאָן דיר לייען, אייזיק. נעמט אַרויס אַ רובעל. איך קאָן דיר לייען דעם גאַנצען רובעל.

ב י י ל י ע נעמט ביי איהם דעם רובעל; צו אייזיקען. וועסטו שיקען נאָך אָ שנאַפּס?

ב ע ר ע. נישטאָ וואָס צו פרעגען. געה, יאָשקע, ברײנג אַ סאַראַקאָוואָשקע.

י אָ ש ק ע קוים ריהרענדיג זיך, נעמט דאָס געלד. סמירנאָווקע?

ב ע ר ע. סמירנאָווקע, סמירנאָווקע, מאַך עס נור אויף גיך. שטופּט איהם ארויס און רעדט פערגניגט. אַט אַזוי אָ, וועסט נעמען אַ שנאַפּס, וועסט פרעהליכער ווערען און וועסט עסען. זעצט זיך צו דער אַרבייט און רעדט, צופריעדען מיט זיך אַליין. אַ שנאַפּס איז די בעסטע סגולה. ביי מיר איז עס די ערשטע זאַך. דאָס, יענעס, קאָפּ־וועהטאָג, הארצוועהטאָג — אַ שנאַפּס און פאַרטיג. ווענדט זיך צו אייזיק׳ען. און דו זאָלסט טאַקי קיין נאַר נישט זיין און אריינקע־רען די גאַנצע סאראקאוואשקע, וועסטו בעסער עסען.

ב י י ל י ע. שוין פון דריי טעג, אַז ער האָט כמעט ווי גאָר־נישט געגעסען. איך ווייס גאָר נישט מיט וואָס ער האָט געלעבט.

מ ל כה. מיט דער מאַשינקע.

ב י י ל י ע. סיידען מעהר נישט ווי מיט דער אונגליקליכער מאַשינקע.

ז ע ל י ג. און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט דער מאַשינ־קע? נישט געמאַכט זי?

ב י י ל י ע. וואו מאכען! געארבייט און געארבייט, די גאַנצע דריי טעג האָט מען איהם נישט געקאָנט אַברייסען פון טיש און פּלוצלונג באַפּט ער און גיט זי אַ וואָרף, אַז־ז־ז, עה...

ל י י וו י ק שטאַרק פערוואונדערט. הם!

ב י י ל י ע. עס האָבען אין מיר גענומען ציטערן אַלע אברים, הענד און פיס. אַ פּערטרייסעלטע בין איך געבליעבען. און ער איז געבליעבען זיטצען מיט אויסגעלופּעטע אויגען...

מ ל כ ה. אַ משוגענער.

ל י י וו י ק. נע־ע, דאָס איז דוקא נישט משוגעת. דאָס איז... דאָס איז...

ב י י ל י ע. וואָס איז עס? לאַכט איראָניש. נישט קיין משוגעת איז עס!

א י י ז י ק. טו מיר א טובה און געה א היים.

ב י י ל י ע וואַרפט אויף איהם אַ בייזען און דערשראָקענעם בליק. ניט קיין משוגעת איז עס!

ב ע ר ע. געהט טאַקי אַ היים, וועט זיין א סך גלייכער. ווינקט איהר, זי זאָל געהן.

מ י כ ע ל ווינקט אויך.

ב י י ל י ע גרייט זיך צו אַוועקצוגעהן, בעליידיגט. איך מעהר נישט מאַך איהם שטענדיג איינג. בייז. זאָלסטו עסען, משוגענער!

ב ע ר ע. ער וועט שוין עסען, געהט א היים, וואָס ארט אייך. וועט נעמען א שנאַפּס און וועט עסען.

ב י י ל י ע. און זאָלסט ברייגנען דאָס טעפּעל.

ב ע ר ע. גוט, גוט, וועט שוין ברייגנען.

ב י י ל י ע אין טיר. משוגענער! געהט אַוועק.

מ י כ ע ל. א אידענע בלייבט א אידענע.

מ ל כ ה. איך האָב נאָך געקענט די ביילי׳ען מיט אכט יאָהר צוריק, אז זי איז נאָך געוועזען א מיידעל. אָהה, איז זי געוועזען א לעבעדיגע זאַך! איצט ווי זי זעהט א ביסעל אויס. מען קאָן דאָך אויף איהר נישט א קוק טון.

ב ע ר ע. און ווי האָט ער אויסגעזעהן מיט אכט יאָהר צוריק! א משוגענער אפילו איז ער שטענדיג געוועזען, אָבער אזוי איז דאָס געוועזען...

י אָ ש ק ע קומט אריין מיט בראַנפען.

ב ע ר ע לעגט אַוועק די אַרבייט, געהט איהם ענטקעגען, נעמט ביי איהם צו דאָס פלעשעל מיט דעם רעסט פון רובעל און ווענדט זיך צו אייזיקען. נאַ, וועסט נעמען א ביסעל בראַנפען און וועסט עסען, וועסטו ווערען גאָר א נייער מענש, דער אַמאָליגער אייזיק. נעמט אַראָב א גלעזעל פון פּאָליצע. טאָמער האָסטו פערגעסען דעם אַמאָ־ליגען אייזיק, וועל איך דיר דערמאָנען. געדענקסט אונטער שטאָדט, אין קאַראַבאַנאָווקע? גיסט אָן דאָס גלעזעל, קוקענדיג מיט תאוה אויף דעם פליסענדיגען געטראַנק. געדענקסטו, ווי דו... נאַ, נעם, נו... נאַ, נעם דאָך. שטעלט אַוועק דאָס פלעשעל, נעמט אייזיקס הוט

און טוט איהם אָן אייזיק'ן אויפ'ן קאָפּ. נאַ, נו, מאַך אַ ברכה און טרינק. נעמט וויעדער דאָס פלעשעל. נעם דאָך, אייזיק, זיי נישט קיין נאַר. אייזיק, זעה.

מ י כ ע ל. אייזיק, פע! לאָז דיך נישט בעטען. נעם און טרינק און עס. וואָס מאַכסטו דיך נאַריש, וואָס?

ב ע ר ע, אונטערטראָגענדיג דאָס גלעזעל צו אייזיקס ליפּען. טרינק, זאָג איך דיר, פערד!

ז ע ל י ג. אז נישט, טרינקט ער אויס.

א י י ז י ק ווייל אָבקעהרען דעם קאָפּ און פּלוצלונג כאַפּט ער דאָס גלעזעל און קערט עס איין זיך אריין.

ב ע ר ע פערפאָלגט מיט א תאוה'דיגען קוק יעדע בעוועגונג אייזיק'ס און די בעוועגונג פון דעם שנאַפּס. ער טשמאָקעט מיט די ליפּען, מאַכט אַ קרום געזיכט, ווי ער וואָלט געפיהלט די קיהלקייט און ביטערקייט פון דעם שנאַפּס. אַט אַזוי בּיזטו אַ מענש, אַ. אַט אַזוי האָב איך דיך האָלט. נעמט דאָס לעדיגע גלעזעל ביי אייזיקען. און נאָך איינס. העבט אָן אַנגיסען און שמעקט דאָס בראַנפען. און טאַקי גלייך.

א י י ז י ק האַלט איין זיין האַנד. פינסטער. גיט מיר דאָס פלעשעל. נעמט ארויס דאָס פלעשעל פון בערעס האַנד, שטעלט עס צו צו די ליפּען און טרינקט עס אויס אויף איין מאָל.

ב ע ר ע, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזען דאָס פלעשעל אָהן חשק, קוקט נאָך יעדע בעוועגונג, אויסציעהענדיג דעם האַלז. ווען אייזיק ווערט פאַרטיג מיט'ן פלעשעל, נעמט ער עס ביי איהם צו און טראָגט איהם אונטער דאָס גלעזעל. און יעצט שוין דאָס ביסעל אין גלעזעל, וועט זיין אַ פּאָלנע מאָס. — ווילסט נישט? נו, טיק יעצט עסען. שטעלט אַוועק דאָס גלעזעל מיט'ן פלעשעל און רוקט צו דאָס טעפּעל מיט'ן ברויט. טיק יעצט עסען.

א י י ז י ק שפּאַרט זיך אָן מיט ביידע הענד אויפ'ן וועבשטול און בעהאַלט דאָס געזיכט אין די הענד.

ב ע ר ע. עסען, עסען, אייזיק. אָבער גלייך. דאָס עסען איז שוין קאַלט...

א י י ז י ק לעגט אַוועק דעם קאָפּ אויף די לינקע האַנד.

ב ע ר ע. נאַ, וואָס האָסטו דיך אַוועקגעלעגט? איך זאָג דאָך דיר, גלייך עסען. וויל איהם אויפהעבען.

א י י ז י ק שטופּט איהם אַוועק מיט דער פריִיער האַנד.

ב ע ר ע בעליידיגט. נאַ, פון מיינעטוועגען ליעג. איך הייס דיר עסען, דו ווילסט נישט, טיק טו, וואָס דו ווילסט. נעמט דאָס פלעשעל, בעטראַכט עס, קוקט תאוה'דיג אויף דאָס ביסעל בראַנפען אין גלעזעל.

ה י ל י ע. נו, בערע, לחיים!

ב ע ר ע. עס נישט. איך וועל מיך מיט דיר מעהר נישט עוסק'ן. געהט צו צו זיין שטול.

ל י י ו ו י ק. עס דאָך, אייזיק. דו מוזט דאָך פּערעסען.

ב ע ר ע בעליידיגט. אזא פערד האָב איך גאָר אויף מיין לעבען נישט געזעהן.

ז ע ל י ג. מיר דוכט, אז ער וועט גאָר איינשלאָפען.

מ י כ ע ל. זאָל ער שלאָפען, דאָס איז דאָס בעסטע.

ב ע ר ע. נע־ע! איך וויים, אז איך נעם אַ ביסעל בראַנ־פען, בין איך... ווער איך... ציעהט זיך אויף מיר אָן אַ נייע הויט. און ער האָט דאַכט זיך אויך געקאָנט אריינגיסען! נע־ע, איך וויים גאָר נישט, וואָס מיט איהם איז געוואָרען.

ל י י ו ו י ק צו זעליגען. שלאָפט ער טאַקי איין, זעליג?

ז ע ל י ג. דאַכט זיך. טרייסעלט איהם. אייזיק, דו שלאָפסט?

ל י י ו ו י ק. קאָמעדיאַנט!

ה י ל י ע זינגט. „שלאָף מיין פויגעלע, מאַך־זשע צו דיין אויגעלע..."

מ י כ ע ל. נאַ, אַ חברה!

ט ע מ ע. דאָס עסען וועט דערווייל קאַלט ווערען. שפּרינגט אויף. איך וועל עס אריינטראָגען צו אידע'ן און אריינשטעלען אין אויוועז.

א י י ז י ק זעצט זיך אויף און נעמט ארוים זיין טאַשענטיכעל.

ט ע מ ע מיט שרעק. זעה, ער האָט דאָך געוויינט!

ל י י וו י ק, ב ע ר ע, ז ע ל י ג, מ ל כ ה שפרינגען אויף פון זייערע ערטער מיט איין אויסגעשריי: געווינט! טרעטען צו איהם צו און קוקען אויף איהם מיט שרעק.

מ י כ ע ל דרעהט אויס דעם קאָפּ און זאָגט אַרויס מיט אַ טאָן פון ביטערקייט, אונצופרידענהייט און עקעל: געווינט.

ה י ל י ע און ס ע נ ד ע ר קוקען נייגיעריג פון זייערע ער־טער און טוען זייער אַרבייט.

י אָ ש ק ע טרעט אָב פון זיין טיש און קוקט נייגיעריג, מיט דעם קלייפּענזיל אין דער האַנד.

ב ע ר ע. ביזט דאָך עפּעס גאָר קיין מענש נישט. פּע, אויף מיין וואָרט. ווען איך וואָלט געוואוסט, אז אסור, אויב איך וואָלט דיך צוגערעדט צו טרינקען. ביזט דאָך עפּעס גאָר קיין מענש ניט.

ה י ל י ע. זאָל ער געהן אַ היים און אויסשלאָפען זיך.

ב ע ר ע. געה טאַקי אַ היים און שלאָף דיך אויס. וואָס וויינסטו? פּע, אויף מיין וואָרט, עס איז גאָר אַ בושה און אַ חרפּה. געה פּאָלג מיך אַ היים. וועסטו היינט אויך נישט אַרבייטען, מילא. זאָל דוכטען, אז דו זיצסט נאָך איבער דיין מאַשינע. געה, געה, נאַ, און דאָ האָסטו דעם רעסט פון רובעל. נאַ, נעם צו. זעהסט, איך לעג דיר איהם אריין אין קעשענע. איז עס אַ גאַנצע קעשענע? בעטאַפּט די קעשענע. אַ גאַנצע. נו געה.

א י י ז י ק לאָזט זיך ווידער אַראָב אויף די האַנד. זיין גאַנ־צער קערפּער טרייסעלט זיך פון דעם שטילען געוויין.

ל י י וו י ק. אָבער, אייזיק, ביזט דאָך טאַקי...

ב ע ר ע. אָה, דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבען מאַכט זיך מיר דאָס צו זעהן.

ה י ל י ע צו סענדערן. זעה נור, טעמע וויינט אויך.

ט ע מ ע טריקענט די אויגען. הילינקע, דו האָסט דאָך אַ גזלניש האַרץ.

ל י י וו י ק. ציטערענדיג אייזיק'ן. אָבער אייזיק, אָך, פּע....

א י י ז י ק. לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך מוז... איך מוז...

ב ע ר ע, ציעהענדיג אייזיק'ן. וואָס מוזטו, וואָס? מוזט גאָר נישט. געהערט עפּעס ווערטער, ער מוז גאָר וויינען.

א י י ז י ק בייז. לאָזט מיך צו רוה!

ב ע ר ע מאַכט מיט דער האַנד. נא, העב זיך אָן מיט א משוגענעם. מען צוגעהט זיך אויף די ערטער.

ל י י וו י ק, טרויריג. הם!

ב ע ר ע. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען...

מ ל כ ה. פע, איך קאָן נישט זעהן, אז א מאנסביל וויינט.

ז ע ל י ג געריהרט. נע־ע־ע!

ט ע מ ע נעמט דאָס טעפּעל און געהט מיט איהם אַרויס.

שווייגען.

א י י ז י ק ווערט שטילער און בלייבט צולעצט רו־היג ליעגען אויף זיין האַנד. מען קוקט זיך אָפּ אום אויף איהם.

ג אָ ל ד י ן קומט אַריין, געהט אין אייזיק'ס זייט, מאַכט מיט'ן קאָפּף. נא, וואָס ליעגט ער עפּעס?

מ ל כ ה. ער האָט ערשט געוויינט.

ג אָ ל ד י ן. געוויינט? וואָס ער האָט עפּעס געוויינט? וואָס פון זיין מאַשינע האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען? וועקט אייזיק'ן. דו, אייזיק, וואָס האָסטו געוויינט? שטעה אויף. דער־זעהט די בראַנפען־פלאַש. ווער האָט עס געטרונקען? דאָס האָט ער געטרונקען?

מ ל כ ה. ער האָט נאָך גאָר נישט גענעסען, האָט מען איהם געהייסען נעמען א ביסעל בראַנפען.

ג אָ ל ד י ן. האָט ער זיך הייסט עס פשוט אָנגעשכור'ט. טע! צוערשט האָט מען איהם נישט געקאָנט ארויסטרייבען פון שטוב, ווייל ער האָט זיך געפּאַרקעט איבער א שטיקעל מאַשינע און יעצט, אז ער איז שוין געקומען ארבייטען, האָט ער זיך אָנגעזויפען ווי א חזיר און ליעגט.

א י י ז י ק מאַכט אַ נערוועזע בעוועגונג, גיט אַ העב דעם קאָפּף און לעגט איהם גלייך אַוועק צוריק.

ג אַ ל ד י ן. ביזטו שכור, טאָ געה אַ היים און לעג זיך שלאָ־פען. איך דארף דאָ קיין שיכורים נישט. — וואו איז טעמע ?

א י י ז י ק העבט זיך לאַנגזאַם אויף. איהר זייט אין כעס, וואָס איך האָב אייך נישט געבראַכט אַ דריטע מאַשינע ?

ג אַ ל ד י ן. פערד ! איך דארף דיך אויף כפרות מיט דיינע מאַשינעס צוזאַמען. — — וואו איז טעמע, וואו ?

מ ל כ ה. דאָ איז געוועזען זיין ווייב און האָט איהם געבראַכט זיין וואַרמעס, האָט טעמע אַרויפגעטראָגען דאָס טעפּעל, עס זאָל ניט קאַלט ווערען, צו אידע'ן.

ג אַ ל ד י ן. מעהר האָט זי שוין נישט וואָס צו טון, ווי מיט זיינע טעפּלעך...

א י י ז י ק. אַז איך וואָלט אייך געבראַכט די מאַשינע, וואָלט איהר נישט אַזוי אין כעס געוועזען.

ט ע מ ע קומט אַריין.

ג אַ ל ד י ן. וואוהין געהסטו אַרום, וואוהין ? דו דאַרפסט זיצען און אַרבייטען און ניט עוסק'ן זיך מיט זיינע טעפּלעך. איך האַלט נישט פון זיינעטוועגען קיין משרתים.

א י י ז י ק מיט קוים איינגעהאַלטענעם כעס. איך האָב זי נישט געבעטען.

ט ע מ ע. דאָך אַ ווײַלע נור געדויערט. עס וואָלט דאָך קאַלט געוואָרען דאָס טעפּעל.

ג אַ ל ד י ן. אַ מינוט אויך נישט. ער מעג עסען קאַלטע אָדער גאַר נישט עסען, דאָס איז נישט דיין דאגה. דו דאַרפסט זיצען און אַרבייטען.

א י י ז י ק. אַזוי שטאַרק האָט אייך געאינטערעסירט מיין מאַשינקע ?

ג אַ ל ד י ן צושרייט זיך. איך דארף דיך אויף כפרות מיט דיין מאַשינקע, האָב איך דיר שוין איינמאָל געזאָגט, פערשטעהסטו מיך ! דו קאָנסט שוין...

א ר ק ע אייַלט אַריין. וואָס האָסטו זיך דאָ אַזוי צושריען ?

ג אַ ל ד י ן. איז געקומען, האָט זיך אָנגע'שכור'ט....

א י י ז י ק  אַ קלאַפּ טועגדיג מיט דער האַנד אן װעבשטול. איהר זאָלט מיר אויפהערען מיט דעם „אַנגעשיכור'ט“, פערשטעהט איהר מיך צו נישט!

ג אָ ל ד י ן  בלייבט שטעהן מיט איין אָפענעם מויל. אלע רייסען איבער די אַרבייט.

א ר ק ע. טע, טע, טע, ער איז דאָך טאַקי גאָר שטאַרק אין כעס.

א י י ז י ק. מיר דאַרפט איהר נישט רעדען װעגען אַנשיכור'ן זיך. דאָס רעדט אייער ארקען.

ג אָ ל ד י ן. דו עזות מחוצף פנים! דו שטיק שייגאָץ!

מ י כ ע ל און ב ע ר ע רינגלען אַרום גאָלדינען.

ל י י װ י ק און ז ע ל י ג האַלטען אָב אייזיקען.

מ י כ ע ל. הער אויף, נאָטע, זעהסט דאָך.

ל י י װ י ק. בערוהיג דיך, בערוהיג דיך, אייזיק.

א ר ק ע. װעגען מיר דאַרפסטו נישט רעדען!

ב ע ר ע. ארקע, אָך, נע־ע...

ל י י װ י ק צו אייזיקען. בערוהיג דיך, בערוהיג דיך.

ג אָ ל ד י ן. דו װעסט שוין ביי מיר מעהר נישט אַרבייטען.

א י י ז י ק. איך טראַכט עס שוין. אָבער איהר װעט מיר צוערשט אָװעקגעבען מיין פּרעס מיט מיין פּעטליצעס מאַשינקע.

א ר ק ע  שטעלט אָן די האַנד צום אויער. װאָס, װאָס זאָל מען דיר אָװעקגעבען? איך האָב נישט געהערט, חזר איבער נאָך אַ מאָל.

ג אָ ל ד י ן. דיין פּרעס מיט דיין מאַשינקע? פאַר דיין פוּ עס מיט דיין מאַשינקע האָט מען דיר בעצאָלט גוט געלד.

א י י ז י ק  מאַכט אַ בעװעגונג.

ל י י װ י ק און ז ע ל י ג האַלטען איהם אָב.

ז ע ל י ג. רוהיג, רוהיג.

ג אָ ל ד י ן. זיינע מאַשינעס זאָל איך איהם אָװעקגעבען!

ז י י נ ע איז עס. אז איך האָב דיר בעצאָלט, זיינען זיי מיינע. נישט דיינע.

א ר ק ע. זיין פרעס און ז י י ן מאַשינקע! די מורא'דיגע ערפינדונגען, גרויסע קאַפּשטיק! האָסט בעוויזען, וואָס דו קאָנסט. געפּאַרקעט זיך און געפּאַרקעט זיך דריי טעג...

א י י ז י ק. גרויסע קאַפּשטיק —— דו קאָנסט בעסערע?

א ר ק ע. פּששש... אָבער וואו איז דיין נייע מאַשינע?

א י י ז י ק. איך פרעג ביי דיר, דו קאָנסט בעסערע?

א ר ק ע. אָבער דיין נייע מאַשינע וואו איז?

ג אָ ל ד י ן. וואָס רעדסטו מיט איהם? געה, יאָשקע, רוף שמערלען. זאָג איהם, אז דער שטול איז לעדיג. ער קאָן שוין קו־מען זעצען זיך ארבייטען. — אַט וועט זיין גענוג צו רעדען.

י אָ ש ק ע. מאַכט לאַנגזאַמע הכנות.

א י י ז י ק שטעהט אויף, קנעפּט זיך צו דעם רעקעל, און העבט אָן לאַנגזאַם צו געהן צו דער טיר, בעגלייט פון די איהם בערוהיגענדע לייוויק און זעליג. פּלוצלונג גיט ער זיך אַ לאָז צו דער פּרעס, העבט זי אויף, וואַרפט זיך אַרויף אויף די פּעטליצעס־מאַשינע און טרעט זיי מיט די פיס, אַז עס פליהען שפּענדלעך און רעדלעך, צורעדענדיג דערביי. יעצט קאָן איך געהן, יעצט קאָן איך געהן.

ל י י וו י ק, ז ע ל י ג, ב ע ר ע ווילען איהם אָבהאַלטען.

ג אָ ל ד י ן. געהט רופט אַ גאָראָדאָוואָי, געהט רופט. ארקע, געה נאָך אַ גאָראָדאָוואָי.

א ר ק ע. הילפע, געה נאָך אַ גאָראָדאָוואָי.

א י י ז י ק טרעט נאָך מיט די פיס. יעצט קאָן איך געהן. רייסט זיך אַרויס פון די הענד און געהט אַרויס ווי מעגליך רוהיג.

ג אָ ל ד י ן און א ר ק ע וואַרפען זיך נאָך איהם. מען האַלט זיי אָב.

ג אָ ל ד י ן. זאָל מען געהן נאָך אַ גאָראָדאָוואָי, זאָל מען געהן.

א י י ז י ק פון הויף. נאַ דיר! אַ שטיין פליהט אין פענס־טער מיט גרויסער קראַפט, צוברעכט אַלע שויבען און טרעפט ארקען אין זייט. פון עולם רייסט זיך אַרויס איין „אך!“

א ר ק ע. ער האָט מיך גע'הרג'עט!

ג אָ ל ד י ן. אַ גאָראָדאָוואָי!

## דריטער אקט.

א י י ז י ק׳ס  ו ו אָ ה נ ו נ ג. שפּעט אין אבענד, אויפ׳ן טיש ברענט אַ קליין לעמפּעל מיט אַ שטאַרק פּעררויכערטען גלאָז. אין צימער איז האַלב־דונקעל. עס זעהען זיך נור די שאָטענס, די שוואַרצע סילועטען פון אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ.

ג י ש י נ ק ע  זיצט אין פאָרנסטען בעט און וויינט מיד. מאַמע, מאַמע.

פ י נ י ע  שטעהט איבער איהר און ברומט אונטער. געשטאָרבען, געשטאָרבען.

ג י ש י נ ק ע  בייז. נישט געשטאָרבען! מ אַ מ ע נישט געשטאָרבען! דו ביזט געשטאָרבען!

פ י נ י ע. אַלע געשטאָרבען. טויט.

ג י ש י נ ק ע  וויינט שטאַרקער. ניין, נישט געשטאָרבען!

פ י נ י ע. געשטאָרבען. טויט. דער הימעל. די ערד. און גאָט. און גאָט. בעגראָבען אין טויטען הימעל. בעשאָטען מיט דער טויטער ערד. און אַלץ איז קאַלט און פינסטער. און קאַלט. און פינסטער...

ג י ש י נ ק ע. מאַמע־ע־ע! וואו די מאַמע?

פ י נ י ע. געשטאָרבען. אַלע געשטאָרבען.

ג י ש י נ ק ע  צושרייט זיך אויפ׳ן קול. ניין, נישט געשטאָרבען! נישט געשטאָרבען! די מאַמע איז נישט געשטאָרבען!....

ג ע ל י ע  קומט אַריין פון איהר צימער, און באַלד נאָך איהר ה י נ ד ע פון איהר צימער. ביידע זיינען אָנגעטאָן אין אונטעררעק און איינגעוויקעלט אין גרויסע פאַטשיילעס.

ג ע ל י ע  צו פיניען. וואָס שטעהט איהר און שרעקט זי? געהט אין אייער רוה. צו גישינקען. ווייז דאָך נישט, גישינקע. די מאַמע וועט באַלד קומען.

פ י נ י ע גערט לאנגזאם אַב און זעצט זיך אויף זיין אָרט. פון צייט צו צייט לאָזט ער אַרויס וויינענדיגע טענער.

ה י נ ד ע. וואָס האָט זי זיך אַזוי צושריען?

ג י ש י נ ק ע וויינט. וואו איז די מאַמע?

ג ע ל י ע. דער אַלטער האָט זיך אוועקגעשטעלט איבער איהר...

ג י ש י נ ק ע. נישט געשטאָרבען?

ג ע ל י ע. ...און...

ה י נ ד ע צו גישינקען. די מאַמע וועט באַלד קומען.

ג ע ל י ע. זי ווערט צוריסען שרייענדיג.

ה י נ ד ע. עפּעס איז נישט גלאַט מיט אייזיקען. גאָלדין האָט איהם געמוזט איינשפּאַרען. אָבער וואָס קומט זי נישט?

ג י ש י נ ק ע וויינט. די מאַמע קומט נישט.

ג ע ל י ע. לעג דיך שלאָפען, גישינקע, די מאַמע וועט גלייך קומען. מיר וועלען זיצען לעבען דיר, גוט?

ג י ש י נ ק ע. איך וויל די מאַמען.

ג ע ל י ע, איינלעגענדיג זי און אוועקזעצענדיג זיך נעבען איהר. אַט אַזוי ליעג, גישינקע, מיר וועלען זיצען לעבען דיר. זעהסט, אָ, הינדע האָט זיך אויך געזעצט. און די מאַמע וועט באַלד קומען.

ה י נ ד ע. שלאָף, גישינקע, שלאָף.

ג י ש י נ ק ע אַ ביסעל רוהיגער. די מאַמע נישט געשטאָרבען.

ג ע ל י ע. וואָס עפּעס די מאַמע געשטאָרבען? די מאַמע איז נישט געשטאָרבען.

ג י ש י נ ק ע. נישט געשטאָרבען?

ג ע ל י ע. ניין, ניין, נאַרעלע. די מאַמע איז נישט געשטאָרבען. שלאָף.

ה י נ ד ע. דער אַלטער מאַכט אַלעמען קראַנק מיט זיין „שטאַרבען".

ג י ש י נ ק ע. דער טאַטע אויך נישט געשטאָרבען?

ג ע ל י ע. שלאָף, שלאָף, גישינקע. קיינער איז נישט געשטאָרבען.

ה י נ ד ע. ווער ווייס, וואָס מיט אייזיקען איז? איהר האָט דאָך געהערט, וואָס עס האָט זיך היינט צו טון אין ווערקשטאַט? ער האָט געוויינט...

ג ע ל י ע. חברה האָט איהם אַ פריער אָנגעטרונקען.

ג י ש י נ ק ע. ווען וועט קומען די מאמע?

ג ע ל י ע. וועט באַלד קומען. שלאָף דערווייל.

ה י נ ד ע. ...און האָט צובראָכען זיין פרעס מיט דער פּעטלי־צעס־מאַשינע.

ס אָ ס י ע קומט אַריין, אין אונטערראָק און יאַקע, די הענד צו־גויפגעלעגט אויף דער ברוסט. עס פריערט זי. נו, וואָס הערט זיך? טרעט צו נעהנטער צום בעט. זעה, דאָס איז גאָר געליע. איך האָב גע־מיינט, אז דו רעדסט דאָ מיט ביילי‍ען. איז נאָך ביילי‍ע אַלץ נישטאָ?

ג ע ל י ע. נישט ביילי‍ע, נישט אייזיק.

ס אָ ס י ע. אַ מאָדנע זאַך.

ג י ש י נ ק ע צו סאָסיען. די מאמע נישט געשטאָרבען.

ה י נ ד ע. וואָס דאָרטין האָט זיך אַ ביסעל צו טון!

ג י ש י נ ק ע צו סאָסיען. און דער טאַטע אויך נישט גע־שטאָרבען.

ג ע ל י ע. שלאָף, שלאָף. אַז דו וועסט נישט שלאָפען, ווע־לען מיר אוועקגעהן.

ג י ש י נ ק ע. ניין, נישט אוועקגעהן.

ג ע ל י ע. טיק שלאָף. קראַצט איהר אין קאָפּ און זינגט שטיל אַ ליעד.

ה י נ ד ע. שרעקליך האָט דאָרטין געמוזט זיין. מיט אַ גרויסען שטיין האָט ער צושלאָגען עטליכע שויבען...

ס אָ ס י ע. דו דערצעהלסט פון אייזיקען?

ג ע ל י ע. דערפאַר רעכען איך, אַז גאָלדינקע האָט איהם גע־ווים איינגעזעצט.

ה י נ ד ע. עס קאָן זעהר זיין. פון גאַס געוויס איהם צו־גענומען.

ס אָ ס י ע טרייסעלט זיך. בררר... ווי דער בן־אָקעל איז עס

פריער אריינגעפאלען אין שטוב מיט'ן גאראדאוואי, אריינגעקוקט צו אונז אין צימער...

ג ע ל י ע. און צו אונז אויך.

ה י נ ד ע. עס האבען מיר געטרייסעלט הענד און פיס.

ג ע ל י ע. איך האב איהם געוואלט געבען מיט עפיס אין קאפ...

ה י נ ד ע. א בן'אקעל!

ג ע ל י ע. א לאבוז עפים.

ה י נ ד ע. סאר א מין פראנט. געגאלט, געדרעהטע ווענ־צעלעך, די שליאפע אויף א זייט, מיט רינגען אויף די פינגער...

ס א ס י ע טרייסלענדיג זיך. און ווי ער איז דאס אנגעטאן!

ג ע ל י ע. אין דער פריה, אז מיר זיינען ביידע ארויס פון שטוב, איז ער צוגעשטאנען צו מיר, וואוהין געה איך און איך זאל איהם געבען טראגען דאס פעקעל, און וואס טו איך און ווען שפא־ציר איך...

ה י נ ד ע. איהר האלט איהם פאר א שיינעם? איך האלט איהם נישט פאר קיין שיינעם. די אויגען זיינען עפים...

ג ע ל י ע. און וואו שפאציר איך און מיט וועמען שפאציר איך. און אלץ מיט אזעלכע בעוועגונגען און פערבויגונגען... קרימט איהם נאך: טע־טע־טע און טע־טע־טע...

ס א ס י ע צו הינדען. ווייסט, נאך וועמען ער זעהט אוים?

ה י נ ד ע טראכט א ביסעל. נאך וועמען?

ס א ס י ע. נאך קאפעליאוויטש'ען.

ה י נ ד ע. פא, קאפענע שמערל, עס העבט זיך אפילו נישט יענער איז העכער, האט בלאנדע האר...

ס א ס י ע. יא, אבער עפים... די נאז... די ליפען...

ה י נ ד ע. אי, געה, דו ווייסט נישט, וואס דו רעדסט.

ג ע ל י ע. און ביז וויכמאנס טיר — איך בין געגאנגען צו וויכמאנען אבטראגען זאקען — איז ביז וויכמאנס טיר האט ער מיך בעגלייט. איך האב מיך פון איהם נישט געקאנט אבציעפען.

ה י נ ד ע. און דערצו איז ער אזא מין גראבער יונג.

ס אָ ס י ע. פע, רעדט אַזעלכע גראָבע זאַכען.

ג ע ל י ע. מיר האָט ער גראד קיין גראָבע זאַכען נישט גע־רעדט. ער וואָלט שוין פון מיר געלייזט. אָבער אַלץ אַזעלכע קאָמפּ־לימענטען געמאַכט. קרימט איהם ווידער נאָך. טע־טע־טע און טע־טע־טע. „דאַס פריילײן איז אַזוי קלוג, דאַס פריילײן איז...״ מען קלאַפּט אין גאַסטיר. זיי שפּרינגען אויף.

ה י נ ד ע. מסתמא ביילע.

ס אָ ס י ע געהט אויפעפענען די טיר, טרייסלענדיג זיך. בררר, בררר...

ה י נ ד ע. איך וואָלט שוין אַזוי וועלען וויסען, וואָס טוט זיך מיט אייזיק׳ן.

ס אָ ס י ע שרייט אויס. אַי!

ז ע ל י ג, אין פּאַרהויז. שאַ, שרעקט זיך נישט. איך בין געקומען זעהן, צו איז אייזיק שוין אין דער היים.

ס אָ ס י ע קומט אַריין, געהענדיג אויף הינטען.

ז ע ל י ג נאָך איהר. ער טראָגט יעצט אַ שוואַרץ רעקעל איבער דעם אויסגענעהטען העמד.

ג ע ל י ע און ה י נ ד ע פערריכטען זייער טואַלעט. אַלע דריי מיידלעך שטעלען זיך צוזאַמענגעדריקט אין אַ קאָקעטער פּאָזע, זו־כענדיג פּאַר זייערע שלעכט פערדעקטע גליעדער אַ שיינע שטעלונג.

ז ע ל י ג. איז ער שוין געקומען?

ה י נ ד ע. ניין, ער איז נאָך נישטאָ.

ג ע ל י ע. און ביילע איז נאָך אויך נישט געקומען.

ז ע ל י ג. מסתמא זוכט זי איהם נאָך. איך בין געווען ביי עטליכע בעקאַנטע, דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסען — מען הערט איהם נישט און מען זעהט איהם נישט.

ג ע ל י ע. דער מענש, אויב מען האָט איהם נישט איינגע־זעצט, האָט זיך געווים אַ מעשה אָנגעטאָן.

ס אָ ס י ע. דאָ איז געווען גאָלדינס בן׳אָקעל מיט אַ גאַ־ראַדאָוואָי.

ז ע ל י ג. איך ווייס. און וואָס מיר האָבען איהם אָבגע־האַלטען!

ה י נ ד ע. אַריינגעפלויגען... מאַכט נאָך אַרקען. „וואו איז ער?! אייזיק זאָל מיר שוין זיין! איך וועל איהם..."

ס אָ ס י ע. און האָט איהם אומעדום געזוכט.

ז ע ל י ג. אַרקעלע האָט געוואָלט מאַכען אַ ביסעל קוראַזש. מאַכט נאָך אַרקעס שטימע. „וואו איז ער?! איך וועל איהם!"...

ס אָ ס י ע, צו די אַנדערע. אוי, טאַקי אַזוי האָט ער געשריען.

ז ע ל י ג. צו איך קען איהם! מאַכט נאָך אַרקעס בעוועגינגען. „וואו איז ער? אייזיק זאָל מיר שוין זיין! איך וועל איהם!..." אַלע לאַכען.

ס אָ ס י ע, צו די אַנדערע. אָבער טאַקי פונקט אַזוי.

ז ע ל י ג. איהר האָט איהם דאָ, דאַכט זיך, היינט אין דער פריה אויך געהאַט?

ג ע ל י ע מאַכט איין איראָנישע בעוועגונג מיט דער האַנד און דריקט צוזאַמען די ליפּען. געהאַט די עהרע.

ז ע ל י ג. און מיט איינער פון אייך איז ער געגאַנגען.

ג ע ל י ע מיט דערזעלבער בעוועגונג און מיט אַ געמאַכטען שטאָלץ. מיט מיר אַליין.

ס אָ ס י ע צו די אַנדערע. אָבער ווי מען ווייס עס אַלין.

ז ע ל י ג. ער האָט שוין געוואָלט ווערען איין אָפּטער אַריינ־געהער ביי אייך.

ה י נ ד ע. נאָך וואָס האָט אונז געפעהלט.

ג ע ל י ע איראָניש. מען דאַרף איהם טאַקי נויטיג זהאָבען.

ז ע ל י ג. איז ער דען אַ מיאוסער קאַוואַליער?

ג ע ל י ע. אַ שיינהאָץ!

ה י נ ד ע. פע, עפּיס אַזוינע אויגען.

ז ע ל י ג. ער נעמט דאָך אַזוי אוים ביי מיידלעך.

ג ע ל י ע שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און דריקט צוזאַמען די ליפּען. מ־מ־מנא!

ה י נ ד ע. ער?!

ס אָ ס י ע. קוקט אויף די אַנדערע און לאַכט פֿאַר פֿערוואונ־
דערונג.

ג ע ל י ע. ער איז צוגעשלאָגנעז צו מיר אין גאַס, האָב איך
נישט געוואוסט, ווי פּטור צו ווערן פון איהם.

ז ע ל י ג שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אַך, ארקע, ארקע, אַ מפּלה
אויף דיר...

ס אָ ס י ע. איך וואָלט שווערען, אז עמיץ טאַפּט די טיר.
די טיר ווערט געעפענט.

ז ע ל י ג. יאָ, עמיץ קומט. זיי מאַכען אַ פּאָר שריט צו דער טיר.

ב ע ר ע קומט אַריין. ער זעהט אוים אומעטיג און פֿערזאָרגט,
ווי ער וואָלט זיך געפיהלט שולדיג אין דעם פֿאַרגעקומענעם.

ז ע ל י ג. גאָר בערע!

ב ע ר ע. זעליג! קוקט זיך אַרום. איז אייזיק שוין גע־
קומען?

ז ע ל י ג. נישטאָ נישט אייזיק און נישט זיין ווייב.

ב ע ר ע. זי לויפט מסתמא ארום. און ער איז נישטאָ?
ליעגט מסתמא ערגעץ־וואו א שיכור'ער.

ג ע ל י ע. אויב גאָלדין האָט איהם נישט ארעסטירט.

ב ע ר ע. מיט אַ שעה צוויי צוריק, אַ זייגער ניין, איז ער נאָך
געוועזן ביי ריבה שיינין אין שיינק.

ז ע ל י ג. פון וואַנען ווייסט איהר עס?

ב ע ר ע. איך האָב איהם אומעדום געזוכט, בין איך שוין
פערגאַנגען צו ריבה שיינין אין שיינק אויך.

ה י נ ד ע. דאָס איז דאָך דאַכט זיך אין עק שטאָדט.

ז ע ל י ג קלאַפּט בערען איבער'ן אַקסעל. אָ, וואו אַ שיינק
איז, ווייס ער שוין!

ב ע ר ע. פערד! איך בין אַריינגעגאַנגען זעהן, צו איז איי־
זיק דאָרטין נישטאָ, פערד! — און ער איז דאָרטין טאַקי געוועזען,
איז אָבגעזעסען אַ פּאָר שעה, מיט קיינעם אַ וואָרט נישט גערעדט
און געטרונקען. זיי זאָגען, אַז ער איז געזעסען אַזוי אַנגערוקט.

זיי האָבען געמיינט, אז דאָס איז א משוגענער. פון דאָרטין איז ער אוועקגעגאַנגען שטאַרק בעטרונקען. וואוהין, ווייסען זיי נישט.

ז ע ל י ג. מוז מסתמא ליגען אין א קאַנאַווע.

ה י נ ד ע קאָקעט. פּ־פּע.

ס אָ ס י ע טרייסעלט זיך. בררר.

ז ע ל י ג. איז אייך קאַלט?

ס אָ ס י ע. אַזוי עפּיס... בררר...

ז ע ל י ג. א יונג מיידעל דאַרף נישט קאַלט זיין.

ה י נ ד ע. פּטור, זי פריערט שטענדיג.

ס אָ ס י ע. איך ווייס נישט, מיר איז עפּיס... בררר...

ב ע ר ע, וועלכער איז געשטאַנען פערטראַכט מיט די אויגען צו דער פּאָדלאָגע. און ווייטער ווייס איך נישט, וואו צו זוכען. איך בין געוועזען אין נאָך עטליכע שיינקען...

ז ע ל י ג. זעלבסטפערשטענדליך.

ב ע ר ע מיט פעראַכטונג. טפו, קאָמעדיאַנט! די גאַסטיר ווערט געעפענט.

ב י י ל י ע לויפט אַריין. וואָס? ער איז שוין דאָ? בע־מערקט גלייך, אַז אייזיק איז נאָך נישטאָ. נאָך נישטאָ? צוואַווייגט זיך. ער האָט זיך א ודאי עפּיס אָנגעטאָן. רבונו של עולם, איין אומגליק איז מיר...

ה י נ ד ע. ניין א זייגער האָט מען איהם נאָך געזעהן ביי ריבה שיינין אין שיינק.

ב ע ר ע. א זייגער ניין איז עס געוועזען. פון דאָרטען איז ער אוועקגעגאַנגען א בעטרונקענער. וואוהין, ווייס איך נישט. איך האָב איהם געזוכט.

ז ע ל י ג. איך האָב איהם אויך געזוכט. נור די שטאָדט איז דאָך נישט קליין.

ב י י ל י ע דורך טרערען. איך בין אויסגעוועזען אומעדום. איך האָב געמאַכט אַזא סקאַנדאַל ביי גאָלדינען. איך האָב מיך געוואָרפען אויף דר'ערד און געשריען מיט בענומענע קולות: איי־זיקען זאָלען זיי מיר אוועקגעבען, זיי זאָלען מיר זאָגען, וואו איז

אייזיק. די אַלטע האָט מיר געשוואָרען מיט טויזענדער שבועות, אַז זיי האָבען איהם נישט אַריינגעזעצט. יאמערט, פערברעכענדיג די הענד. ער האָט זיך געווים עפּים אָנגעטאָן, ווי לעב איך גאָר אויף דער וועלט!...

ג ע ל י ע. אַך, ניין, ער ליעגט ערגיץ אַ בעטרונקענער.

ה י נ ד ע. ערגיץ אין אַ קאַנאַווע.

ס אָ ס י ע. בררר.

ב י י ל י ע קלאָגט. שיין איז מיר, גוט איז מיר, דאָס זיך נאָך דערלעבט.

ב ע ר ע. זיי זאָגען דאָרטין, אַז ער איז געוועזע זעהר שיכור, קוים געהאַלטען זיך אויף די פים.

ב י י ל י ע, ווי פריער. שיין איז מיר, גוט איז מיר... נאָך געליהען אַ רובעל.

ב ע ר ע. און איך אַליין האָב איהם אַריינגעלעגט דעם רעסט פון רובעל אין קעשענע. איך וואָלט וויסען אַזאַ סוף...

ז ע ל י ג. וואָלט איהר איהם אַריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע.

ב ע ר ע בייז. ע, ע, ע, קאָמעדיאַנט! שטענדיג ליעגען איהם נור וויצען אין קאָפּ.

ז ע ל י ג, ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע לאַכען.

ב י י ל י ע, אַרומלויפענדיג איבער'ן שטוב. אַ פייער זאָל דאָרטין כאַפּען ריבה שיינין מיט איהר שיינק צוזאַמען. זאָל אין איין נאַכט פון איהר קיין שריד און פּליט נישט בלייבען. מען זעהט, אַז אַ איד וויל זיך אָנשיכור'ן, פערקויפט מען איהם קיין בראַנפען נישט.

ג ע ל י ע. דעם שיינקער איז אַ ודאי אַ דאגה, ווער עס וויל זיך אָנשיכור'ען.

ה י נ ד ע. איהם אַרט אַ ודאי — אַ איד, אַ קריסט.

ז ע ל י ג. אַבי געלד אָדער אַ גוטער משכון. זאָגט, בערע?

ב ע ר ע בייז. וואָס זאָל איך דיר זאָגען, וואָס?

ז ע ל י ג, ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע לאַכען.

ב י י ל י ע אומלויפענדיג. און וואו זאָל איך איהם זוכען, וואו זאָל איך איהם אָנהעבען צו זוכען? וואו זאָל איך איהם אָנהעבען צו זוכען? יאמערט. עס איז געקומען, איך זאָל מיר א מעשה אָנטון, רבונו של עולם! די גאַסטיר ווערט געעפענט. מען לאָזט זיך ענטקעגען.

ל י י וו י ק און ס ע נ ד ע ר קומען אַריין.

ל י י וו י ק. נו, ער איז שוין דאָ?

ב י י ל י ע. וואו! זאָל ער אַזוי זיין אויף דער וועלט...

ז ע ל י ג צו סענדערן. ווי קומסטו אהער? האָסט דאָך גע־דארפט זיין...

ל י י וו י ק. פעטרוש דער סטרוזש האָט מיר געזאָגט, אז היינט ביי טאָג ארום צוויי־דריי א זייגער האָט ער געזעהן א יונגען מאַן אין גרויסען וואַלד. יענער איז אומגעלאָפען, געשלאָגען די בוימער מיט די הענד, געריסען פון זיי די קאָרע, געביסען זיי, גע־שלאָגען זיך אָן זיי מיט'ן קאָפּ. ווי ער האָט מיר אָבגעמאָלט, איז עס אייזיק.

ב י י ל י ע כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ. אָי, ער איז א ודאי משגע געוואָרען. אָי, אָי, אָי.

ל י י וו י ק. האָב איך גערופען סענדערן און מיר זיינען ביידע געגאַנגען אהין, וואו ער האָט מיר אָבגעמאָלט, און האָבען גאָר נישט געפונען.

ס ע נ ד ע ר. איך האָב א פריער געזאָגט, אז עס איז נישטאָ וואָס צו געהן. אין גרויסען וואַלד וועט ער אזוי גיך געפינען א מענ־שען און נאָך ביי דער נאַכט.

ל י י וו י ק. פון דעסטוועגען וואָלט איך נאָך געזוכט, א העלע נאַכט...

ס ע נ ד ע ר. האָסטו געזאָלט בלייבען.

ה י נ ד ע. ניין א זייגער איז ער געוועזען ביי ריבה שיינין אין שיינק.

ב ע ר ע. נו, דאָס איז דאָך טאַקי לעבען גרויסען וואַלד.

ב י י ל י ע. וויינענדיג. ער איז נאָך אַ ודאי צוריק אוועק אין וואַלד. ווי זוכט מען איהם? ווי געפינט מען איהם?

ז ע ל י ג. שטאַרק אַ בעטרונקענער. בערע דערצעהלט, אַז ער האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. אַזוי שיכור...

ב ע ר ע. א י ך האָב איהם נישט געזעהן. אַזוי האָט מען מיר געזאָגט.

ב י י ל י ע. וואו זוכט מען איהם? וואו געפינט מען איהם?

ה י נ ד ע. נאָך אפשר טאַקי צוריק אַוועק אין גרויסען וואַלד.

ב י י ל י ע. האָט זיך אָנגעטרונקען און אָנגעטאָן זיך עפּעס. יאמערט. וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טון? לאָ'מיר לויפען אין גרויסען וואַלד.

ס ע נ ד ע ר. הא! רעדט ווי אַ קינד. אין גרויסען וואַלד וועט זי זוכען ביי דער נאַכט אַ מענשען. און אַט געהען מיר דאָך פון דאָרטין.

ל י י ו ו י ק. מיר וואָלטען אַלע געהן.

ז ע ל י ג צו די מיידלעך. ווילט איהר אין וואַלד?

ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע קוקען אויף געליען, וואָס וועט זי זאָגען.

ג ע ל י ע. אַך, אבי געהן. איין עברה די טרחה.

ב ע ר ע. טאַקי, וואו וועט מען געהן?

ס ע נ ד ע ר. און אַט געהן מיר דאָך פון דאָרטען.

ז ע ל י ג קלאַפּט סענדערן מיט'ן עלענבויגען, מאַכט מיט די אויגען און מיט די ליפען און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין זייט פון די מיידלעך.

ס ע נ ד ע ר קרימט זיך. אי!

ב י י ל י ע, ברעכענדיג די הענד. וואָס טוט מען? וואָס העבט מען אָן צו טון? וואָס העבט מען אָן צו טון?

ב ע ר ע. ער וועט זיך אויסשלאָפען ערגעץ און וועט קומען אַ היים.

ג ע ל י ע. און ווער וויים, אַז ער איז געוועזען אין וואַלד?

ל י י ו ו י ק. ווי פעטרוש מאַלט אָב. פון מיטעלען וואוקס, א בלאָנד בערדעל, א שליאַפּע אויפ'ן קאָפּ.

ס ע נ ד ע ר. האָסט געהערט די סמנים! וועניג מענשען זיינען פון מיטעלען וואוקס און טראָגען א שליאַפּע אויפ'ן קאָפּ.

ב י י ל י ע, אומלויפענדיג. וואָס טוט מען? וואו זוכט מען איהם? ווי געפינט מען איהם? זעצט זיך אין הינטערסטען בעט און וויינט.

שווייגען.

ס ע נ ד ע ר זאָגט עפּיס לייוויקען, קוקענדיג אויף די מיידלעך.

ל י י ו ו י ק הערט איהם צושטרויט.

ז ע ל י ג צו די מיידלעך. ווי געפעלט אייך היינטיגע נאַכט?

ג ע ל י ע זיפצט. יאָ, א נאַכט.

ה י נ ד ע. אה, א נאַכט.

ס אָ ס י ע טרייסעלט זיך. ברררר.

ז ע ל י ג צו לייוויקען און סענדערן. האָט איהר געזעהן א יונגער מיידעל זאָל אַזוי קאַלט זיין?

ס ע נ ד ע ר. טאַקי א ביטערע רחמנות.

שווייגען.

ב י י ל י ע וויינט שטיל.

ב ע ר ע שטעהט און קראַצט זיך דעם באָרד.

ס ע נ ד ע ר און ז ע ל י ג שטעהען ענטקעגען די מיידלעך, ווילען אָנהעבען א געשפּרעך, אויף וואָס די מיידלעך וואַרטען שוין, זו־כענדיג דערווייל בעסערע פּאָזען פאַר זייערע קערפּער און וואַרפענדיג רחמנות'דיגע בליקען אויף ביילי'ען.

ל י י ו ו י ק קוקט אפילו אויף די מיידלעך, אָבער ער איז צו־שטרויט.

ז ע ל י ג צו די מיידלעך. איך האָב היינט געזאָגט אייזיקען, ער זאָל מאַכען א באַל און פעררופען אונז צו זיך.

ב י י ל י ע. האָט ער געמאַכט א באַל. יאָמערט שטאַרקער.

ה י נ ד ע. וואָס איז, פאַר וואָס האָט ער עפּיס געזאָלט מאַ־כען א באַל?

ז ע ל י ג לאַכט און קוקט אויף סענדערן.

ג ע ל י ע פּרעסט איין די ליפּען, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּף און פער־דרעהט איהם אָן אַ זייט.

ס ע נ ד ע ר צו זעליגען און לייוויקען, אָנווייזענדיג מיט׳ן קאָפּף אויף געליען. זי פערשטעהט שוין פאר וואָס.

ג ע ל י ע ווי פריער. פראַן דאָ וואָס צו פערשטעהן.

ל י י ו ו י ק. איך טראַכט אַלץ, וואו זוכט מען איהם.

ב ע ר ע. מען האָט יעצט גאָר ניט וואָס צו טון. מען דאַרף אָבוואַרטען ביז מאָרגען אין דער פריה און גאָר, און יעצט דאַרף מען געהט אַ היים.

ב י י ל י ע יאָמערט.

שווייגען.

ב ע ר ע. נאַ, איך וועל געהן. אַ גוטע נאַכט אייך. וואָס וועל איך דאָ אויסזיצען? אַ גוטע נאַכט אייך. געהט אַוועק.

ז ע ל י ג צו סענדערן. מיר וועלען אויך געהן?

ס ע נ ד ע ר. וואָס דען וועלען מיר מאַכען?

ז ע ל י ג. און דו, לייוויק?

ל י י ו ו י ק. מען דאַרף געהן. וואָס זאָל מען מאַכען?

ז ע ל י ג צו די מיידלעך. נאַ, ווי מיר איז נישט אַנגענעם....

בערע׳ס קול פון גאַס. אייזיק! אייזיק! אַלע לאָזען זיך צו דער טיר. דאָס צימער ווערט לעדיג.

ס אָ ס י ע בלויז בלייבט שטעהן אין טיר און טרייסעלט זיך.

פּ י נ י ע קוקט נייגיעריג נאָך, וואיעט און רעדט אַרוים: וויסט! וויסט! וואיעט ווידער.

א י י ז י ק, געפיהרט פון בערען און לייוויקען, קומט אַריין, בעטרונקען, קוים האַלטענדיג זיך אויף די פיס.

ז ע ל י ג געהט פון הינטען, אונטערשפּרינגענדיג און מאַכענדיג מיט די הענד. ער איז דאָ, ער איז דאָ, ער איז דאָ, ער איז דאָ.

ב ע ר ע אויפגעמונטערט, רעדט פריי און פרעהליך, ווי ער וואָלט אויסגעקוויפּט זיין זינד. איך געה אַרויף אויף די טרעפּ, זעה איך עמיצער שטעהט אַזוי אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, איין האַנד דאָ, די אַנ־

דערע דאַרט, און קוקט אויף דער לבנה, אזוי אַ. איך טו אַ קוק: אייזיק!

אייזיק מיט אַ בעטרונקענער און טרויריגער שטימע. איז וואָס האָט איהר זיך אזוי דערפרייט?

בערע. ווי הייסט, מען זוכט דיך אַרום שוין די גאַנצע נאַכט. שטעהט ער גאָר, פערשטעהט איהר, און קוקט, אזוי אַ...

ביילע. וואו האָסטו דיך אַרומגעשלעפּט שכור'ערהייט?

אייזיק. דאָרטען בין איך שוין נישטאָ.

בערע. איך טו אַ קוק... ווער קאָן עס שטעהן, זאָג איך מיר.

ביילע. איך וועל כאַפּען עפּיס, וועל איך דיר צושפּאַלטען דעם קאָפּ. מיין שוואַער האַרץ וועל איך אויסגיסען צו דיין קאָפּ, צו דיין לייב און לעבען... מען העבט זי אָן איינצושטילען.

בערע. אָבער, ניין, הע־ע... איך געה נעהנטער צו — רבונו של עולם, ווער קאָן דאָס אזוי שטעהן שפּעט אין אבענד, זאָג איך מיר... געה איך נעהנטער צו — —

ביילע. ער וועט לייען רובעלס און וועט פערטרינקען.

בערע מאַכט איהר מיט כעס, זי זאָל שווייגען.

ביילע זעצט זיך אויף דאָס הינטערסטע בעט, וויינט און רעדט פאַר זיך, פלוכענדיג און שעלטענדיג.

לייוויק צו אייזיקען. ביזטו געוועזען אין גרויסען וואַלד?

אייזיק לאָזט זיך פלוצלונג אַראָב אויפ'ן שטול נעבען דער קאָמאָד און צו־וויינט זיך.

זעליג צו די מיידלעך. ער האָט שוין היינט געוויינט אין ווערקשטאָט אויך.

ביילע. זאָל ער וויינען נאָך זיין קאָפּ, נאָך זיינע יאָהרען און טעג. די מאַשינקע איז ביי איהם טייערער ווי דאָס וויב און די קינדער.

ציפּע, אַ פערשלאָפענע, בעוויזט זיך אין דער טיר פון איהר צימער. וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

געליע אײלט צו איהר. גאָר נישט, גאָר נישט.

צ י פּ ע. איז ער שוין געקומען? דאָס וויינט ער אַזוי? וואָס וויינט ער?

ג ע ל י ע שטופּט זי צוריק אין צימער. גאָר נישט, גאָר נישט. וועסט מאָרגען וויסען, געה שלאָפען.

צ י פּ ע. וואָס געהסטו נישט שלאָפען? עס מוז שוין זיין שפּעט.

ג ע ל י ע. געה, איך געה באַלד.

צ י פּ ע. וואָס איז גס דאָ פאַר איין עולם? אַ חתונה'יאַ גאַנצע.

ג ע ל י ע שוין שטאַרק אונגעדולדיג. זעה, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט דאָ קראַצען! שטופּט זי אַריין אין צימער און פער־מאַכט די טיר.

צ י פּ ע הינטער דער טיר. וואָס שטופּסטו מיך, וואָס?

ג ע ל י ע קערט זיך צוריק אום אויף איהר אָרט, בעגלייט פון סענדער'ס און זעליג'ס שמייכלענדיגע בליקען.

א י י ז י ק, אויפהעבענדיג די הענד איבער'ן קאָפּף. מיר איז שווער, מיר איז שווער, מיר איז שווער...

ב י י ל י ע. איהם איז שווער! שווער זאָל איהם זיין צו לעבען. האָט זיך אָנגעשיכור'ט...

א י י ז י ק. לייוויק, מיר איז שווער, מיר איז שווע־ע־ר! רייבט זיך די ברוסט.

ל י י ו ו י ק. דו ביזט דאָך עפּיס גאָר אַ קינד, אייזיק.

ב ע ר ע. אויף מיין לעבען האָב איך גאָר אַזאַ מענשען נישט געזעהן.

א י י ז י ק. לייוויק, מיר איז שווער.

ל י י ו ו י ק. וואָס שווער, וואָס? אַי, געה.

ס ע נ ד ע ר. מאַך דיך נישט נאַריש און לעג דיך שלאָפען.

ס אָ ס י ע, טרייסלענדיג זיך. טאַקי, דאָס איז די בעסטע זאַך.

א י י ז י ק. מיר איז שווער, לייוויק. — דו פערשטעהסט מיך אויך נישט.

ל י י ו ו י ק. איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט.

ב י י ל י ע. איהם דארף מען גאר בעזונדערס פערשטעהן.

א י י ז י ק. מיר איז שווע־ע־ר, לייוויק! — — איך בין געוועזען אין גרויסען וואלד, איך בין דארטען געוועזען...

ל י י וו י ק. פעטרוש דער סטרוזש האט מיר געזאגט, אז ער האט דיך דארטין געזעהן. מיר זוכען דיך דאך שוין א גאנצע נאכט.

ב י י ל י ע. געדארפט איהם נויטיג זוכען, דעם שיכור.

ב ע ר ע מאכט מיט דער האנד, זי זאל שווייגען. נא, און איך געה יעצט א היים. שוין צייט צו שלאפען. נא, ווער געהט? קיי־נער געהט נישט? געה איך אליין. א גוטע נאכט. איך זאג אייך, איהר זאלט זיך צוגעהן און לאזען איהם לעגען זיך שלאפען. ראס איז די בעסטע זאך. נא, א גוטע נאכט. געהט אוועק.

ל י י וו י ק. איך וועל שוין אויך געהן. טו דיך אוים, איי־זיק, און לעג דיך שלאפען.

א י י ז י ק האלט לייוויק'ס האנד. מיר איז שווער, מיר איז שווער.

ל י י וו י ק קוקט אויף די אנדערע און דריקט מיט די אקסלען.

ז ע ל י ג צו די מיידלער. עס ווילט זיך גאר נישט שלאפען. איך וואלט גאר אומגעגאנגען יעצט שפאציערען. א שיינע נאכט. ווער וויל?

ג ע ל י ע. ניין, איך וועל בעסער געהן שלאפען. א גוטע נאכט אייך. לויפט צו זיך אין צימער.

ז ע ל י ג און ס ע נ ד ע ר מיט פערבויגונגען. א גוטע נאכט, פרייליין!

ז ע ל י ג. זאל איך מיך אייך חלום'ען. צו הינדען און סאסיען. נו, און איהר?

ס א ס י ע קוקט אויף הינדען, וואס וועט זי ענטפערן.

ה י נ ד ע צו סאסיען. דו ווילסט?

ס א ס י ע. עפים שוין צו שפעט.

ה י נ ד ע. נא, וועלען מיר אויך געהן שלאפען. א גוטע נאכט.

ס ע נ ד ע ר. מיר געהען אויך.

ז ע ל י ג. דו בלייבסט, לייוויק?

ל י י וו י ק צייגט מיט דער האַנד, אַז אייזיק לאָזט איהם נישט, און דריקט מיט די אַקסלען.

ס ע נ ד ע ר, ז ע ל י ג, ה י נ ד ע און ס אָ ס י ע געהען ארויס. זיי בלייבען אין פאָרהויז, שושקען זיך און לאַכען.

ב י י ל י ע שטעהט אויף פון איהר אָרט און געהט צו צום פאָרנסטען בעט, צורוקענדיג אַהין דאָס וויעגעלע; זי דרעהט איין א ביסעל די לאָמפּ, טוט אויס די שיך, רוקט צו גישינקען צו דער וואַנד, לעגט זיך אַריין אין בעט און דעקט זיך איבער.

ל י י וו י ק. לעג דיך שלאָפען, אייזיק, לעג דיך.

א י י ז י ק. מיר איז שווער, מיר איז שווער.

ב י י ל י ע. ניכטער דיך אויס, וועט דיר ווערען גרינג.

א י י ז י ק. איך בין געוועזען אין גרויסען וואַלד. גלייך פון ווערקשטאַט בין איך געגאַנגען אַהין. דאָס הייסט, איך האָב נישט געוואָלט גראָדע אַהין. נור איך בין געגאַנגען. איך האָב געדאַרפט געהן. איך האָב געמוזט געהן. געהן, געהן, געהן.

ב י י ל י ע. נו, רעדט ער נישט איצטער ווי זיין משוגענער טאַטע?

ל י י וו י ק. האָסט נישט בעדאַרפט טרינקען דעם בראַנ־פען, וואָס בערע האָט דיר געגעבען.

ב י י ל י ע. לייען געלד און אָנ׳שכור׳ן זיך.

א י י ז י ק. איך וואָלט נישט געטרונקען. נור ער האָט מיר צוגעטראָגען צו דער נאָז, און דער ריח האָט מיר א זעץ געטאָן אין קאָפּ, צוגאַנגען זיך איבער אַלע גליעדער, און איך האָב געמוזט טרינקען.

ב י י ל י ע. געמוזט טרינקען! טרינקען האָט ער געמוזט. מען האָט איהם געגויט פון קהל.

ל י י וו י ק. האָסטו בעדאַרפט געהן א היים און לעגען זיך שלאָפען.

א י י ז י ק. איך האָב געמוזט געהן. איך בין געגאַנגען אי־בער די גאַסען. און אַזוי בין איך אַרויס אין וואַלד. אין די גאַסען איז מיר געווען אַזוי איינג; אין די גאַסען האָב איך גאָר נישט גע־

קאַנט טראַכטען, נור אז איך בין אַרויס אויף דאָס פרייע פעלד, האָב איך מיך דערפיהלט פריי, גרוים און ברייט. און דענסמאָל איז מיר געוואָרען אַזוי שווער אויפ'ן הארצען. שווער, שווער, שווער.

ב י י ל י ע. בייז. געה שלאָפען, געה, און לאָז מיך אויך שלאָפען.

א י י ז י ק. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבען קאָנען טראַכטען, פערשטעהסט. און איך האָב דערפיהלט, און איך האָב דערפיהלט! —— אין פאָרצימער ווערט געלאַכט.

ב י י ל י ע. יענע קיבערן דאַרטין, די...

ד אָ ב ע ' ס קול. וואָס טוט זיך דאָ, וואָס אַזוינס? די גאַס־טיר ווערט אויף גיך צוגעמאַכט.

ה י נ ד ע ' ס קול. אייזיק איז געקומען....

דאָבע'ס קול. ווער איז דאָס יעצט אַרויס? עס ווערט שטיל.

א י י ז י ק. איך האָב מיך דערפיהלט פאַר א יתום, וואָס איך האָב צובראָכען מיין פּרעס און מיין מאַשינקע.

ל י י ו ו י ק. נו, ביזטו נישט א נאַר? דו וועסט דאָך קאָנען...

א י י ז י ק. און אין הארצען האָט מיר גענאָגט און גענאָגט דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט! פערשטעהסט, איך וויל און קאָן נישט. איך וויל, פערשטעהסט, און קאָן נישט. און איך קאָן דאָך יאָ! פער־שטעהסט, איך ווייס, אז איך קאָן דאָך יאָ! און... און... דו האָסט היינט געזאָגט אין ווערקשטאַט, אז דו זעהסט א מאָל א גוט בילד, ווערט דיר אַזוי אומעטיג און עס זיצט אין דיר עמיץ און ציהט און ציהט.

ל י י ו ו י ק. זעהסט דאָך, און פון דעסטוועגען גאָר־נישט. ציהט, ציהט ביז עס הערט אויף. מען דאַרף דאָך זיין א מענש...

ב י י ל י ע, איבערקערענדיג זיך מיט'ן געזיכט צו דער וואַנד. ער איז מיר אויך א מענש.

א י י ז י ק. איך בין איין אַנדער מענש. איך האָב אויפגע־

הויבען די הענד אין פרייעם פעלד און אנגעהויבען שרייען, שרייען, שרייען־ן־ן...

ב י י ל י ע. שריי אויף די ציינער! וואס האסטו דיך צושריען? לאז שלאפען! וועט נאך אויפוועקען די קינדער.

א י י ז י ק. איך האב עפעס געוואלט ארויסשרייען פון מיר. פאר די אויגען זיינען מיר געשטאנען די פרעס און די פעטליצעס־מאשינע, צובראכענע, צושאטענע צו... צו... צו.. מיין פרעס מיט מיין מאשינקע.

ל י י ו ו י ק. נו, נו, נו, ביזטו נישט א נאר?

א י י ז י ק. נור דאס איז גאר נישט אקעגען דאס, וואס איך קאן נישט, דאס, וואס איך קאן נישט, דאס, וואס איך קאן נישט.

ב י י ל י ע. געהט, לייוויק, א היים, וועט ער זיך אויך לעגען שלאפען.

א י י ז י ק. אז איך בין שוין אריין אין וואלד, האב איך גענומען שלאגען די בוימער, בייסען זיי, רייסען זיי, געשלאגען אין זיי מיט׳ן קאפ, מיט די הענד, מיט די פיס. און עס איז מיר א האר נישט לייכטער געווארען. איך האב מיך א ווארף געטאן אויף דר׳ערד, גערדרעהט זיך, געווארפען זיך...

ל י י ו ו י ק. הע!

א י י ז י ק. איך האב געריסען דאס גראז און געביסען די ערד. און דא האבען זיך ארויסגעקייקעלט פון קעשענע א פאר מטבעות... העבט אן מידער צו רעדען. און אז איך האב דערזעהן דאס געלד, האט זיך מיר פערוואלט טרינקען, טרינקען, טרינקען.

ל י י ו ו י ק. ניין, איך האב פון דיר מעהר געהאלטען.

ב י י ל י ע כראפעט און רעדט עפיס פון שלאף.

פ י נ י ע הערט זיך אויף און העבט אן ארומצוגעהן איבער׳ן צימער.

ל י י ו ו י ק. נא, יעצט וועל איך געהן און דו וועסט זיך לעגען שלאפען. און זיי א ביסעל מעהר מענש. מען דארף נישט גלייך ארבלאזען די נאז.

א י י ז י ק. דאס טרינקען האט מיך נישט בעפרייט. עס

נאַגט און נאַגט אין מיר. איך בין אומגעגאַנגען איבער די גאַסען, גע.... און עס נאַגט און נאַגט אין מיר, פערשטעהסט, איך האַלט מיך קוים אויף די פים און דער קאָפּ איז מיר קלאָר.

ל י י ו ו י ק. וועסט דיך אויסשלאָפען, וועסטו מאָרגען אַנ־דערש פיהלען.

א י י ז י ק. דאָס קאָנסט דו דיך אויסשלאָפען. איך — שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — ניין. איך וועל מיך נישט אויסשלאָפען. מאָרגען און איבערמאָרגען און איבער־איבערמאָרגען וועט מיך נאָ־גען און עסען און פרעסען דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט, דאָס, וואָס איך קאָן נישט. קייטען ליעגען אויף מיינע הענד, שווערע משאות אויף מיין מח...

ל י י ו ו י ק. דאָס זאָג איך דאָך, אז איך האָב דיך געהאַלטען פאַר קליגער. דו ווייסט דאָך, ווי מיר האָט זיך געוואָלט ווערען א מאָלער. נור איך זאָג מיר: עט, נישט איז נישט! קאָנסט נישט אריבער, מוזטו ארונטער.

א י י ז י ק. איך בין איין אנדער מענש, איך בין איין אנדער מענש. מיך ראַטעוועט קיין בראַנפען נישט, און מיך ראַטעוועט קיין שלאָף נישט.

ל י י ו ו י ק. דאָס וועלען מיר שוין זעהן. שלאָף דיך נור אוים.

א י י ז י ק שטעהט אויף, שאָקעלט זיך. זעהסט, איך האַלט מיך קוים אויף די פים, זעהסט? און אין הארצען נאָגט און נאָגט, און דער קאָפּ האָט גאָר נישט פערגעסען. עס שווינדעלט א ביסעל, אָבער ער האָט גאָר נישט פערגעסען. מאַכט א פּאָר שריט נאָך לייוויקען, וואַקעלט און פאַלט מיט׳ן קאָפּ צום שראַנק.

ב י י ל י ע אויפגעוואַכט. וואָס איז? וואָס איז? וואָס איז?

ל י י ו ו י ק. אייזיק איז געפאַלען. איך וועל איהם אויפ־העבען און אריינלעגען אין בעט.

ב י י ל י ע, וויעדער איינשלאָפענדיג. פון מיינעטוועגען מאָן ער אייביג ליעגען.

איי זיק. העב מיך נישט, לייוויק, אזוי איז מיר גוט. לאָז מיך ליעגען. איך דאַרף נישט קיין בעט.

לייוויק, העבענדיג איהם. מען קאָן דאָך אָבער נישט אָב־ליעגען אזוי א גאַנצע נאַכט.

איי זיק. איך וויל דאָ ליעגען. העב מיך נישט, לייוויק. זאָל מיר די קאַלטע ערד קיהלען א ביסעל דעם הייסען קאָפּ. עס איז מיר גוט אזוי.

לייוויק. דו ביזט אַ משוגענער. נאַ, א גוטע נאַכט דיר. ווער וועט צושפּאַרען די טיר?

איי זיק. מאָגסט לאָזען אָבגעשפּאַרט. קיין גנבים ווע־לען צו אונז נישט קריכען.

לייוויק. טאָמער זאָל איך דיך פאָרט אריינלעגען אין בעט?

איי זיק. ניין, אזוי איז גוט, איך קיהל מיר דעם קאָפּ.

לייוויק. נאַ, א גוטע נאַכט. געהט ארויס.

איי זיק. א גוטע נאַכט דיר, לייוויק.

הינדע'ס קול. נו, וואָס, ער שלאָפט שוין?

לייוויק'ס קול. וואו! ער ליעגט אויף דר'ערד.

ביידע בעווייזען זיך אין טיר.

הינדע. פּפע! שטעהט אויף, אייזיק!

לייוויק. אייזיק, טאָמער פאָרט...

אייזיק ענטפערט נישט.

לייוויק מאַכט מיט דער האַנד און געהט אַוועק.

הינדע. גוט שכור. פערשווינדט נאָך לייוויקען.

ביידע בלייבען שטעהן אין פאָרצימער, רעדען אַ ווייל'ע. מען הערט הינדע'ס לאַכען און לייוויק'ס „אַ גוטע נאַכט" און די גאַסטיר צוקלאַפּען. עס ווערט שטיל.

הינדע בעווייזט זיך נאָך אַ מאָל, קוקט אויף אייזיק'ן, „פּפע'־קעט" אָב און פערשווינדט. — אין צימער איז נאָך פינסטערער: דאָס גלאָז פון לאָמפּ איז שטאַרקער פעררויכערט געוואָרען. נור אַ קליינער קרייז

אַרום דעם טיש איז בעלויכטען, און אין דעם שיין זעהט מען נישט קלאָר דעם לאַנגזאַם אַרומגעהענדיגען פּיניען.

פּ י נ י ע, אַרומדרעהענדיג זיך אַ ביסעל, בלייבט שטעהן איבער אייזיק׳ן. געשטאָרבען, טויט.

א י י ז י ק, קרעכצט אַרויס. יא, שטארבען, שטארבען.

פּ י נ י ע העבט אָן ווידער אַרומצוגעהן. געשטאָרבען. אַלץ. טויט. פינסטער. קאַלט. און פינסטער און קאַלט. און בע־גראָבען. און צופוילט. און פון ווערם צועסען. און פינסטער. און קאַלט. קאַלט. בלייבט שטעהן און גיט אַרויס מאָדנע טענער, שניידענדיגע, פייפענדיגע טענער, ווי אַ וואויענדער הונד.

א י י ז י ק האָט זיך אויפגעזעצט און אַריינגענומען דעם קאָפּף אין די הענד. פּלוצלינג דרעהט ער זיך איבער און ציהט זיך אויס אויפ׳ן בויך מיט׳ן געזיכט צום שראַנק.

ב י י ל י ע לעגט זיך איבער אויף איין אַנדער זייט און רעדט פון שלאָף. איך בין גוט אומגליקליך, גוט, גוט...

פּ י נ י ע האָקט אָב זיין וואָיען און העבט אָן וויטער ארומצוגעהן. פינסטער, פינסטער, פינסטער. וואויעט ווידער.

א י י ז י ק זעצט זיך פּלוצלינג אויף מיט אַ שרעקליכען געשריי. ביילי́ע, איך האָב אויפגעגעסען דעם מישיאַק! ביילי́ע אויף גיך, איך האָב אויפגעגעסען דעם מישיאַק! איך האָב עס נישט גע־וואָלט. ביילי́ע, איך וויל עס נישט. ביילי́ע, אויף גיך!

ב י י ל י ע שפּרינגט אויף מיט שרעק. וואָס איז געשעהן? געוואַלט, וואָס איז געשעהן?

א י י ז י ק. ביילי́ע, איך האָב עס נישט געוואָלט! איך האָב עס נישט געוואָלט! איך וויל עס נישט!

ב י י ל י ע. וואָס ווילסטו נישט? געוואַלט, וואָס איז גע־שעהן?

א י י ז י ק, זיצענדיג אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגען, דער קאָפּף אויף די פיס און די הענד אין די האָר. איך האָב אויפגעגעסען דעם מישיאַק. איך האָב עס נישט געוואָלט. איך וויל עס ני־י־יששט!...

ב י י ל י ע  מאַכט אַ געוואַלט.

פ י נ י ע  בלייבט שטעהן ווי נייגיעריג איבער אייזיק'ן.

ד י  ק י נ ד ער  כאַפּען זיך אויף מיט אַ געוויין. — טירע קלאַפּען, שריט פון באָרפעסע פיס.

א י י ז י ק  שרייט. איך וויל עס ני־י־יששט !...

# קאטאלאג
פון דער
## אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק

**פיליפ קראַנץ**, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שעהן געבונדען פרייז יעדער באַנד.........75 ס.

" " דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישע רעוואָ-לוציאָן, 3 טיילען אין איין באַנד, שעהן געבונדען....75 "

" " אַמעריקא פאַר קאָלומבוס, אַ קולטורגעשיכטליכע נאָכ-פאָרשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, געבונדען....50 "

" " יציאת מצרים, מיט איין קאַרטע פון מצרים.........15 "

" " וואס הייסט נאציאן—זיינען אידען אַ נאַציאָן?......10 "

" " אריסטאטעל, זיין ביאגראפיע...................10 "

" " ברוך שפינאזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע......15 "

" " שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע......................15 "

" " יאזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע..............15 "

" " בר כוכבא, זיין ביאָגראָפיע.....................15 "

" " לעסינג און מענדעלסאהן, זייער לעבען, שריפטען און טהעטעגקייט. 185 זייטען.....................25 "

" " דיא פאמיליע ראטהשילד, זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיגקייט, 61 זייטען.........................15 "

" " דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן, 67 זייטען.......15 "

" " מאָהאמעד, דער גרינדער פון מאָהאמעדאניזמוס, 65 זייטען................................15 "

" " מעירבעער, זיין ביאָגראַפיע.....................15 "

**מאָררים ראָזענפעלד**, געזאמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד 337 זייטען, אילוסטרירט, שעהן געבונדען..$1.00

" " היינריך היינע, זיין ביאָגראַפיע, 85 זייטען...15 ס.

" " יהודה הלוי, דער גרויסער העברעאישער דיכטער, 64 זייטען.....................15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענד, 546 זייטען, פרייז יעדער באַנד 50 ״

״ ״ זרבבל, ערצעהלונג.......................... 05 ״

דר. קאספע, מעכאַניקע, נאָך סיר אייזיק ניוטאָן........... 10 ״

״ ״ אַסטראָנאָמיע ״ ״ ״................. 15 ״

״ ״ אָנפאַנג פון כעמיע....................... 15 ״

יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, 400 זייטען, שעהן געבונדען.......... $1.00

י. גארדין, גאט, מענש און טייוועל, דראַמא אין 4 אַקטען......... 25 ס.

״ ״ אלישע בן אבויה, היסטארישע דראַמא אין 4 אַקטען..... 15 ״

״ ״ דער אונבעקאנטער, דראַמא אין 4 אַקטען מיט אַ פּראלאָג 20 ״

״ ״ וואלטער, זיין ביאָגראַפיע..................... 10 ״

מאקסים גארקי, ערצעהלונגען, 92 זייטען................ 15 ״

ליעוו טאלסטאָי, פּאטריאטיזמוס און רעגירונג.................. 05 ״

דער אייגציגער מיטעל........................ 05 ״

מ. באראנאוו, דער מענש און זיין נאטור..................... 10 ״

ה. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאגראפיע.............. 10 ״

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאגראפיע.................... 10 ״

פ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע................ 10 ״

״ דער ווילנער גאון, זיין ביאגראפיע................. 10 ״

מ. פרומקין, רב ישראל בעל שם טוב, זיין ביאגראפיע........... 10 ״

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאהן, זיין ביאגראפיע.......... 15 ״

לעאָפּ. קאמפף, פארין שטורם, דראמא און 3 אַקטען.......... 20 ״

„קניאז פאטיאמקין״, דיא געשיכטע פון דעם בעריהמטען מאַטראָזען

אויפשטאַנד, אילוסטרירט, 100 זייטען....... 20 ״

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצליכקייט פיר דיא ארבייטער.. 05 ״

---

צו אַדרעסירען:

**A. M. EVALENKO, PUBLISHER**

**22 N. WILLIAM ST., NEW YORK**